STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02043

DI SHTREMUNGEN IN DER LITERATUR

Georg Morris Cohen Brandes

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געארג בראנדעס

די שטרעמונגען אין דער ליטעראטור פון XIX יאהרהונדערט

ידיש: א. ריוקלים

№ 21

פארלאג
יידיש
ווארשע

בײַם שילדערן די ענגלישע פּאָעזיע, אָנהייבנדיק פֿון די ערשטע צוואַנציקער יאָרן פֿון 19-טן יאָרהונדערט, וויל איך זיך שטעלן אַלס מײַן אויפֿגאַבע אויסצופֿאָרשן יענע שטאַרקע, טיף-באַגרינדעטע און זייער אײַנפֿלוסרײַכע שטרעמונג אין דעם ענגלישן גײַסטיקן לעבן, וועלכע האָט, באַפֿרײַענדיק זיך פֿון די קלאַסישע פֿאָרמען און זיטן, באַשאַפֿן דעם הערשנדן נאַטוראַליזם אין דער גאַנצער ליטעראַטור, פֿון נאַטוראַליזם געפֿירט צו ראַדיקאַליזם, פֿון פּראָטעסט קעגן די הערשנדע אײַנגעפֿונדעוועטע פֿאָרמען אין דער ליטעראַטור אויסגעוואַקסן ביז צו אַ מעכטיקער וועלט-אַנשויאונג קעגן דער רעליגיעזער און פּאָליטישער רעאַקציע, טראָגנדיק אין זיך יענע זאָמען פֿון די אַלע ליבעראַלע אידעען און פֿון די אַלע באַפֿרײַאונגס-טהאַטן, וואָס זענען שפּעטער פֿערווירקליכט געוואָרן דורך דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור.

דער פּעריאָד פֿון דער שענער ליטעראַטור, וועלכן איך וויל דאָ שילדערן, איז אומגעוויינלעך רײַך און בליִענד, און

II

אונגעהויער פערשיעדענפארביג, מיט סיסטעמען און שטרעמונגען, וואס זענען אפט פרעמד אדער זאגאר פיינדליך איינע צו די אנדערע, וואס זייער אינערליכער צוזאמענהאנג ווארפט זיך נישט גלייך אין די אויגען, נור עפענט זיך ביסלעכווייז בלויז פאר דעם אויג פון קריטיקער,—און דאך פערמאגט דער דאזיגער פעריאד איינהייטליכקייט און הארמאניע, און דער אבשיין פון דעם דאזיגען פעריאד, הגם ער ווייזט זיך אויס פערשיעדענפאר-ביג און שטענדיג בעוועגליך, האט דאך אנ׳אינערליכע הארמאניע, וועלכע שטאמט פון דער געשיכטע, וואס האט איהם געשאפען.

I.

דער דאָזיגער פעריאָד פון דער ענגלישער ליטעראַ־
טור האָט געוויסע אייגענאַרטען, וועלכע זענען
אַלגעמיין פאַר דער גאַנצער אייראָפּעאישער
גייסטיגער ריכטונג פון יענער צייט, ווייל זיי
זענען אַרויסגערופען געוואָרען דורך דיזעלבע
סבות. נאַפּאָלעאָן האָט געדראָהט אייראָפּאַ איינצופיהרען אַ וועלט־
הערשאַפט, און אַט, טיילווייז אינסטינקטיוו, טיילווייז בעוואוסט־
זיניג, האָבען די פעלקער, כדי אויסצומיידען די אונטערדריקונג,
וואָס איז זיי פאָרגעשטאַנען, זיך גענומען צו זייערע אייגענע
לעבענס־קוואַלען. דאָס נאַציאָנאַלע געפיהל האָט ערוואַכט און
העל אויפגעפלאַמט אין דייטשלאַנד בשעת די בעפרייאונגס־
מלחמות; אין רוסלאַנד האָט דאָס געפיהל זיך צופלאַקערט צוזאַ־
מען מיט דער שרפה פון דער אַלטער רוסישער רעזידענץ; אין
ענגלאַנד האָט דאָס געפיהל זיך אויסגעדריקט אין דער ליידענ־
שאַפטליכער סימפּאַטיע צו וועלינגטאָן און נעלסאָן און אין דעם
פערטיידיגען די ענגלישע הערשאַפט איבער'ן ים אין אַ גאַנצער

רייה בלוטיגע שלאַכטען אויף דעם שטח פון ניל ביז וואַטערלאָאָ; אין דענעמאַרק האָט די קאַנאָנאַדע פון דער שלאַכט ביים רהייד אַרויסגערופען אויף דער סצענע אַ נייעם נאַציאָנאַלען גייסט און אַ נייע פּאָעזיע. דאָס דאָזיגע נאַציאָנאַלע געפיהל צווינגט אַלע פעלקער צו פערטיעפען זיך אין זייער אייגענער געשיכטע און אייגענע זיטען, אין זייערע אייגענע לעגענדעס און טרוימערייען. די ליעבע צום פאָלקסטימליכען פיהרט צום ערלערנען און שילדערן דאָס אַזוי-גערופענע אייגענטליכע „פאָלק", ד. ה. די נידריגע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט, וועלכע די פּאָעטישע ענטוויקלונג פון 18-טען יאָהרהונדערט האָט ביז-אַהער נישט בעריהרט. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די רעאַקציע געגען דער פראַנצויזישער שפּראַך אַלס וועלט-שפּראַך האָט אָנגעהויבען פערעהרען די דיאַלעקטען.

אין דייטשלאַנד, ווי מיר האָבען פריהער געזעהן, האָט די נאַציאָנאַלע בעוועגונג געשאַפען דאָס ליידענשאַפטליכע אינטערעס צו דער פערגאַנגענהייט פון דייטשלאַנד, צום גלויבען און אַבערגלויבען, צו דער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג פון יענער צייט. אין איטאַליען, צוזאַמען מיט'ן ערשיינען פון די הימנען פון מאַנזאָני, בעמערקט זיך דאָס אומקעהרען זיך צום קאַטאָליציזם, יענע רעליגיע, וועלכע איז פערשטיינערט געוואָרען אין דאָגמאַטען און האָט זיך אינגאַנצען אָבגעזאָגט פון דער וועלט, ווערט איצט פערוואַנדעלט אין פּאָעזיע און מאָראַל; פון אַנ'אמונה ווערט זי פערוואַנדעלט אין קונסט. די רעליגיעזע בעגייסטערונג פון מאַנזאָני—דאָס איז דיזעלבע בעגייסטערונג, וועלכע האָט בעלעבט דעם גייסט פון פּאַבסט ביים אומקעהרען זיך קיין רוים און אַרויסגערופען אין אלעקסאַנדער דעם ערשטען די אידעע וועגען אַ „הייליגען פערבאַנד". פראַנקרייך, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס די האָט פון זיך אַרויסגעגעבען נאַפּאָלעאָנ'ען, איז געוועזען געצוואונגען, דורכ'ן גייסט פון דער צייט, צו געהן אויף דעמזעלבען וועג, וואָס דייטשלאַנד,—דאָרט האָט די ליטעראַרישע בעוועגונג זיך אויסגעדריקט אין אַרויסטרעטען בעגען דער אַקאַדעמיע, געגען דער אַזוי-גערופענער קלאַסישער, ד. ה. אַלוועלטליכער ליטעראַטור. די ליטעראַרישע בעוועגונג האָט

זיך אויסגעקירעוועט צוריק, איבערגעהענדיג דורך דער עפּאָכע פון לודוויק XIV צו די פּאָעטען פון 16-טען יאָהרהונדערט, צו דע—בעלע און ראָנסאַרע, און זאָגאַר צו יענע קליינליכע, קאָמישע פּאָעטען, פון וועלכע בואַלאָ האָט חוזק געמאַכט און וועלכע ער האָט אַרויס-געטריבען פון פּאַרנאַס (דער ערשטער אָנפאַל פון וויקטאָר הוגאָ אויף דער וועלט-אַנשויאונג פון דער אַלטער צייט, די ערשטע לי-טעראַרישע היסטאָרישע ווערק פון סענט-בעוו, „Les grotesgues" פון טעאָפיל גאָטיע). אין דענעמאַרק זענען די גייסטיגע פיהרער אין אָנהויב פון יאָהרהונדערט אין די הויפּט-שטריכען נאָכגעגאַנגען נאָך דער דייטשער ריכטונג און אַרויסגעטראָטען געגען דער פראַנ-צויזישער קולטור. דאָס געדיכט פון עלענשלעגער „דער גיפּס-ביוסט" אין דער „רייזע איבער לאַנגלאַנד" ווייזט-אָן אויף דעם כאַראַקטער פון דער נייער ריכטונג. דער פּאָעט געפינט אַ ביוסט אין אַ פרעמדער וואוינונג און צוערשט מיינט ער, אַז דאָס איז דער ביוסט פון וואָלטער און ער ווענדט זיך צו איהם מיט פאָלגענדע ווערטער: „פּוסטע נשמה! ער האָט געוואָלט טויטען די רעליגיע און חוצפּה'-דיג אָבגעלאַכט און חוזק געמאַכט פון דער גאַנצער עפּאָכע". אָבער דאָ דערקענט ער, אַז פאַר איהם איז גאָר דער ביוסט פון עוואַלדי און ער הויבט אָן זינגען בעגייסטערטע לויב-ליעדער צום פּאָעט. די געטרייע פּאָרשונג פון גאַאון "Homadragaden„ ברייגגט צו דיזעלבע רעזולטאַטען, צו דעם אויספיהר, אַז די נייע שולע איז אַריינגעטראָטען אין אַ קאַמפּף מיט דער פראַנצויזישער גיי-סטיגער ריכטונג, איבערהויפּט אין דער פאָרם, וועלכע די דאָזי-גע ריכטונג האָט אָנגענומען, ווען מען זאָל אויף איהר קוקען דורך דייטשע אויגען. אָבער סטעפענס האָט אויסער דעם איבער-געטראָגען צום צפון אויך די קולטור פון דייטשלאַנד. און אָט ווערט די דאָזיגע בעוועגונג, וועגען וועלכער מירריידען דאָ, אין איהר צווייטען, אויך זעהר כאַראַקטעריסטישען ענטוויקלונגס-סטאַ-דיום פערוואַנדעלט פון דער פריינדשאַפט צו פראַנקרייך אין אַ פריינדשאַפט צו יעדען פרעמדען בכלל, איבערהויפּט צו דייטשלאַנד, וועלכע האָט אַזוי לאַנג געשפּיעלט אין דענעמאַרק די ראָליע פון אַ בעדריקערין, און אַדאַנק דעם מערקווירדיגען, דגם אויך גאַנץ

נאַטירליכען פּראָצעס, האָט טאַקע דיזעלבע בעוועגונג, וועלכע האָט געבראַכט צום אומקעהרען זיך צום אייגענעם, צום נאַציאָנאַלען און זיך פריהער אויסגעדריקט אין דעם נאָכמאַכען דייטשלאַנד, אויך מיטגעהאָלפען דערצו, אַז דענעמאַרק זאָל אַלץ מעהר און מעהר אָבפאַלען פון דייטשלאַנד (די סקאַנדינאַווישע ריכטונג, גרונדוויג).

אין ענגלאַנד געפינען מיר דיזעלבע גרונד-שטריכען, מיט וועלכע עס צייכענט זיך אויס די בעוועגונג אין אַלע אַנדערע לענדער. דאָ בעמיהט מען זיך אויך אַראָבצושאָקלען פון זיך די פראַנצויזישע בילדונג, וועלכע האָט אין 18-טען יאָהרהונדערט געהערשט צווישען די הויכע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט. דער לעצטער פּאָעט פון דער קלאַסישער ריכטונג, פּאָפּ, האָט אין גיכען אויפגעהערט דיענען אַלס מוסטער פאַר דעם יונגען דור. מען האָט אָנגענומען דאָס קליינע מענשעלע ביי זיין שענעם פּאַרוק און אָנגעהויבען טרעטען מיט די פיס די רעגעלמעסיג-איינגעאָרדענטע בלומען-טעפּ פון זיין גאָרטען. ערשט איצט האָט מען קלאָר דערזעהן, וואָס פאַר אַ מעכטיגען רעזערוור פאַר דעם ענגלישען נאַציאָנאַלען גייסט מען האָט געקאָנט געפינען אין די מעהר מוטיגע, פרישע קעניגרייכען, וואָס זענען געלעגען ווייט פון צענטר פון פּאָליטישען לעבען און נאָך נישט געוועזען אויסגעמאַטערט דורך דער קולטור. אירלאַנד, וועלכע האָט אין 18-טען יאָהרהונדערט אַרויסגעגעבען אַזאַ דענקער, ווי סוויפט, און אַזאַ שריפטשטעלער, ווי גאָלדסמיט, האָט פערמאָגט אַ גאַנצען אוצר פון פּראַכטפולע מעלאָדיעס, וועלכע האָבען אָנגעהויבען קלינגען פון אַלע זינגענדע מיילער אין אייראָפּאַ, ווי נור עס האָט זיך געפונען דער גרויסער ליריקער, וואָס האָט געשאַפען די ווערטער צו די מעלאָדיעס. די אויסער שולע האָט צונויפגעזאַמעלט און אַרויסגעגעבען זייערע אַלטע ליעדער, און אין שאָטלאַנד, וואו אין די נידעריגע געזעלשאַפטליכע קלאַסען האָבען נאָך נישט בעוויזען אַריינצודרינגען די שווערע לעבענס-בעדינגונגען פון די ענגלישע אַרבייטער און וואו דאָס פאָלק, וואָס האָט שטאָלצירט מיט זיין פערגאַנגענהייט און זיין פאָטערלאַנד, האָט פעסט זיך געהאַלטען

ביי זיינע פאָלקס-ליעדער, זיינע פאָראורטיילען און פאָליטישער איי-גענאַרטיגקייט, איז אין ענדע פון 18-טען יאָהרהונדערט ערשיע-נען „אָסיאַן" פון מאַקפעריאָן, ווי אַ פּראָטעסט געגען דער קאַל-טער געקינסטעלטער קאָפּ-פּאָעזיע. ער האָט געהאַט אויך אַ גרוי-סען איינפלוס אויף אַלפיערי און פּאָסקאָלע אין איטאַליען, אויף הערדער און געטע אין דייטשלאַנד און אויף שאַטאָבריאַן אין פראַנקרייך. ווייטער ערשיינען אין ענגלאַנד: אַ זאַמלונג פון ענג-לישע פאָלקס-ליעדער פון פּערסי, און אין שאָטלאַנד—אַ זאַמלונג פון אַלטע שאָטלענדישע באַלאַדען פון וואַלטער סקאָט.

אָבער אין דער פּויזע צווישען די דאָזיגעביידע ווערק איז פאָרגעקומען איינע פון יענע ליטעראַרישע שטרעמונגען פון איין לאַנד אין צווייטען און פערקעהרט, וואָס די אויספאָרשונג פון זיי איז אונזער הויפּט-אויפגאַבע און וועלכע טרעט דאָ אַרויס זעהר בולט. באַלד נאָכ׳ן ערשיינען פון דער זאַמלונג פון פּערסי איז דאָס בוך אָנגעקומען קיין געטינגען, אין הויז פון אַ קליינעם געריכטס-בעאַמטען ווירגער, וועלכער האָט געלעבט אין די ערג-סטע בעדינגונגען, אין אַ שרעקליכען און דעמאָראַליזירענדען דאָ-פּעלטען הייראַטס-פערבאַנד מיט צוויי שוועסטער. די זאַמלונג פון פּערסי האָט געמאַכט אַזאַ שטאַרקען איינדרוק אויף ווירגער׳ן, אַז אין זיין קאָפּ איז פאָרגעקומען אַנ׳אמת איבערקעהרעניש, און אין איהם איז געבוירען געוואָרען אַנ׳אונגעהויערער פערלאַנג אָנצושרייבען עפּיס אַזוינס, וואָס איז שוין לאַנג געווען אַרויס-געטריבען פון יעדער גוטער פּאָעזיע, נאָר וואָס ער האָט אין דער ווענדונג צו באַגעזען אָנגערופען אמת׳ע פּאָעזיע: אַ באַלאַדע. און דאָ האָט ער אָנגעהויבען שרייבען זיין בעריהמטע „לענאָרע", וועלכע ער האָט בעאַרבייט לאַנגזאַם, איין וואָך נאָך דער צוויי-טער און מיט אַזאַ איבערצייגונג אין דער וויכטיגקייט פון זיין טריט, אַז זיינע בריעף צו פריינד זענען ריין מיט אויסדריקען, אין וועלכע עס שפּירט זיך דאָס שטאַרקסטע בעוואוסטזיין פון דער אייגענער ווירדע. די דאָזיגע באַלאַדע איז ערשיענען און אין גיכען פערשפּרייט געוואָרען איבער גאַנץ אייראָפּאַ. אין 1795 האָט איינע אַ יונגע דאַמע אין עדינבורג בעקענט מיט דער דאָ-

זיגער באַלאַדע אַ צווייטען געריכטס-בעאַמטען און דער דאָזיגער יונגער יוריסט, מיט׳ן נאָמען וואַלטער סקאָט, אין וועלכען עס האָט געלעבט אַ פּאָעט און אַ פּיעל גרעסערער; ווי דער מחבר פון „לענאָראַ”, איז צום ערשטען מאָל אַרויסגעטראָטען אויפ׳ן געביט פון פּאָעזיע דורך איבערזעצען די דאָזיגע באַלאַדע און נאָך איינע: „דער ווילדער זיגער”. אַזוי ווי די דאָזיגע איבערזעצונגען האָבען געפונען אָנערקענונג, האָט ער אָנגעהויבען זיך רעכענען פאַר אַ פּאָעט. און טאַקע אויפ׳ן גרונד פון די דאָזיגע איבערזעצונגען, ווי אויך פון דער איבערזעצונג פון געץ פאָן בערליכענגען, וואָס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען דורך סקאָט אין 1799, איז ענטשטאַנען דער נאַציאָנאַלער שאָטלענדישער ראָמאַנטיזם פון זיין פּאָעזיע.

אַלזאָ, אין דער דאָזיגער ליטעראַטור בעמערקט זיך אויך צוערשט דער גייסט פון דער אַלגעמיין-אייראָפּעאישער רעאַקציע געגען 18-טען יאָהרהונדערט. דאָס פול מיט לעבען נאַציאָנאַלע בעפיהל, וואָס האָט פערנומען דעם פּלאַץ פון דער קאָסמאָפּאָליטישער ריכטונג, געפינען מיר אין ענגלאַנד, ביי וואָרדסוואָרט—אין דער פאָרם פון פּאָעטישער בעשרייבונג פון פּאַטריאָטיזם, ביי סוטיי—אין דער פאָרם פון גאַנצען אָדער האַלב-אָפיציעלען בעזינגען דאָס קעניגליכע הויז און די נאַציאָנאַלע העלדען־טהאַטען, ביים שאָטלענדער קעמפּבעל—אין דער פאָרם פון שטורמישע קריעגס-ליעדער און ליעדער וועגען דער פרייהייט, בעת סקאָט און מור זענען די פּאָעטישע פערקערפּערונגען פון אירלאַנד און שאָטלאַנד. די אַלגעמיינע שטרעבונג צום נאַציאָנאַלען געפינט איהר הויפּטפאָרשטעהער אין דער פּערזאָן פון וואָרדסוואָרט, וועלכער האָט הויפּטזעכליך געשילדערט דאָס לעבען פון די נידעריגע קלאַסען און די פּראָלעטאַריער; די סימפּאַטיע צו דעם מיטעלאַלטער געפינט איהר הויפּט-פאָרשטעהער אין דער פּערזאָן פון סקאָט, וועלכער האָט אין זיך פעראייניגט די פרייד פון אַנ׳אַנטיקוואַר, ווען ער דערזעהט די דענקמעלער פון דער פערגאַנגענהייט, צוזאַמען מיט דער ליידענשאַפט פון אַ פּאָליטיקאַמאַר צו שילדערן אַלץ, וואָס איז געקומען בירושה פון די עלטערן, אין דער פּאָ-

צײַשסטער פֿאָרם. דער ראָמאַנטיזם פֿון אַבערגלויבען געפֿינט זײַן פּאָעט אין דער פּערזאָן פֿון קאָלרידזש, וואָס זײַן געמאַכטע קינדישקייט און אײַנפֿאַכקייט איז זעהר עהנליך אויפֿ'ן פּאָעט טיק. קאָלרידזש איז גלײַכצײַטיג יענער פּאָעט, וועלכער, זענענדיג דורכגעדרונגען מיט'ן גײַסט פֿון דער דײַטשער פֿילאָזאָפֿיע פֿון יענער צײַט, דריקט אויס דעם אַלגעמײַנעם וויסענשאַפֿטליכען פּראָטעסט געגען דער אויפֿקלערונגס-עפּאָכע. זײַן שיטה איז כּלל נישט קײן ענגלישע: דאָס איז אַ רײן-אַפּריאָרישע גײַסטיגע לעהרע, וועלכע איז געגען דעם עקספּערימענטאַלען כאַראַקטער פֿון דער ענגלישער וויסענשאַפֿט; דאָס איז אַ קאָנסערוואַטיווע, רעליגיעזע און היסטאָריש-בעגרינדעטע לעהרע אין געגענזאַץ צו דער פֿריהערדיגער פֿילאָזאָפֿיע, וועלכע האָט געטראָגען אַ ראַדיקאַלען, אַפּיקורס'ישען און מעטאַפֿיזישען כאַראַקטער; דאָס איז שעלינגיאַניזם, וועלכער בעמיהט זיך צוערשט אָבהיטען וואָס מעהר פֿון די אַנשויאונגען פֿון פֿאָריגען יאָהרהונדערט, נאָר דערנאָך שטרעבט ער אַלץ מעהר עקשנות'דיג צו די געגענגעזעצטע עקסטרעמען דערפֿון, וואָס האָט אין דער פֿאָריגער עפּאָכע געהאַט אַזאַ דורכפֿאַל. סוטיי שטעלט זיך אויפֿ'ן וועג פֿון אַ כאַאָטישער פֿאַנטאַסטישער ריכטונג פֿון ראָמאַנטיזם דורך זײַנע ערצעהלערישע מזרח-פּאָעמעס, און וואָס אָנבעלאַנגט די לײדענשאַפֿטליכע העלדען פֿון שאַטאָבריאַן און פֿון די ראָמאַנטיקער, וואָס לײדען פֿון גײַסטיגער צובראָכענקייט, האָט בײראָן זײ געשילדערט אין מעהר בולט'ע און שטאַרקערע בילדער, בעת ווידער דער גלויבען פֿון שעלי אין זײַן גײַסטער און איבערמאַכען די אַלע פֿריהערדיגע אָנגענומענע פֿאָרמען פֿון שרײַבען ליעדער, דערמאָהנט די האַרציגקייט און דונקעלקייט פֿון די ליעדער פֿון נאָוואַליס.

II.

אבער די דאָזיגע אַלגעמיינע גרונד-שטריכען פון יענעם דור ווערען אויף אַ גאַנץ קענטיגען אופן אָבגעריבען דורך אַ גאַנצער רייה אָריגינעלע ענגלישע אייגענשאַפטען, וועלכע בעווייזען זיך נישט אין ערגיץ אויף קיין אַנדער אָרט און ווערען נור בעגעגענט ביי אייניגע פערשיעדענאַרטיגע שריפטשטעלער, וואָס טרעטען אַרויס אויף דער סצענע אין דעם דאָזיגען פעריאָד פון דער ענגלישער ליטעראַטור.

די דאָזיגע אייגענשאַפטען קאָנען אַלע זהאַראַקטעריזירט ווערען דורך איין הויפט-שטריך: דורך אַ שטאַרק-אויסגעדריקטען נאַציאָנאַליזם. ווי מיר האָבען שוין געזעהן, איז די ערשטע בעוועגונג בעשטאַנען דערין, וואָס די שריפטשטעלער זענען געוואָרען נאַציאָנאַל. אָבער זיין נאַציאָנאַל האָט אין ענגלאַנד געהייסען דאָסזעלבע, וואָס זיין אַנ׳אָנהענגער פון דער נאַטוראַליסטישער ריכטונג, פונקט ווי אין דייטשלאַנד האָט עס בעדייט זיין אַ ראָמאַנטיקער, און אין דענעמאַרק—אַנ׳אָנהענגער פון דער אַלט-סקאַנ-

דינאַווישער וועלט. די דאָזיגע שריפטשטעלער פאָרשען, לערנען
און ווערען אַלע בעגייסטערט פון דער נאַטור. וואָרדסוואָרט, וועל-
כער האָט ליעב צו בעצייכענען זיינע געפיהלען אַלס אידעען,
פראָקלאַמירט בוכשטעבליך אַלס זיין פאָהן דאָס וואָרט „נאַטור”
און שילדערט אין גראַנדיעזע בילדער, נאָר מיט די קלענסטע
איינצעלהייטען, בערג, אָזערעס און טייכען, פויערים און אַרביי-
טער פון צפון-ענגלאַנד. די נאַטור-בעשרייבונגען פון סקאָט זע-
נען צוזאַמענגעשטעלט לויט די אָהן אַ שיעור נאָטיצען, וואָס זע-
נען געמאַכט געוואָרען אויפ'ן אָרט, און זענען אַזוי גענוי, אַז אַ
באָטאַניקער וואָלט געקאָנט לויט זיי ערלערנען די אָרטיגע גע-
וויקסען-וועלט. קיטס מיט זיין גאַנצער טיעפער סימפאַטיע צו
דער אַלטער וועלט און דענישער מיטאָלאָגיע איז אַ סענסואַליסט,
וואָס בעזיצט די שאַרפסטע עמפפינדליכקייט און די ראַפינירטע-
סטע, פיעלזייטיגע זינליכקייט: ער זעהט, הערט, טאַפּט-אָן, שפירט
דעם טעם און אָטעמט אין זיך אַריין אַלערליי פּראַכטפולע שאַ-
טירונגען פון פאַרבען, דעם געזאַנג פון פויגעל, די זיידענע ווייכ-
קייט, די זאַנפטיגקייט, דעם ריח פון די בלומען, דאָס אַלץ, וואָס
ווערט בעגעגענט אין דער נאַטור. מור—דאָס איז די פערקער-
פערטע בעגייסטערונג פון זינליכקייט. דער דאָזיגער פּאָעט, וואָס
איז אַליין אַ צובאַלעוועטער און באַלעוועט אויך די לעזער, לעבט
אַזוי, גלייך ווי ער זאָל זיין אַרומגערינגעלט דורך די שענסטע
און איידעלסטע נאַטור-אייגענשאַפטען. ער פערבלענדט אונזער
שכל מיט אַזשורען-שיין, פערשלעפּערט איהם דורך זיסע געזאַנ-
גען און טונקט זיך אין זיסקייטען. מיט איהם לעבען מיר שטענ-
דיג אין אַ טרוימערישער בעטראַכטונג פון פויגעל, בלומען, רע-
גענבויגען, שמייכלען, העל-אויפגעפלאַקערטען פייערייל, פאַרב פון
פערשעמטקייט אויף די באַקען, טרעהרען, קושען און ווידער
קושען. נאַטוראַליזם—דאָס איז דיזעלבע טענדענץ, וועלכע איז
פערבאָרגען אין דער טיעפסטער טיעפעניש פון אַזעלכע ווערק,
ווי בייראָנ'ס „דאָן זשואַן” און „טשענצי” פון שעלי. מיט אַנדע-
רע ווערטער, אויפ'ן ענגלישען באָדען בעקומט דער נאַטוראַליזם
אַזאַ שטאַרקע ענטוויקלונג, אַז ער בעלעבט און בעגייסטערט סיי

די שטרעבונג צום איבערנאַטירליכען ביי קאָלרידזש, סיי אין דער טיעפער רעליגיעזער אמונה און ענטדעקונג ביי וואָרדסוואָרט, אַטעאיסטישען גלויבען אין גייסטער ביי שעלי, רעוואָלוציאָנערן ליבעראַליזם ביי בייראָן און היסטאָרישען אינטערעס ביי סקאָט. ער הערשט איבער דעם פערזענליכען גלויבען און פּאָעטישע ריכ־טונג פון אַלע פּאָעטען.

דער דאָזיגער מעכטיגער העלער חוש צו דערווירקליכ־קייט בעגרינדעט זיך אויף פערשיעדענע, שאַרף־אויסגעדריקטע ענגלישע אייגענאַרטען: ערשטענס, אויף דער ליעבע צום ים און צו דער יבשה. כמעט אַלע ענגלישע שריפטשטעלער, וואָס טרע־טען אַרויס אין יענער צייט, זענען אָדער דאָרפס־איינוואוינער אָדער מאַטראָסען. די ענגלישע מוזע זינט אַרילד האָט שטענדיג געלעבט אין פריינדשאַפט מיט די פריצ׳ישע גיטער און אַרענ־דאַטאָרישע פערמעס. די ריין־ענגלישע פּאָעזיע פון וואָרדסוואָרט האַרמאָנירט פּאָלקאָם מיט די גוט־בעקאַנטע פּאָפּולערע בילדער און צייכנונגען, וואָס שילדערן דאָס ענגלישע דאָרפס־לעבען מיט דעם שטעמפּעל פון געזונטקייט און רוהיגער גלייכגעוויכט, וואָס ליעגט אויף זיי, און ערטערווייז—מיט אַנ׳עוואַנגעלישען שיין אי־בער די סנאָפּעס, וואָס חאַראַקטעריזירען די פּאָטערליכע טעטיג־קייט פון דאָרפס־גלח אָדער דעם פרומען חאַראַקטער פון דעם היימישען גאָטעס־געבעט. ביאָרנס, דער זינגער פון אַקער, דער גרעסטער פּאָעטישער זשעני פון שאָטלאַנד, האָט געווידמעט די שאָטלענדישע פּאָעזיע דעם דאָרפס־לעבען, און פיעל אמת איז אין די סאַרקאַסטישע ווערטער פון עמערסאָן, ווען ער זאָגט, אַז סקאָט האָט אין אַלע זיינע פּאָעטישע ערצעהלונגען געגעבען נור אַ טאָג־בוך פון אַ רייזע איבער שאָטלאַנד אין ריימען. אַז די דאָזיגע ווערק האָבען געמאַכט אַזאַ איינדרוק אויך אויף די מענ־שען פון זיין דור, זעהט מען אַרויס פון דעם סאַטירישען שפּאַס פון מור וועגען דעם, ווי סקאָט בעשרייבט אין זיינע געדיכטען איין פריצ׳יש גוט נאָכ׳ן צווייטען*) און וואָס פאַר אַ ראָליע עס

*)אויב איהר שפירט אין זיך אַ נצוץ פון פּאָעטישער בעגייסטערונג, האָב איך

האָבען געשפּיעלט די פּריצ'ישע גיטער אין לעבען פון די דאָזיגע צווי שאַרף־געגענגעזעצטע פּאָעטישע נאַטורען, ווי בייראָן און סקאָט.

דער נאָמען ניוסטעד איז אייגנ פערבונדען מיט'ן נאָמען בייראָן, פּונקט ווי דער נאָמען אַבאָטספאָרד איז פערבונדען מיט'ן נאָמען פון וואַלטער סקאָט. ניוסטעד, מיט זיין מיטעלאַלטערישער און פאַנטאַסטישער אַרחיטעקטור, איז פאַר בייראָנ'ען דער אונבעדינגטער פּאַן פון זיין טיטול „פּער" און די גאַראַנטיע פון זיין רעכט אויף צו חאַרינען אין ענגלאַנד. ער וועט נור דאַן עס פערקויפען, ווען ער וועט אויף אייביג זיך געזעגענען מיט'ן פאָטערלאַנד. דאָס גוט פון וואַלטער סקאָט איז, אמת, נישט פון אַזאַ אַלטען יחוס: ער האָט זיך געקויפט אַבאָטספאָרד, ווען דער פערלאַנג צו בעקומען אונבעוועגליכע גיטער, וואָס האָט שוין לאַנג אין איהם זיך דערוועקט, איז געוואָרען זיין שטאַרקסטע ליידענשאַפט, און אין יענעם גליקליכען פעריאָד פון לעבען, וועלכען ער פערברייננגט אין דעם גוט, אָרדענט ער זיך איין אַזוי, ווי ער וואָלט פון קינדהייט אָן געוואַקסען מיט דעם איינציגען ציעל—אַרויסווייזען אַ מלכות'דיגע גאַסטפריינדליכקייט פון אַנ'אַלטען שאָטלענדישען פּאָליטיקער און לעבען מיט זיין דרייסט לעבען אויף דער פרייער לופט. דאָס גרעסטע פערגניגען פאַר איהם איז איבערצוגעהן ביז דעם האַלז דורך אַ שטורמישען טייך, מיט דער געפאַהר צו ברעכען דעם קאָפּ, חאָטש ער וואָלט געקאָנט איבער־פאָהרען דעם טייך מיט דער בריק, אָבגעהענדיג בסך הכל אַ טריט

פאַר אייך אַ פּראָיעקט: ה' סקאָט, ווי אייך איז בעוואוסט, האָט אָרעקגעוואָרפען די יוריספּרודענץ, זוכענדיג ניעם רוהם און איז אָוועק קיין טען, אָבשטעלענדיג זיך לאַנג אויפ'ן וועג; אָנהויבענדיג פון ראָבקאַ, רעכענט ער דורכלויפען אַלע פּריצ'ישע גיטער אויפ'ן וועג. איצט בעשטעהט דאָס נאָכיאָגען דערין (הגם קיין אייגער פון אונזערע ספּאָרטס־מענער איז נישט אימשטאַנד צו שלאָגען זיך מיט איהם). אַז מען זאָל אַרויסשיקען איהם אַנטקעגען דורך האַיגעס אַ צווייטען פּאָעט, וועלכער זאָל אַזוי שנעל פאָהרען, נישט אָב־שטעלען זיך, נישט פערזוימען זיך, אַז ער זאָל דורכלויפען עטליכע ווילעס פריהער, ווי סקאָט וועט בעווייזען צו צוקומען). מור, איבערגעהאַפּטע בריעף, 4.

50, אָדער זיין פערגניגען איז געווען צו פאָהרען רייטענדיג אויפ׳ן ווילדען פערד, אויף וועלכען קיינער וואָלט זיך נישט בעשליסען צו רייטען, אָדער גאָר האַפּען לאָסאָסען ביי דער שיין פון פאַקעלען, פריהרענדיג אין דער קאַלטקייט פון דער נאַכט אָדער ווייקענדיג זיך אין רעגען. וועלכער קענער פון בייראָנ׳ען וועט דערביי זיך נישט דערמאָהנען וועגען זיין תאוה צו פאָהרען רייטענדיג אויף אַ ווילד פערד און זיינע דרייסטע פראָבעס איבערצושווימען טייכען!

דאָך בעמערקט מען אַ געגענזאַץ אין דער בעציהונג פוןביידע פאָעטען צו זייערע גיטער, און דער געגענזאַץ נעהמט זיך פון זייערע פערשיעדענע נאַטורען. די תאוה פון בייראָנ׳ען צו זיין גיוסטעד נעהמט זיך פון זיינע אַריסטאָקראַטישע נייגונגען, די ליידענשאַפט פון סקאָט צו אַבאָטספאָרד שטאַמט פון זיינע היסטאָרישע אינסטינקטען. פונקט ווי אין דער טיעף פון סקאָט׳ס גוט האָט זיך געפונען דער עטריקער וואַלד, האָט פון דער טיעפעניש פון ניוסטעד אַרויסגעשיינט דער שערבודער וואַלד, וועלכער האָט בעקומען אַזאַ גרויסען נאָמען אַדאַנק ראָבין גוד און זיינע פרעהליכע חברים. דאָך האָבען די דאָזיגע ערינערונגען נישט געהאַט קיין גרויסע ווירקונג אויף בייראָנ׳ס פּאָעזיע, הגם ער האָט, איבעריגענס, געגעבען אַ פראַכטפולע בעשרייבונג פון דעם גוט אין 13-טען ליעד פון „דאָן זשואַן". דאַגעגען, די ערינערונגען וועגען עטריקער וואַלד געהען דורך, ווי אַ מעלאָדיע, דורך אַלע פּאָעטישע ווערק פון סקאָט, און נישט בייראָן, נאָר ער האָט אין זיין „אייוועגגאָ" אויפגעפרישט דאָס לעבען און די פּאָעזיע פון שערבודער וואַלד.

די צווייטע אייגענשאַפט פון ענגלישען נאַטוראַליזם איז די ליידענשאַפט פון די פּאָעטען צו די העכערע מינים חיות און זייערע שטענדיגע בעציהונגען מיט דער וועלט פון די חיות. זיי שפּירען אַ ליעבע צו אַלע הויז-חיות, און דאָס איז אַ רעזולטאַט פון דער צוגעבונדענקייט צום הויז-לעבען, וואָס איז די אייגענשאַפט פון די ענגלענדער. זיי שלעפען מיט זיך מיט אויף די רייזעס זייערע שטוב-זאַכען און זייערע הויז-חיות. כמעט די אַלע

שריפטשטעלער-סאָרטסמענער זענען הויפּטזעכליך לײדענשאַפטלי-כע רײטער. מען דאַרף געדענקען דעם דאָזיגן כאַראַקטעריסטי-שען שטריך, כדי נישט אָנצונעהמען — ווי מען טהוט אָפּט — אַלס פּערזענליכע אָדער אָריגינעלע אײגענשאַפט די כאַראַקטעריסטי-שע ערשײנונג, וועלכע שטאַמט פון דער פאָלקס-נשמה. נישט אומזיסט שטאַמט די דאָזיגע ראַסע פון צוויי מיסטישע העלדען מיט נעמען פון פערד: העפּטיסט און האָרזאַ. די ליעבע פון בײ-ראָנ׳ען צו פערד, הינד און פערשידענע ווילדע חיות, אויף וועלכער מען האָט אַזוי אָפּט אָנגעוויזען, ווי אויף אַן אָריגינעלער אײגענשאַפט פון דעם דאָזיגן אונבעליעבטען וואַנדערער, ווײזט זיך אַרויס אין דערזעלבער שאַרפער פאָרם אויך בײ וואַלטער סקאָט, וועלכער האָט געלעבט אַ גליקליך פאַמיליען-לעבען. דער בעוואוסטער בריעף פון מעטיו וועגען לעבען אין ניוסטעד שיל-דערט אונז דעם יונגען בײראָן אַרומגערינגעלט מיט אַ גאַנצען טיער-גאָרטען, אין וועלכען עס האָבען זיך געפונען, צווישען אַנ-דערן, אײן בער און אײן וואָלף; מען זוכט אין זײנע ערצעהלונגען וועגען לעבען פון פּאָעט אין איטאַליען דערצעהלט, ווי אַזוי ער איז אַרויסגעפאָהרען פון ראַווענאַ אין 1821 — „מיט פיער דיענער, פיער קאַרעטען, נײן פערד, אײן מאַלפּע, אײן יאַגד-הונד, אײן בולדאָג, צוויי קעץ, דרײ צעסאַרקעס און אַנדערע פויגעל.” דאָס קאָן אָפּט אויסזעהן ווי אַ פּערזענליכע אײגענשאַפט. אָבער צוליעב אַ פער-גלײך וועלען מיר איבערלײענען אין דער ביאָגראַפיע פון וואַלטער סקאָט די בעשרײבונג פון זײן איבערפאָהרען קײן אַבאָטספאָרד. דער גאַנצער אונטערשיעד איז נור דערין, וואָס דאָ מישט זיך צו צום טיער-גאָרטען אויף זעהר אַ קאָמישען אופן אויך דאָס גע-וועלב פון אַנטיקוואַר: „די פּראַצעסיע האָט אויסגעזעהן ווי אַ קאַראַוואַן, די קאַרעטעס זענען געווען איבערפולט מיט אַלטע שווערדען, פײל-און-בויגען, פּאַנצער און שפּיזען; די היהנער האָט מען אײנגעאָרדענט אין אַלטע שלעמען, און אפילו די קיה האָ-בען געמוזט אין דער פּראָצעסיע פיהרען אַלטע פאָהנען, שטאַנד-אַרטען און מושקעטען. צוזאַמען מיט דער פּראָצעסיע זענען גע-לאָפען אַ טוץ פויערשע קינדער, וואָס זענען געווען אײנגעשפּאַנט

אין פישיאַגד-נעצען און העקעלעך אויף חאַפּען לאָסאָסען און גע-
פיהרט מיט זיך אויף שטריק פערשיעדענע היגד". מיר געפינען
אַ צייכען פון מעלאַנכאָליע פון דעם אייביג-געקענדען בייראָן
אין זיין צוגעבונדענקייט צום הונד „באָרועץ" און אין דער פיי-
ערליכער אויפשריפט, וועלכע ער האָט געהייסען אויסגראַווירען
אויפ'ן קבר פון זיין ליעבלינג. נאָר כדי בעסער צו פערשטעהן
די דאָזיגע ערשיינונג, וועלען מיר דערמאָהנען, אַז אויך דער
לעבענס-לוסטיגער סקאָט, ווען עס איז געשטאָרבען זיין ליעבלינגס-
הונד „קאַמפּ", האָט ער געהייסען בעגראָבען איהם פייערליך אין
גאָרטען, בעת זיין גאַנצע פאַמיליע איז געשטאַנען אַרום דעם
קבר און האָט געוויינט.

אָבער נאָך מעהר חאַראַקטעריסטיש, איידער די ליעבע צו
גיטער, צו הינד און פערד און נאָך מעהר, ווי די צייכענס, וועל-
כע די דאָזיגע ליעבע האָט איבערגעלאָזט אין דער ענגלישער
פּאָעזיע, איז די ליעבע פון די ענגלענדער צום ים. אַן'ענגלענ-
דער איז אַן'אמת'ע אַמפיביאַ *). אַ גרויסער טייל פון די נאַטור-
בעשרייבונגען פון יענער צייט געהערט צום געביט פון ים-לע-
בען. עס האָט עקזיסטירט אַן'אַלטע לעגענדע, וואָס איז אין יע-
נער צייט רוהמפול בעשטעטיגט געוואָרען—אַז ענגלאַנד איז די
קעניגין פון די ימים; די ענגלישע פּאָעזיע איז געווען און גע-
בליבען דער בעסטער אויסדרוק און קאָמענטאַטאָר פון ים. אַ
פרישער און פרייער ים-ווינט בלאָזט פון די בעסטע פּאָעטישע
ווערק פון לאַנד; דער ים האָט זיך פאָרגעשטעלט די פּאָעטען
פון ענגלאַנד אַלס אַ גרויסער סימבאָל פון פרייהייט, פּונקט ווי
די אַלפּען זענען אין אַלע צייטען געווען אויך אַזאַ סימבאָל פאַר
די פרייע זיהן פון דער שווייץ. וואָרדסוואָרט שרייט-אויס מיט פּאָל-
קאָמען רעכט אין זיינע „סאָנעטען, געווידמעט דער פרייהייט":
„דאָרט הערען זיך צוויי שטימען: איין שטים פון ים, אַ צוויי-
טע—פון די בערג; יעדע שטים איז אַ שטאַרקע, אַ מעכטיגע;
ביידע האָבען שטענדיג דיך געבראַכט אין ענטציקונג; זיי זענען

*) אַמפיביאַ — אַ חיה, וואָס לעבט האַלב אויף דער יבשה, האַלב אין וואַסער.

„עווען דיין בעליעבטע מוזיק, אָ, פרייהייט!”

דעריבער אויך זעהען מיר, ווי דער לאַנג-אָבגעשטאָרבענער גייסט פון דער עפּאָכע פון די וויקינגען שווימט ווידער אַרויף ביי די בעסטע פּאָעטען פון דעם לאַנד אין יענעם פּעריאָד, און די ענגלישע ליטעראַטור פון 19-טען יאָהרהונדערט דערגרייכט צו איהר העכסטער מדרגה. איג'ם געדיכט פון קאָלרידזש „דער אַלטער מאַטראָס” איז אויסגעדריקט די גאַנצע שרעק און אימה, וואָס דער ים וואַרפט-אָן. די אָדע פון קאַמבעל, „די מאַטראָסען פון ענגלאַנד” איז אַנ'אָנציהענדער, מעלאָדישער און קרעפטיגער ליב-געזאַנג צו דער העלדישער טאַפּפערקייט און שטאַרקע קראַפט און מאַכט פון די ענגלישע ים-מאַטראָסען; די בייראָנישע וואַנדערונגען פון די וויקינגען שפּיגל'ען זיך דירעקט אָב אין „טשיילד-האַראָלד” און אין „דאָן-זשואַן”; די ליידענשאַפט פון שעלי צום ים און צו ים-רייזעס לעבט און אָטעמט אין דער בעוועגונג פון זיין ריטם, וואָס איז עהנליך אויף חוואַליעס, און אין אַלע זיינע ליעדער, וועלכע בעזינגען דעם ווינט און די חוואַליעס, און מעהר פון אַלץ אין זיין מייסטער-ווערק: אַנ'„אָדע צום מערב-ווינד”.

אין בעציהונג צו דער געזעלשאַפט איז דער נאַטוראַליזם,— ווי דאָס האָט זיך שוין בעמערקט ביי רוסאָ,—רעוואָלוציאָנעריש, און אונטער דער דאָזיגער ליעבע צו גיטער, אונטער דער דאָזיגער ליידענשאַפט צו די קאַפּריזען פון ים און צו דער הערשאַפט איבער איהם, וואָס זענען די טיעפסטע גרונדען פון נאַטוראַליזם, בעהאַלט זיך ביי די ענגלענדער נאָך אַ מעהר טיעף געפיהל פון נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיגקייט; דאָס דאָזיגע געפיהל האָט געמוזט, צוליעב געוויסע היסטאָרישע בעדינגונגען פון יענער צייט, פיהרען אויף אַ נאַטירליכען אופן די בעסטע קעפּ צו ראַדיקאַליזם. קיין איין נאַציע איז ניט דורכגעדרונגען אין אַזאַ שטאַרקען גראַד מיט דעם געפיהל פון זעלבסטווירדע, ווי די ענגלישע; דאָס בעמערקט מען אַמבעסטען, ווען אַנ'ענגלענדער געפינט זיך אין אויסלאַנד צווישען פרעמדע; ער זאָגט אַרויס זיין נאַציאָנאַליטעט: „איך בין אַנ'ענגלענדער”,—„ווי אַ שטים פון אַ רעהר.” דאָס דאָ-

זיגע געפיהל פון זעלבסטווירדע איז אַריבער אויך אין דער ענג־לישער ליטעראַטור, אין אַנ׳ענטשיידענדען מאָמענט האָט דאָס איהר צוגעגעבען אַ כאַראַקטעריסטישע אייגענשאַפט; דאָסזעלבע געפיהל גיט אַ שטויס און רופט אַרויס אַנ׳איבערקעהרעניש אין דער ליטעראַרישער בעוועגונג אין איירָאָפּאַ פֿאַר דער עפּאָכע, וועלכע מיר בעטראַכטען דאָ. כדי אָבצושטעלען דעם שטראָם, וואָס איז געגאַנגען פון „הייליגען פערבאַנד״, איז געווען נויטיג אַנ׳ענגלענדער, ווי בייראָן,—אַנ׳ענגלענדער, ווייל, ערשטענס, נור אַנ׳ענגלישער פּאָעט האָט געקאָנט האָבען גענוג דרייסטקייט אויף אַזאַ זאַך, צווייטענס, דערפֿאַר, ווייל אין יענער צייט האָבען נור ענגלישע פּאָעטען געהאַט בעשטימטע פּאָליטישע שטרעמונגען און אַ טיעפען פּאָליטישען פערשטאַנד, מיט וועלכען עס האָט זיך שטענדיג אויסגעצייכענט די דאָזיגע ערשטע, און אפשר אויך איינציגע פּאַרלאַמענטאַרישע נאַציע. עס איז ווידער געווען נוי־טיג אַנ׳ענגלענדער, כדי מיט אַ ווילדער ענערגיע צו וואַרפען אַ האַנדשוה דעם אייגענעם פאָלק. נאָר אין אַ פּאָלק, וואָס האָט אַממעהרסטען שטאָלצירט מיט זיין נאַציאָנאַליטעט, האָט מען גע־קאָנט געפינען גרויסע מחות, גענוג שטאָלצע, אַז זיי זאָלען קאָ־נען געהן געגען די פערלאַנגען פון זייער נאַציע.

די דאָזיגע פערזענליכע זעלבשטענדיגקייט ביי די אָנגע־זעהענע פּאָעטישע פאָרשטעהער פון ענגלאַנד זענען אַ ריין-ענגלי־שע אייגענאַרטיגקייט. דאָס זענען פּאָעטען, וואָס האַלטען זיך נישט, אַזוי צו זאָגען, ביי קיין שיטה; אַמאָל גיבען זיי נאָך אַ וועלכע-עס-איז עסטעטישע טעאָריע, אָבער אַ פילאָזאָפישע—קיינ־מאָל נישט. בעת, צום ביישפּיעל, דייטשען: לעסינג, געטע, שילער טראָגען אַריין אַלע רייכע אוצרות אין דער וויסענשאַפט, איז צווישען די ענגלישע פּאָעטען נישטאָ קיין איין געלעהרטער. און דאָס מערקווירדיגסטע דערביי איז, וואָס די דאָזיגע שריפטשטע־לער בעראַטען זיך קיינמאָל נישט צווישען זיך. געטע און שילער פיהרען אַנ׳אונעגדליכע קאָרעספּאָנדענץ וועגען כאַראַקטער פון פערשיעדענע סוזשעטען, וועגען דער אמת׳ער פאָרם פון זייער בעאַרבייטונג; זיי פיהרען אַמאָל לאַנגע געשפּרעכען וועגען דער

נויטיגקייט צו צוגעבען אָדער אַראָבצונעהמען אַ געוויסע שורה. גייבערג און זיין שולע האַלטען זיך ביי בעשטימטע גרונד-געזעצען, וועגען וועלכע זיי זענען געקומען צו אַנ'איינשטימונג. זיי זענען כמעט אַזוי וויים קריטיקער, ווי פּאָעטען. אָבער סקאָט, בייראָן און מור, פעראייניגט דורך פעסטער, האַרציגער פריינדשאַפט, שרייבען יעדער בעזונדער זייערע פּאָעטישע ווערק און בעראַטען זיך נישט און דריקען נישט אויס קיין פערלאַנג צו בעראַטען זיך—נישט דורך אָנווייזונגען, נישט דורך עצות, נישט דורך געשפּרעכען מיט קאָלעגען-פּאָעטען וועגען די אָנגעהויבענע אַרבייטען. אפילו דאַן, ווען, אַלס אויסנאַהם, האָט איינער פון זיי אַ ווירקונג אויפ'ן צווייטען, ווי, צום ביישפּיעל, בייראָן אויף וואָרדסוואָרט'ן און אויף שעלי, קומט דאָס פאָר, אַזוי צו זאָגען, געהיים, גאַנץ נישט-בעוואוסטזיניג און דערביי אַזוי, אַז דער פּאָעט, וואָס פאַלט אַרונטער אונטער אַ פרעמדען איינפלוס, דערמאָהנט קיינמאָל נישט וועגען דעם און איז זיך דערין נישט מודה. איינער אַנ'אַמעריקאַנער שריפטשטעלער האָט זעהר געלונגען אויסגעדריקט די דאָזיגע אייגענשאַפט פון דער ענגלישער ראַסע אין פאָלגענדע ווערטער: „יעדער פון די דאָזיגע אינזעל-איינוואוינער איז אַליין אַ בעזונדערע אינזעל״.

מיר האָבען אויבען בעריהרט די פראַגע וועגען פּאָליטישען פערשטאַנד און אָנטייל. פונקט אַזוי ווי צווישען די דאָזיגע פּאָעטען איז נישטאָ קיין איין געלעהרטער, איז אויך צווישען זיי נישטאָ קיין איינער, וואָס זאָל צוגלייך נישט זיין אויך אַ פּאָליטיקער. די פּאָליטישע שטרעבונגען זענען די דירעקטע רעזולטאַטען פון דעם רעאַליזם, וואָס איז די אייגענשאַפט פון די ענגלענדער. דער אונטערשיעד אין איבערצייגונגען קאָן צוטיילען די דאָזיגע פּאָעטען אין פּאָליטישער בעציהונג, אָבער אַלע שטעהען זיי אויף דער זייט פון דער אָדער יענער פּאַרטיי: סקאָט איז פון דער פּאַרטיי „טאָרי״ *), וואָרדסוואָרט—אַ רעאַליסט, סוטיי און קאָלרידזש זענען פריהער אָנהענגער און דערנאָך געגנער פון די

*) „טאָרי״—פּאַרטיי פון אַריסטאָקראַטען אין ענגלאַנד.

ליבעראַלע אידעען פון זייער צייט, מור איז אַנ׳אָנהענגער פון די אירלענדער; לאַנדאָר, קעמפּבעל, בייראָן און שעלי—ראַדיקאַלען, פערטיידיגער פון די געדריקטע פעלקער. אַנ׳אויסנאַהם איז נור איין פּאָעט, קיטס, אָבער מען דאַרף נישט פערגעסען, אַז ער איז געשטאָרבען אין עלטער פון 25 יאָהר.

אַדאַנק דעם דאָזיגען אינטערעס צום ריעאַלען לעבען, האָבען די ריין-ליטעראַרישע פראַגען (צום ביישפּיעל, קלאַסיציזם אָדער ראָמאַנטיזם) נישט געקאָנט, צוליעב זייער ווייטקייט פון לעבען, בעקומען אין ענגלאַנד יענע איבערטריבענע בעדייטונג, וועלכע זיי האָבען געהאַט אין יענער צייט אַדאַנק די ריין-ביכער-קאָמענטאַריען און דיספּוטען אין דער ליטעראַרישער וועלט פון דייטשלאַנד, דענעמאַרק און זאָגאַר פראַנקרייך. עס איז נור קאָמיש צו זעהן ביי די דאָזיגע פּאָעטען, ווי אַזוי די שטרעבונג פון די ענגלענדער צו פּראַקטישער טעטיגקייט פעראייניגט זיך ביי זיי מיט פאַנטאַסטישע פּאָעטישע איינפאַלען. סקאָט דערפיהרט זיין שנאה צו דער רעוואָלוציע ביז ריינעם דאָן-קיכאָטענטום. צום ביישפּיעל, ער רעדט זיך אָב מיט איינעם זיינעם אַ פריינד, אַ הערצאָג, אַז אין פאַל, ווען די פראַנצויזען וועלען אַרויסזעצען אַ דעסאַנט אין ענגלאַנד, זאָלען זיי אַנטלויפען אין אַ וואַלד און לעבען דאָרט, ווי ראָבין גוד און זיינע קאָלעגען. אין דערזעלבער צייט האָבען סוטיי און קאָלרידזש, היציג ווי יונגלעך און אָנהענגער פון די יאַקאָבינער, ערקלערט זייערע בעקאַנטע וועגען זייער בעשלוס צו עמיגרירען אין וועלכען-עס-איז איינזאַמען ווינקעל אין אַמעריקאַ; עס זענען אויסגעקליבען געוואָרען די ברעגעס פון טייך סוסקעגאַנאַ, ווייל דער נאָמען פון דעם דאָזיגען טייך האָט אויסגעוויזען די יונגע-לייט בעזונדערס שען און מעלאָדיש; דאָרט האָבען זיי געוואָלט גרינדען אַ געמיינדע, דאָס אייגענטום זאָל זיין געמיינזאַם און וואו אַלע מענשען זאָלען לעבען לויט דער נאַטור.

לאַנדאָר, וועלכער האָט אַלס סאָלדאַט אין שפּאַניען נישט מורא געהאַט איינצושטעלען זיין לעבען, פערטיידיגענדיג זיינע אידעען, האָט געוואָלט ביי זיך אין דער-היים, אין וואַרוויקשור,

אויפֿלעבן די עפּאָכע פֿון די אַרקאַדישע אידיליעס; ער, אַלס פּאָעט, איז זעהר עהנליך אויפ'ן סאָציאַליסט אָדען. שעלי האָט אין פּאָליטיק זיך אויסגעצייכענט מיט אַזאַ עמפּפינדליכקייט, אַז ער צווינגט שטענדיג צו דערמאָהנען וועגען איינעם זיינעם אַנ'אויסדרוק אין „יוליאַן און מאַדאָלאָ": „איך בין, ווי אַ נערוו, אין וועלכען עס שפּיגעלט זיך אָב יעדער דרוק אויף דער ערד, וואָס איז פֿאַר אַנדערע נישט עמפּפינדליך".

ער האָט מיט'ן געפֿיהל פֿאָראויסגעזעהן פֿיעל פּאָליטישע איבערקעהרענישען. אָבער דערזעלבער שעלי, וועלכער האָט מיט 50 יאָהר, ביז דעם איינפֿיהרען די פּאַרלאַמענטאַרישע רעפֿאָרם, צוזאַמענגעשטעלט אַ גענויעם פּלאַן וועגען איהר אין איינער אַ פּאָליטישער בראָשור, און אין דער דראַמאַ „עלאַדאַ" פֿאָראויסגעזאָגט דעם גליקליכען אויסגאַנג פֿון דעם אויפֿשטאַנד, אין דער צייט, ווען די שטאַטסמענער האָבען געהאַלטען דעם אויפֿשטאַנד פֿאַר האָפֿנונגסלאָז, ווערט אַ ריינער פֿאַנטאַסט, ווי נור ער הויבט אָן ריידען וועגען דער פֿאָרשטעהענדער גאָלדענער עפּאָכע פֿון דער מענשהייט. לייענט, ווי אַזוי ער בעשרייבט די עפּאָכע, אַלס יונגעל, אין זיין „קעניגין מעוו": „דאָס אייז פֿון צפֿון-פּאָל צוגעהט, די מדבריות ווערען בעאַרבייט, די יאַשטשעריצע לעקט דאָס פֿיסעל פֿון קינד, די ווינטען ווערען מעלאָדיש, די פֿרוכטען זענען שטענדיג פֿאַרטיג, די בוימער — שטענדיג שען. דער לייב שפּיעלט זיך מיט'ן ציגעלע, דער מענש הרג'עט נישט קיין חיות און ער שפּייזט זיך נישט מיט זיי, די פֿויגעלעך אַנטלויפֿען מעהר נישט פֿון די מענשען. דער פּחד איז פֿערשוואונדען". נישט ווילענדיג, דערמאָהנט מען זיך דערביי די פֿאַנטאַסטישסטע און וואַהנזיניגסטע פּראָיעקטען פֿון די דעמאָלדיגע פֿראַנצויזישע סאָציאַליסטען: דאָס גרינדען אַ פֿאַלאַנסטעריע *) האָט געדאַרפֿט, לויט דעם פּלאַן פֿון פֿוריע, האָבען אַזאַ שטאַרקע ווירקונג אויף די עקאָנאָמישע בעדינגונגען פֿון דער גאַנצער וועלט, אַז סוף כל

*) פֿאַלאַנסטעריע — קאָמונישע געמיינשאַפֿט, לויט דער טעאָריע פֿונ'ם סאָציאַליסט פֿוריע.

סוף וואָלט די נאַטור אַליין געמוזט זיך ענדערן: די צפון-שייך, צוגעשמיעדט צום צפון-פּאָל, וואָלט געשאַפּען פאַר סיביר די וואַרימקייט פון אַנדאַלוזיאַ; מענשען וואָלטען אָבגענומען ביים ים זיין זאַלץ און אָנשטאָט דעם צוגעגעבען איהם דעם טעם פון ליִמאָנאַד, און די ווילדע חיות פון ים וואָלט מען אָנגעהויבען איינשפּאַנען, ווי ים-פערד, אין אונזערע שיפען. צום גליק, האָט די דאַמף-מאַשין אין גיכען געמאַכט איבעריג דאָס דאָזיגע איינשפּאַנען. אפילו בייראָן, וועלכער איז אָהן צווייפעל דער פּראַקטישסטער פון די אַלע פּאָעטען,—איז געווען אַ פּאָעט אויך אין דער פּאָליטיק. עס איז כמעט קיין ספק נישט, אַז די קעניגליכע קרוין פון גריכענלאַנד האָט שטאַרק איהם צוגעצויגען און איז געווען דאָס ציעל פון זיינע אונטערנעהמונגען.

איך וויל כלל נישט אָבלייקענען, אַז די ענגלישע פּאָעטען ווייזען אַרויס נישט ווייניג פאַנטאַזיע, נישט קוקענדיג אויף זייער פּראַקטישער ריכטונג. און דאָך דורך זייער מאָראַל, דורך זייער וועלט-אַנשויאונג געהט-דורך אַ רעאַליסטישער שטריך, וועלכען מיר בעגעגענען נישט ביי קיין אַנדער פאָלק אין אַזאַ שאַרפער פאָרם. מיר געפינען מעהר געזונטען מענשליכען פערשטאַנד אין זייער פּאָעזיע, ווי אין דער פּאָעזיע פון די פּאָעטען פון אַנדערע פעלקער. זיי אַלע צייכענען זיך אויס מיט זייער שטאַרקער שטרעבונג צו גערעכטיגקייט. וואָרדסוואָרט האָט דאָס איבערגענומען בירושה פון מילטאָנ׳ען; קעמפּבעל, בייראָן און שעלי פיהלען דאָס אויף אַזוי פיעל אינסטינקטיוו, נישט-ווילענדיג, אַז זיי וואָלטען, דאַכט זיך, געקאָנט דאָס פערטיידיגען געגען דער גאַנצער וועלט, בעת די דאָזיגע שטרעבונג שפּיעלט נישט קיין שום ראָליע, נישט ביים גרויסען דייטשען פאָרגענגער פון בייראָן, געטע, נישט ביי זיין טאַלענטפולען פראַנצויזישען נאָכפאָלגער, מיוסע. קיין איינער פון די דאָזיגע פּאָעטען האָט קיינמאָל נישט אַרויסגערופען די הערשער צום משפט פון גערעכטיגקייט. און די אָריגינעלע, ריין-ענגלישע אייגענאַרטיגקייט איז דאָס, וואָס די דאָזיגע גערעכטיגקייט, וועגען וועלכער עס טרוימען די ענגלענדער, איז נישט קיין אַפּריאָרישע אידעע, פאַר וועלכער עס בוקט זיך, צום ביי-

שפיעל, שילער, נאָר איז אַ קינד פון דער אידעע וועגען נוצליכ-
קייט. כדי צו פערשטעהן גוט מיין געדאַנק, וועלען מיר זיך ווענ-
דען צו אַזאַ נעבעלהאַפטען, אידעאַליסטישען פאָעט, ווי שעלי,
און מיר וועלען זעהן, אַז זיין מאָראַל איז פונקט אַזוי דורכגע-
דרונגען מיט דער אוטיליטאַרישער פילאָזאָפיע, ווי די מאָראַל
פון בענטאַם און סטיואַרט מיל. חאַראַקטעריסטיש אין דער בע-
ציהונג איז איין שטעל אין זיינע עסייען. ער זאָגט אין צוויי-
טען קאַפיטעל פון זיין „Speculacion of Moral“: „אויב עמיצער
פרעגט, פאַרוואָס דאַרף ער מיטהעלפען דעם גליק פון דער מענש-
הייט, פאָדערט ער אַ מאַטעמאַטישע אָדער מעטאַפיזישע בעגרינדונג
פאַר אַ מאָראַלישער טהאַט. דער אַבסורד פון אַזאַ סקעפּטיציזם איז
ווייניגער קלאָר, אָבער נישט ווייניגער פערשטענדליך, ווי דער
אַבסורד פון פאָדערן אַ גרונד פאַר וועלכען-עס-איז מאַטעמאַטישען
אָדער מעטאַפיזישען כלל.“ אין דער לעהרע וועגען העכערן גליק
פאַר אַ מעגליכסט גרעסערער צאָהל מענשען און אין דער טיע-
פער שטרעבונג צו גערעכטיגקייט, דורכגעדרונגען מיט פראַקטי-
שען גייסט, וואָס האָט געדיענט אַלס פסיכאָלאָגישע קוועלע פאַר
דער לעהרע, בעשטעהט אין דער ווירקליכקייט דער אויסגאַנגס-
פונקט פון ראַדיקאַליזם פון דער ענגלישער פאָעזיע אין דער צייט
פון דער גרויסער אייראָפּעאישער רעאַקציע.

III.

אזוי ווי די ענגלענדער זענען גלייכצייטיג אַ פאָלק פון גרויסער פעסטקייט און אונטערנעהמונגס-גייסט, אַ נאַציע, וועלכע האָט מעהר פון אַלץ ליעב איהר פאָטערלאַנד, איהר היים און אין דערזעלבער צייט האָט זי מעהר פון אַלץ ליעב אַרומצורייזען, אַ נאַציע, וואָס איז לאַנגזאַמער פון אַנדערע אין מאַכען ענדערונגען אין איהר אָרדנונג, און ווייזט אַרויס אין דערזעלבער צייט די גרעסטע פריידענקעריי אין פאָליטישער בעציהונג,—מוזען די פאָליטישע טהוער פון דער נאַציע זיך צופאַלען אויף צוויי גרויסע פאָליטישע גרופען: איינע האַלט זיך ביים אָבהיטען דעם „סטאַטוס קוואָ", אַ צווייטע פערקערפערט אין זיך דרייסטע פריידענקעריי. דאָס טיילען זיך אויף פאַרטייען איז דאָרט אַבסאָלוט נישט ענהליך צו דעם, וואָס קומט-פאָר אין פראַנקרייך. אויב מען איז אפילו מגזם, ווען ער זאָגט, אַז אין פראַנקרייך עקזיסטירען נור צוויי פאַרטייען,—40-יעהריגע און 20-יעהריגע,—איז די דאָזיגע טיילונג דאָך אין גרונד גענומען אַ ריכטיגע און צו איהר פעראייניגט מען נור דעם אָדער יענעם היסטאָרישען נאָמען פון אַ פאַרטיי. אין ענגלאַנד איז די טיילונג געגרינדעט אויף דעם

פאָלקס-חאַראַקטער גופא, און אין דעם דאָזיגען בעלעבטען פּעריאָד פון דער ענגלישער פּאָעזיע איז וואָרדסוואָרט דער פאָרשטעהער פון איין גרופּע, און בייראָן—דער טיפּ פון אַ צווייטער גרופּע.

איבריגענס, אין אָנהויב פון 19-טען יאָהרהונדערט האָט די דאָזיגע שפּאַלטונג בעקומען נאָך אַ טיעפערן גרונד, אַדאַנק דעם צווייזייטיגען חאַראַקטער פון דעם הויפּט-געשעהעניש פון יענער צייט. דאָס דאָזיגע הויפּט-געשעהעניש איז געווען דער קריעג מיט פראַנקרייך. ריידענדיג וועגען דער דייטשער בעפרייאונגס-מלחמה, האָב איך שוין בענוצט דעם אויסדרוק, אַז דאָס איז, אמת, געווען אַ קאַמפּף געגען אַ שרעקליכען דעספּאָטיזם, אָבער געגען אַזעלכען, וואָס האָט געדיענט אַלס אויסדרוק פון די אידעען פון דער רעוואָלוציע, און אַז דאָס איז געווען, אמת, אַ קאַמפּף פאַר דער היים און פאַמיליע, אָבער אַזעלכער, וואָס האָט געשטאַמט פון דעם בעפעהל פון די אַלטע רעאַקציאָנערע דינאַסטיעס; אויב מען קאָן דאָס מיט רעכט זאָגען וועגען דעם קאַמפּף פון דייטשלאַנד, איז דאָס נאָך פיעל מעהר ריכטיג בנוגע די מלחמות פון ענגלאַנד. די ענגלישע אונאָבהענגיגקייט איז נישט געשטאַנען אין קיין געפאַהר, אָבער איהרע אינטערעסען האָט געדראָהט אַ גרויסע סכנה; דערביי זענען אָן דער שפּיץ פון ענגלאַנד פאַר דער צייט פון די לאַנגע מלחמות און אויך אַ גרויסע צייט שפּעטער נישט געשטאַנען, ווי אין דייטשלאַנד, פריידענקערישע מענשען, נאָר די העכערע מאַכט איז געווען קאָנצענטרירט אין די הענד פון די „טאָרי", די פערשטיינערטסטע און עקשנות׳דיג-רעאַקציאָנערסטע רעגירונג, וועלכע האָט ווען-עס-איז עקזיסטירט אין ענגלאַנד.

דעריבער איז דער גרונד-טאָן פון דער שענער ליטעראַטור פאַר דעם גאַנצען פּעריאָד אַזאַ מרה שחורה׳דיגער, און זיינע וואָלקענס שווער און שוואַרץ און „נישט דורכזיכטיג פאַר דער זון" (sunbeamproos), ווי עס וואָלט געזאָגט שעלי. אין דער טיעפעניש פון דעם בילד, וואָס איך וויל שילדערן פאַר׳ן לעזער, איז ענגלאַנד ווי אַ פּייזאַזש אין מיטען דער נאַכט-בעלויכ-

טונג. די גוטע אייגענשאַפטען פון פאָלק זענען געווען גע-
ווענדט אויף אַ פאַלשען וועג, זיין זעלטענע כאַראַקטער-פעסט-
קייט איז געווען אויסגענוצט אויף צו בעקעמפפען די שטרע-
בונג צו פרייהייט ביי אַ צווייט פאָלק, זיין איידעלע ליעבע צו
פרייהייט איז אויסגענוצט געוואָרען אויף אַראָבצעוואַרפען דעם
נאַפּאָלעאָנישען דעספּאָטיזם, און נאָכדעם האָט מען דערמיט מיס-
ברויכט אויף צוריקצושטעלען די אַלטע פערפוילטע טראַהנען,
וועלכע מען האָט אויפגעשטעלט אונטער דעם שוץ פון פולווער-
רויך פון וואַטערלאָאָ, מיט אַזאַ שנעלקייט, ווי מען בויט גיליאָ-
טינעס. די נייטראַלע אייגענשאַפטען פון פאָלק זענען פערוואַנ-
דעלט געוואָרען אין שלעכטע; די אייגען-ליעבע און עקשנות זע-
נען פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַדעליגע אכזריות און סוחר'ישען
עגאָאיזם, וואָס בליהען געוועהנליך אויף אין עפּאָכען פון רעאַק-
ציע; די טרייע בעציהונג צום קעניגליכען הויז איז אויסגענוצט
געוואָרען אויף ענטוויקלען שקלאַפעריי, און דאָס נאַציאָנאַלע בע-
וואוסטזיין פון זעלבסטווירדע האָט מען פונאַנדערגעפלאַקערט ביז
נאַציאָנאַלער שנאה, וואָס ענטוויקעלט זיך געוועהנליך אין ציי-
טען פון לאַנגע מלחמות. ענדליך, די שלעכטע אייגענשאַפטען
זענען ענטוויקעלט געוואָרען ביז דער לעצטער מדרגה. די ליעבע
צו אויסערליכער העפליכקייט און צערעמאָניעס, וואָס איז זעהר
טיפּיש פאַר די מאָראַלישע אינסטינקטען פון די ענגלענדער, האָט
מען ענטוויקעלט אין מאָראַלישע צביעות, און די פעסטע צו-
געבונדענקייט צו דער איינמאָל פאַר אַלע מאָל אָנגענומענער רע-
ליגיע, וואָס איז דער פּראַקטישער און נישט זעהר סימפּאַטישער
בעגלייטער פון אַ נישט-טיעפער גייסטיגער ריכטונג, איז דער-
גאַנגען טיילווייז ביז רעליגיעזער צביעות, טיילווייז ביז פאַנאַטיזם,
ביז דער ליידענשאַפט פון פערפאָלגונגען. קיין איין עפּאָכע איז
נישט געווען אַזוי גינסטיג פאַר דער ענטוויקלונג פון צביעות און
פאַנאַטיזם, ווי יענע צייט, ווען די אָנפיהרער פון פאָלק האָבען
ווי אונטערגעהעצט דאָס פאָלק צו שטאָלצירען מיט זיין רעליגיע
פאַר דעם פריידענקערישען פראַנקרייך.

מעהר פון אַלץ האָבען דערפון געליטען די גרעסטע פאָע-

טען פון לאַנד. עס איז שוין צו-אַלט צו ריידען וועגען דער רע־ליגיעזער צביעות, וואָס האָט פערטריבען בייראָנ׳ען פון זיין הויז. פיעל, מעהר ענטוויקעלטע מענשען זענען גענויגט צו ערקלערען אַלס בעגרענצטע, נאָר עהרליכע איבערציייגונג דאָס, וואָס מען האָט פריהער געהאַלטען אַלס צביעות. אָבער מיט אַזאַ מיינונג איז שווער איינצושטימען. די צביעות, אין דער פאָרם, ווי זי האָט זיך אַרויסגעוויזען אין ענגלאַנד בנוגע צו בייראָן און שעלי, קאָן מען שוין נישט אָנרופען בלויז נאַרישקייט,—דאָס איז אין העכסטען גראַד עקעלהאַפטע צביעות, געשטיצט אויף בעגרע־ניצטקייט.

קודם כל איז די ערגסטע אייגענשאַפט פון פאָלק, די נוי־גונג צו אונטערדריקונג, בוכשטעבליך איינגעפיהרט געוואָרען אַלס סיסטעם. צו קיין איין עפּאָכע קאָן מען אַזוי שטאַרק נישט אָנ־ווענדען דאָס, וואָס ווערט אָנערקענט אַלס דער הויפּט-חסרון פון גרויס־בריטאַניען: ענגלאַנד, שאָטלאַנד און אירלאַנד צוזאַמען אונ־טערדריקען די ווייטע קאָלאָניעס, ענגלאַנד און שאָטלאַנד צוזאַ־מען אונטערדריקען אירלאַנד, די אירלענדישע קירך, האַנדעל און אינדוסטריע; ענגלאַנד בעמיהט זיך מיט אַלע כחות אַראָב־שטופען אויפ׳ן צווייטען פלאַן שאָטלאַנד, און אין ענגלאַנד אַליין דריקט דער רייכער דעם אָרימען, דער הערשענדער קלאַס—אַלע איבעריגע. אין יענער צייט האָט פון 30 מיליאָן בירגער נור איין מיליאָן שטים-רעכט אין פּאָליטישע פראַגען, און דער, וואָס וועט איבערלייענען אין בייראָנ׳ס „קופערנעם פעריאָד" די אָנפאַ־לען אויף די ערד-בעזיצער, קאָן זעהן, ווי אונ׳ברחמנות׳דיג די דאָזיגע ערד-בעזיצער זענען נתעשר געוואָרען אין דער צייט פון דער מלחמה אויפ׳ן חשבון פון אַנדערע קלאַסען און ווי אונפער־שעמט זיי האָבען געפיהרט זייער גאַנצע פּאָליטיק דערצו, אַז מען זאָל זיך פערזיכערן די מעגליכקייט אויף אַזאַ טעטיגקייט אויך אויף שפּעטער.

אַזאַ לאַגע ווייזט אַרויס פון איין זייט אַ שעדליכע, פון דער צווייטער זייט, פערקעהרט, אַנ׳אויפלעבענדע און בעגייַ־סטערנדע ווירקונג אויף די שריפטשטעלער פון לאַנד. די, ביי

וועלכע דאָס הייליגע פייער האָט געבּרענט שוואַך, זענען פריה אויסגעלאָשען געוואָרען און געוואָרען די רעאַקציאָנערע שטיצע פון דער הערשענדער לאַגע. יענע ווידער גלענצענדע קעפּ, וואָס זענען געווען פעהיג צו געהן געגען ווינד, האָבען בּיי דעם דרוק פון די דאָזיגע בּעציהונגען ענטוויקעלט אַ ליבעראַלען פּאַטאָס, וואָס האָט אויפגערודערט די פּאָליטישע אַטמאָספערע. פאַר די דאָזיגע שריפטשטעלער איז ענגלאַנד געווען אַ מין „גיבּראַלטאַר פון אָבּגעלעבּטע אידעען" און זיי האָבען פערלאָזט זייער פּאָ־טערלאַנד, כּדי אָנצופאַלען, שטורמעווען און באָמבּאַרדירען עס מיט דעם געוועהר פון צאָרן און חוזק.

מען מוז זיך בּעקענען מיט די איינצעלהייטען פון די פּאָ־ליטישע בּעציהונגען, וואָס האָבען געהערשט אין דעם לאַנד, כּדי צו פערשטעהן גוט דעם באָדען, אויף וועלכען עס איז אויסגע־וואַקסען די ליטעראַטור, און בּעקומען אַ קלאָרען בּעגריף וועגען די גרונד־לאַגען (נישט בּנוגע דער קונסט, נאָר בּנוגע דער מלוכה, געזעלשאַפט און רעליגיע), וואָס האָבען צוטיילט די פּאָעטען אויף פערשיעדענע געגענגעזעצטע גרופּען. אויפ'ן ענגלישען טראָהן איז געזעסען אין אָנהויב פון יאָהרהונדערט (שוין פון 1769) געאָרג דער דריטער. פון קינדוויז אָן האָט זיין מוטער זיך בּעמיהט איינצופלאַנצען אין איהם איבּערטריבּענע און גאַנץ נישט־ענגלישע בּעגריפען וועגען דער העכסטער מאַכט,—בּעגריפען, וואָס האָבען דאַן געהערשט אין אַנדערע לענדער פון איירָאָפּאַ, און דאָס האָט איהר אויף אַזוי ווייט זיך איינגעגעבּען, אַז בּעריהמטע לאָרדען, וואָס זענען אויסגעקליבּען געוואָרען אַלס האָפמייסטער פון פּרינץ, האָבּען איינער נאָכ'ן אַנדערן זיך אָבּגעזאָגט פון די פליכטען, וואָס זענען אויף זיי אַרויפגעלעגט געוואָרען, דערפאַר ווייל זייער איינפלוס האָט געפונען אַ צו־שטאַרקע געגען־ווירקונג. איינער פון זיי, לאָרד אָו אָלדערעוו, וועלכער איז געווען נישט בּלויז אַ גוטער בּעאָבּאַכטער, נאָר אויך אַן איבּערגעגעבּענער אָנהענגער פון האַנאָווער־הויז, האָט געגעבּען זעהר נישט קיין סימפּאַטיש בּילד וועגען די כאַראַקטעריסטישע אייגענשאַפטען פון דעם פּרינץ: ער בּעשרייבּט איהם אַלס זעהר אַ בּעגאַבּטען, גאָר אָהן התמדה; ז

שטרענג־עהרליכער, נאָר אָהן אָפּענהערציגקייט און אויפריכטיג-
קייט, וואָס מאַכען די עהרליכקייט סימפּאַטיש; זעהר רעליגיעז,
אָבער מיט צו־פיעל אינטערעס פאַר די פרעמדע זינד און פעהלער;
אַנ׳ענטשלאָסענער, אָבער פער׳עקשנ׳טער און פול מיט אַבערגלוי-
בען. ער בעשרייבט ווייטער, ווי אַזוי ער פלעגט קיינמאָל נישט
אויף דער ערשטער מינוט לאָזען אין גאַנג זיין כעס און אויפ-
גערייצטקייט און גלייך זיך פערשליסען אין זיך, פערמאַסקירען
זיין כעס, אָבער דערפאַר שפּעטער מיט נאָך מעהר קראַפט אויס-
דריקען אין מעשים זיין אונצופריעדענהייט,—און ווי אַזוי דער-
זעלבער קעניג, וואָס האָט געהאַט אַזאַ פעסטען זכרון וועגען יעדער
אונגערעכטיגקייט, וואָס מען איז געגען איהם בעגאַנגען, האָט גע-
האַט זעהר אַ שלעכטען זכרון בנוגע די פערדיענסטען, וואָס מען
האָט איהם אַרויסגעוויזען. אָבער מעגליך, אַז זיין גרעסטער פעה-
לער איז געווען, אַלס פּאָליטיקער און הערשער, די אָהן אַ שיעור
פאָראורטיילען, וואָס האָבען געלעבט אין זיין מח. אין פּריוואַ-
טען לעבען איז ער געווען פּראָסט, עהרליך, צוטרויליך און
אַרויסגערופען ביי זיינע אונטערטאַנען גרויסען רעספּעקט, הגם
די פעהלער פון זיין ערציהונג האָבען זיך געלאָזט שטאַרק שפּי-
רען. ווען ער האָט זיך געשטעלט אָן דער שפּיץ פון דער הער-
שאַפט, האָט ער געהאַט זעהר וועניג מענשען- און ביכער-
קענטניש, אין זיין גאַנץ לעבען איז ער געווען און פערבלי-
בען אַ פּאָלקאָמער עם הארץ אין געביט פון ליטעראַטור און
קונסט; אָבער דער הויף מיט טעלער-לעקער, וואָס האָבען איהם
אַרומגערינגעלט, האָט אין גיכען אין איהם אויסגעאַרבייט די
מענשען-קענטניש, און דער קעניג, צו וועלכען אַלע, פון קליין
ביז גרויס, האָבען אויסגעשטרעקט די הענד נאָך גנאָד, האָט אין
גיכען זיך אויסגעלערנט, ווי אַזוי מען דאַרף אָבשאַצען יעדען
מענש לויט זיין ווערטה און אויסרעכענען די נוצען, וואָס ער
קאָן האָבען פון די אַרומיגע. זיינע, פון נאַטור גוטע, פעהיגקייטען
זענען נישט ענטוויקעלט געוואָרען דורך לערנען, רייזען אָדער
געשפּרעכען, אָבער ער האָט געקאָנט ביז די קלענסטע אייגצעל-
הייטען זיך אַנ׳עצה געבען מיט די אַלע פראַגען, וואָס האָבען

נישט געפאָדערט קיין בעזונדערס טיפע ענטוויקלונג פון גייסט און געדאַנק, און ער האָט דערביי אַרויסגעוויזען די געשיקט-קייט, וואָס איז נויטיג פאַר אַ הערשער, וואָס האָט נישט קיין חשק צו בענוצען זיך מיט דער ראָליע פון אַ קעניג בלויז לויט'ן נאָמען.

געאָרג III איז געווען דער פרידריך VI פון ענגלאַנד. ער איז ווירקליך געווען אַ פּאַטריאַרכאַלישער הערשער און האָט זיך געשפּירט אַלס פאָטער פון זיין פאָלק. דאָס לאַנד האָט פאַר דער צייט פון זיין הערשאַפט פערלוירען די צפון-אַמעריקאַנישע קאָ-לאָניעס, פונקט ווי דענעמאַרק ביי פרידריך VI האָט פערלוירען נאָרוועגיען; אָבער נישט דער דאָזיגער פערלוסט, נישט די שלעכ-טע פּאָליטיק, וואָס האָט געבראַכט דערצו, האָבען נישט פערקלע-נערט די פּאָפּולאַריטעט פון קעניג. דאָס פּריוואַטע לעבען פון קעניג געאָרג איז געווען אַ מוסטער פון פּריוואַט-לעבען פון אַנ-ענגלישען דזשענטעלמען. אויפשטעהן גאַנץ פריה איז געווען זיין הויפט-פּרינציפּ. דאָס לעבען האָט זיך אויסגעצייכענט מיט מעסיג-קייט, אָרדנונג, שפּאָרזאַמקייט און איז געווען איינגעאָרדענט ריין-בורזשואַזיש אין אַלע הינזיכטען. עס איז געווען אַזאַ לאַנגווייליג לעבען, אַז דעם היסטאָריקער טעקערי „געהמט-אָן אַ ציטער" ביים בעשרייבען עס.

אויב דעם קעניג איז אויסגעקומען אויפצושטעהן גאַנץ פריה און אַליין וועקען זיינע פּאַזשען, האָט ער בשעת זיין מאָרגען-שפּאַציר פערפיהרט געשפּרעכען מיט אַלע, וועלכע ער האָט בע-געגענט אויפ'ן וועג, איז אַריינגעגאַנגען אינקאָגניטאָ אין פיעל הייזער און הייזלעך, איינעם אַ יונגעל געגעבען אַ זילבערנע מטבע, איי-נער אַ פרוי געשאָנקען אַ הוהן. איינמאָל, שפּאַצירענדיג מיט דער קעניגין, האָט ער בעגעגענט אַ קליין יונגעל, מיט וועלכען ער האָט אָנגעהויבען שמועסען; בשעת דעם געשפּרעך האָט ער פּלוצ-לונג איהם געזאָגט: „שטעל זיך אויף די קניה! דו רעדסט דאָך מיט איהר מאַיעסטעט דער קעניגין!" אָבער דאָס יונגעל האָט בשום אופן נישט געוואָלט ערפילען דעם קעניגליכען בעפעהל, אויס מורא צו פערברודיגען זיינע נייע שיך; די דאָזיגע שפּאָר-

זאַמקייט אין אַזאַ יונגעל האָט אַזוי געריהרט דעם אַלטען קעניג, אַז ער האָט איהם צוגעדריקט צו זיין האַרץ.

דאָס לעבען ביים הויף האָט זיך אויסגעצייכענט מיט אַ שרעקליכער לאַנגווייליגקייט, וואָס האָט געטריבען די יונגע פרינצען פון דער היים און איז אויך טיילווייז געווען די סבה פון זייער שלעכטער אויפפיהרונג. אין אָוענד האָט דער קעניג–אָדער געשפיעלט אין זיין „טאָקאַדיסיע״, אָדער געהערט זיין אָוענד־קאָנצערט, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ אין טאַקט, בעת זיינע פּאַזשען אין זייטיגען צימער האָבען געגעניצט הויך אויפ'ל קול.

די טעגליכע שפּאַצירען פלעגען פּאָרקומען אין אַ פאַמיליען־גרופּע אויפ'ן ווינדזאָרער וואַל; דאָרט פלעגט זיך פערזאַמלען דאָס פאָלק און גוטמוטיג קוקען, און די שילער פון דער איטאָנער שולע האָבען אַרויסגערוקט דורך די רייהען פון די צוקוקענדע ליידיג־געהער זייערע רויטע באַקען. די מוזיק האָט געשפּיעלט און ווען דער קאָנצערט האָט זיך געענדיגט, האָט דער קעניג קיינמאָל נישט פערגעסען אַראָבצונעהמען זיין דריי־עקיגען הוט און זיך בוקען פאַר די מוזיקאַנטען מיט די ווערטער: „איך דאַנק אייך, מיינע העררען!״

וועלכער דענישער בירגער וועט ביי די דאָזיגע סצענעס זיך נישט דערמאָהנען וועגען די שפּאַצירען פון פרידריך VI און זיין אַרומפאָהרען אויף שיפלעך אַלס גרויס־אַדמיראַל אין פרעדריקסבערגער גאָרטען! פונקט ווי ער, האָט געאָרג III צוגעצויגען צו זיך מיט זיין פּראַקטיקייט אין בענעהמען און מיט זיין אָבגעטראָגענעם סורדוט; וועגען איהם קאָן מען זאָגען דאָסזעלבע, וואָס אָרלאַ לעמאַן האָט געזאָגט וועגען פרידריך VI, אַז אין דער איינפאַכקייט פון קעניג (סיי אין שכל, סיי אין בענעהמען זיך) און אין זיין גוטמוטיגער בעציהונג צום גורל פון איינצעלנע מענשען האָט מען געזעהן אַ בעלוינונג פאַר זיינע פעהלערן אַלס שטאַטסמאַן און הערשער. און צי זענען דען געווען פיעל אַזעלכע, וואָס האָבען בעמערקט די פעהלער; פאַר דער מעהרהייט פון די בירגער פון ענגלאַנד איז געאָרג דער דריטער געווען אַ גרויסער, טיעפער שטאַטסמאַן און מעכטיגער הערשער.

געאָרג בראַנדעס.

עס עקזיסטירט אַ בילד, וואָס איז געוועזן אין יענער צייט בעריהמט, אויף וועלכער געאָרג דער דריטער איז אויסגעמאָהלט אין אַנ'אַלטען פֿאַריק און אין אַנ'איינג-צוזאַמענגעצויגענעם, אָבגעטראָגענעם, העסליכען מונדיר אַלס קעניג פון בראַנדבדינגנאַג: ער האַלט אין איין האַנד דעם קליינעם גיוליוועער, אין דער צווייטער—אַ לאָרגנעטע, און בעטראַכט דורך איהר דאָס קליינע מענשעלע. נאָר ווי מיינט איהר: ווער איז דער דאָזיגער גיוליוועער? ער טראָגט אַ דריי־עקיגען הוט און אַ גרויען מונדיר!

די דענישע לעזער וועלען דערביי זיך דערמאָהנען אַנ'אַלט בילד, וואָס האָט מיט עטליכע יאָהר צוריק געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג אין די פאָטאָגראַפישע געמעלדען. אויף דעם בילד איז געוועזן אַנ'אויפשריפט: „אַ הויכגעשטעלטע בעליעבטע פאַמיליע", און עס האָט פאָרגעשטעלט פרידריך VI אויף אַ שפּאַציר מיט זיין גאַנצער פאַמיליע, פון קליין ביז גרויס. די קליינע פּרינצעסין, וועלכע איז נישט לאַנג דריי יאָהר אַלט געוואָרען, איז געגאַנגען פאָראויס אין אַ ניי קליידעלע, אין אַ שענעם פערדעקטען הוט, אין ווייסע האַנדשוה, מיט אַ פאָכער אין די הענד; זי איז געוועזן אין זיעבטען הימעל דערפון, וואָס מען האָט זי אַרויסגעשטעלט פאַר אַלעמען, און האָט כסדר געדרעהט דעם קאָפּ אין אַלע זייטען, כדי צו זעהן אַלע, דורך וועלכע איהר איז אויסגעקומען דורכגעהן, ווייל אַלע שפּאַצירענדע האָבען זיך אָבגערוקט אָן אַ זייט און זיך אויסגעשטעלט אין רייהען ביי די ווענד פון די הייזער אין דער מינוט, ווען עס האָט זיך בעוויזען די קעניגליכע פאַמיליע, און איהר אָבגערייניגט דעם וועג. ווייטער זענען געגאַנגען דער קעניג און די קעניגין, פרעהענדיג זיך מיט דעם פערגניגען פון זייער קליינער ליעבלינגס-טאָכטער. דער קרוינפּרינץ האָט געפיהרט אונטער דער האַנד די לעדי אועלדגרעוו; נאָך זיי זענען געגאַנגען: די פּרינצעסין אויגוסטאַ, געאָרעמט מיט דער הערצאָגין אַנקאַסטער, גענעראַל בודע, הערצאָג מענטאַג און מאַיאָר פּרייס, וועלכער איז אַלס שטאַלמייסטער געגאַנגען צום סוף. וואָס פאַר אַ פּראַכטפול בילד!—האָט אויסגעשריען טעקערי, בעת די דאָזיגע פּראָצעסיע איז לאַנגזאַם געגאַנגען פאָראויס.

האָט דער מוזיקאַנטען-כאָר געשפּיעלט אַלטע מעלאָדיעס, און די שטראַהלען פון דער זון זענען געפאַלען אויף די אַלטע בעפעסטיגונגען, בעלויכטענדיג דעם קעניגליכען שטאַנדאַרט. וואָס האָט אַראָבגעלויכטען פון גרויסען טורם, די גראַנדיעזע פּייזאַזשען און די אַלאונטערטעניגסטע צושויער, וועלכע דאָס שענע קינד האָט בעגריסט מיט אַנ׳אונשולדיג שמייכעלע.

אָט דאָס איז די היימישע אידיליע, מיט וועלכער עס האָט װעניג האַרמאָנירט אויסערליך די שטרעבונג פון קעניג צו אונטערדריקען די צפון-אַמעריקאַנישע קאָלאָניעס, צו קעמפפען מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, צו פערניכטען די אירלענדישע קירך און פערטיידיגען דעם שרעקליכען האַנדעל מיט נעגער. נאָר אפילו דער היימישער אידיליע איז נישט בעשערט געווען צו דויערן ביז׳ן ענדע פון יאָהרהונדערט. אין 1788 איז מיט׳ן קעניג פּאָרגעקומען דער ערשטער אַטאַק פון משוגעת, און שוין דעמאָלט האָט מען אין פּאַרלאַמענט אָנגעהויבען זעהר לײדענשאַפטליך צו בעהאַנדלען די פראַגע וועגען בעשטימען דעם פּרינץ װעלס אַלס רעגענט,—אַ פראַגע, וואָס איז ענדגילטיג בעשלאָסען געוואָרען אין 1810. אין דערזעלבער צייט האָט די אָפּאָזיציע געמיינט, אַז איהר וועט געלינגען אויף אַ לאַנגע צייט אַראָבצעווארפען די הערשאַפט פון די טאָרי, אויב דער פּרינץ וועט בעשטימט ווערען אַלס רעגענט. אָבער זיין כאַראַקטער און זיטען האָבען ביי דעם גרעסטען טייל פון פאָלק געהאַט אַזאַ שלעכטע רעפּוטאַציע, אַז זיין אַרויפטרעטען אויפ׳ן טראָהן האָט מען ערוואַרט מיט שרעק. נאָר אין דערזעלבער צייט, ווען עס האָט בעדאַרפט אַריינגעטראָגען ווערען אַ ביל וועגען דער פראַגע, האָט פיט פאָרגעשטעלט אין פּאַרלאַמענט אַ ביולעטען פון די דאָקטוירים, אַז דער קעניג דאַרף אין גיכען געזונט ווערען, און די געפאַהר איז דאָסמאָל פאָריבער. גרויס איז געווען די ענטטוישונג פון פּרינץ, ווען ער האָט וועגען דעם זיך דערוואוסט,—בפרט, וואָס בשעת דער קראַנקהייט פון קעניג האָט ער כלל נישט אַרויסגעוויזען קיין געפיהלען פון אַ זוהן. ער האָט געהאַט אַנ׳אויסגעצייכענטען טאַלענט נאָכצומאַכען פרעמדע שטימען און מאַנירען,

און איינע פון זיינע באַליעבטע פאַרוויילונגען בשעת דער קראַנקהייט פון זיין פאָטער, מיט וועלכער ער האָט געוויילט זיינע נאָהנטע, פרעהליכע און אויסגעלאַסענע מענער, דער געוועהנליכער קרייז פון זיינע באַקאַנטע, איז געווען נאָכצומאַכען די תנועות אין די מעשים פון זיין משוגע'נעם פאָטער. דער דאָזיגער שטריך איז גענוג צו געבען אַ בעגריף וועגען זיין חאַראַקטער, אַ חאַראַקטער פון אַ מענשען, וועלכען מען האָט אַזוי לאַנג, אַדאַנק זיין בעוואוסטער אויסערליכער גראַציע, גערופען „דער ערשטער דזשענטעלמען פון אייראָפּאַ".

מען דאַרף בעוואונדערן די קונסט, מיט וועלכער דער דאָזיגער מענש האָט געקאָנט, זאָגאַר אויף אַ קורצע צייט, צוציהען אויף זיין זייט די בעסטע מענשען פון זיין צייט. זיינע נאָהנטע פריינד זענען געווען, צווישען אַנדערע, באָרק, פאָקס און שערידאַן. אמת, ווי עס בעמערקט טעקערי, האָט זיי נישט אינטערעסירט צו הערען זיינע מיינונגען וועגען קאָנסטיטוציאָנעלע פראַגען אָדער וועגען די אירלענדישע בעציהונגען. אָבער ער האָט געפּלוידערט מיט פאָקס וועגען שפּיעל אין ביינדלעך, און מיט שערידאַן—וועגען וויין,—דאָס זענען געווען פונקטען, אויף וועלכע די אינטערעסען פון די זשעניען און פון דעם נאַר זענען זיך צונויפגעקומען, און דער גוטער פריינד און קאָנקורענט פון ברומעל איז אין יענער צייט געווען דער אויטאָריטעט פון דער מאָדע אין די פראַגען, וועלכע קנעפּ עס פּאַסען אַמבעסטען צו דעם אָדער יענעם אַנצוג, און וועלכען סאָאוס מען דאַרף צוגרייטען צו דעם אָדער יענעם פּאַשטעט. נאָכמעהר, דעם פּרינץ האָט זיך איינגעגעבען פאַר דער צייט צו ערווערבען זאָגאַר די סימפּאַטיע פון מור. פון דעם בריעף פון דעם לעצטען צו זיין מוטער פון יוני 1811 זעהט מען קלאָר, אַז ער איז געווען געריהרט פון דעם „האַרציגען, אויפריכטיגען טאָן" פונ'ם פּרינץ-רעגענט. און דאָסזעלבע איז פאָרגעקומען אַ קורצע צייט אויך מיט בייראָנ'ען: זיין שלום-בריעף צו וואַלטער סקאָט בעווייזט, ווי גערירט ער איז געווען פון די קאָמפּלימענטען פון פּרינץ וועגען „טשאַלד-האַראָלד". און סקאָט! ווי איידעל און עהרליך ער איז

נישט געווען, איז ער דאָך אַלס פּער'עקשנ'טער טאָרי שטענדיג געבליבען אַ טרייער אָנהענגער פוּנ'ם פּרינץ־רעגענט. ווען געאָרג IV איז געוואָרען קעניג און געקומען קיין שאָטלאַנד, וואו ער האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר'ן פּובּליקום אין אוניפאָרם פון אַנ־אָנפיהרער פון קלאַן*), מיט ענטבלויזטע פעטע עלענבויגענס און אין אַ שאָטלענדיש קליידעל אויף זיין אונגעהויערן בויך — בייראָן אין זיין „קופּערנער עפּאָכע" לאַכט־אָב דערפון, — איז וואַלטער סקאָט אַוועק אויף אַ יאַכטע, כדי צו בעגריסען איהם, גענומען דאָס גלאָז, פון וועלכען זיין מאַיעסטעט האָט געטרונקען, געבעטען ביים קעניג, אַלס גנאָד, אַנ'ערלויבניש מיטצונעהמען מיט זיך דאָס גלאָז, פערזיכערנדיג, אַז עס וועט שטענדיג איבערגעהן בירושה אין זיין פאַמיליע, איז אַוועקגעגאַנגען אַהיים, געטראָפען דאָרט אַנ'אונערוואַרטעטען גאַסט, זיך אַוועקגעזעצט מיט אימפּעט אויף דעם שטוהל און זיך געזעצט פּונקט אויף דער אונטערשטער קעשענע, בעקומענדיג צו־גיך און צו־פּיינליך אַנ'אָנדענקען פון דער מתנה פון קעניג. סקאָט איז געבליבען טריי געאָרג IV) אפילו דאַן, ווען מור האָט שוין לאַנג געהאַט איהם בעוואָרפען מיט די פיילען פון זיינע וויצען, בייראָן האָט איהם אויסגעלאַכט אין זיינע סאַרקאַסטישע עפּיגראַמען, און ברומעל אַליין, בשעת זיין שפּאַציר אין הייד־פּאַרק, בעטראַכטענדיג איהם, ווי אַנ'אונבעקאַנטען, דורך דער לאָרנעטע, האָט געפרעגט ביי איינעם פון די בעגלייטער פון פּרינץ: „ווער איז דאָס דער דיקער פריינד אייערער?"

ווייל דער גראַציעזער טראָהן־פאָלגער איז געוואָרען מיט דער צייט זעהר דיק. דאָס לעבען, וואָס ער האָט געפיהרט, די שטענדיגע פערוויילונגען און אָרגיעס האָבען איהם געמאַכט אַזוי פעט, אַז ער איז קוים געגאַנגען. ווען איהם איז אויסגעקומען אַרויסצופאָהרען, פלעגט מען צושטעלען צום פענסטער אַ פעסעל, און דורך דעם פעסעל איהם אַרויבלאָזען אונטען, גלייך אין דער קאַרעטע אַריין. בעת די וועבער אין גלאַזגוי און לאַנקאַשיר

---

*) פאַמיליע, שבט אין שאָטלאַנד.

האָבען געליטען הונגער, האָט ער געמאַכט גראַנדיעזע סעודות ביי אַ וואונדערבאַרען לוקסוס און אויפגענומען דעם פערטריבענעם פון פראַנקרייך בורבאָן, לודוויק XVIII. געאָרג IV, זאָגט וואָרדסוואָרט, האָט בעצייכענט זיין ערשטען אַריינטרעטען אין הויף-לעבען דורך אַ גרויסער טהאַט, וואָס איז געווען ווירדיג פאַר זיין שפּעטערדיגער טעטיגקייט: ער האָט ערפונדען אַ נייעם באַנד צו די שיך פון אַ צאָל די לענג און 5 צאָל די ברייט. „דער באַנד—דערצעהלט איינער פון יענער צייט—האָט פערדעקט דעם גאַנצען שוך און איז אַראָבגעהאַנגען פוןביידע זייטען פוס". מיר לייענען, ווי אַזוי ער האָט ביים ערשטען בעוויזען-זיך אויף אַ הויף-באַל זיך אָנגעטהון אין אַ קאַמזויל פון ראָזאָווען זייד מיט ווייסע קלאַפּען און אין אַ קאַפּטאַן פון ווייסען זייד, אויסגענייהט מיט פערשיעדענפאַרביגע שריינענדע שטאָפּען און בעפוצט מיט פיעל פאַלשע בריליאַנטען. זיין הוט איז געווען בעפוצט מיט צוויי רייהען דימענטען פון שטאָהל, אין אַ צאָהל פון 5 טויזענד, מיט אַ קנעפעל פון דעמזעלבען מעטאַל, און גענייהט אויפ'ן מיליטערישען מאַניר.

מיליטערישער מאַניר! עס האָט גוט געקליידט פאַר דעם קאָפּ, וואָס האָט געטראָגען דעם הוט. דער קאָפּ, אין דער צייט, ווען דער בעזיצער פון איהם האָט זיך איבערגעצויגען אין דעם נייעם פראַכטפולען פאַלאַץ קאַרלטאָן-הויז, איז געווען פול מיט נעבעלדיגע פלענער צו שטיצען די ליטעראַטור, קונסט און וויסענשאַפט, און אַ געוויסע צייט האָט מען געקאָנט מיינען, אַז דאָס אַלץ מיינט ער ערנסט, הערענדיג, ווי אַזוי ביים טיש פון פרינץ-רעגענט האָט וואַלטער סקאָט, דער בעסטער דערצעהלער פון יענער צייט, מיט אַלאונטערטעניגסטער איבערגעגעבענהייט און עכטער ליעבענסווירדיגקייט דערצעהלט קאָמישע, פאַנטאַסטישע געשיכטען פון זיין אונערשעפּטען זאַפּאַס, אָדער ווי אַזוי מור האָט אין דעם דאָזיגען קרייז געזונגען איינינע פון זיינע קלינגענדיגע אַנאַקרעאָנטישע ליעדער, אָדער ווי אַזוי גראַטאַן, דער שטאָלצער אָנפיהרער פון די אירלענדער, האָט ביים טיש מיטגעהאָלפען דער אויפגעלעגטקייט דורך זיינע פאַנטאַסטישע שענע רעדעס. אָבער אין גיכען

האָבען די דאָזיגע פּערזאָנען אָבגעטרעטען זייער פּלאַץ פאַר אַנדערע, וואָס זענען געווען מעהר צוגעפּאַסט פאַר׳ן פּרינץ: דאָס זענען געווען פראַנצויזישע קוכער, פראַנצויזישע טענצער, זשאָקען, הויף-וויצלער, שניידער, שדכנים, באָקסערען, יובעלירען און פּעכטמייסטער. מיט די דאָזיגע מענשען האָט ער פערבראַכט די צייט, וואָס איז איהם געבליבען פריי פון די פערוויילונגען מיט די געליעבטע. זיין קינסטלערישען געשמאַק און פערשטאַנד האָט ער אויסגעדריקט אין קויפען צו טייערע פּרייזען גאַנצע היפּענס חינעזישע שפּיעלכלעך. ווי נור דער דאָזיגער bel esprit איז געוואָרען רעגענט, האָט ער באַלד איבערגעריסען אַלע בעציהונגען מיט די אָנגעזעהענע טהוער פון דער פּאַרטיי וויגי, וואָס זייער געזעלשאַפט האָט ער פריהער געזוכט, און איז מיט אַמאָל געוואָרען אַ טאָרי.

אין דער ערשטער העלפט פון XIX יאָהרהונדערט זענען געווען פיער איינאָפּעאישע הערשער, וואָס האָבען אַרויסגעוויזען אַ וואונדערבאַרע עהנליכקייט איינער צום צווייטען: לודוויג I פון בייערן, פרידריך-ווילהעלם IV פון פּרייסען, כריסטיאַן VIII פון דענעמאַרק און דער דאָזיגער ענגלישער פּרינץ-רעגענט. דאָס זענען געווען פיער רעפּרעזענטאַנטע bel esprit, וואָס זענען געזעסען אויפ׳ן טראָהן. אין ענגלאַנד, ווי אין דענעמאַרק האָט דער ליטעראַרישער דילעטאַנטיזם אין דער קעניגליכער פאַמיליע געהערשט צוזאַמען מיט דער פּאַטריאַרכאַלער פּראָסטקייט. אמת, אין ענגלאַנד האָבען נאָך אויסערדעם געהערשט שרעקליכע זיטען און אַן אונבעגרייפליכע פוילקייט. אין 1816 האָט מען אין ניוגעט אויפגעהאַלטען 58 פער׳משפּט׳ע צום טויט, אין דער ערוואַרטונג, אַז דער פּרינץ-רעגענט וועט צווישען זיינע אָהן אַ שיעור פערוויילונגען און פערגניגענס געפינען צייט אונטערצושרייבען דעם טויט-אורטייל אָדער בעגנעדיגען זיי, און פיעל פון זיי איז אויסגעקומען אַזוי צו וואַרטען פון דעצעמבער ביז מערץ. אומזיסט האָבען אין פּאַרלאַמענט זיך געהערט די שטורמישע אָנפאַלען פון ברום געגען דעם, וואָס „אין אַזאַ צייט, ווען די טורמעס זענען איבערפולט מיט אומגליקליכע, קאָן דער רעגענט אויף אַ מינוט נישט

אָבזאָגען זיך פון זיינע וואַהנזיניגע פערגניגענס, כדי צו מאַכען אַ סוף צו דעם דאָזיגען וואַקלען-זיך צווישען לעבען און טויט.״ מען דאַרף לייענען וועגען דעם די סאַטירען פון מור אין „Twopenny Post-bag“ . פון זיי קאָן מען קלאָר זעהן, אַז דאָס ליעב-זינגענדיגע פויגעלע האָט געהאַט נעגעל און אַ שנאָבעל. פון דער ביאָגראַפיע פון סקאָט זעהט מען, מיט וואָס פאַר אַ רוהי-גען שמייכעל דער רעגענט האָט אין 1815 געוויצעלט זיך וועגען די ליעדער פון מור, וואָס שילדערן איהם, ווי אַזוי ער איז פון איין זייט אָנגעפילט מיט מאָדע-זשורנאַלען און פון דער צווייטער זייט—מיט נישט-אונטערגעשריבענע טויט-אורטיילען! די דאָזיגע ליעדער זענען געווען גאַנץ פערדיענט, האָבען אָבער וועניג נוצען געבראַכט. שוין אין דער רעדע אין פאַרלאַמענט פון אַפּריל 1812 האָט קעסטלירי געזאָגט: „זיין קעניגליכע מאַיעסטעט קאָן זיך קיין עצה נישט געבען מיט דער גרויסער קופּע פאַפּירען, וואָס ליעגען אָנגעוואָרפען אויף זיין טיש״. אין דער סאַטירע פון מור „דער אויפשטאַנד פון די פאַפּירען״ ווערט געזאָגט:

„פון איין זייט ליעגען געדרוקטע פעטיציעס, פון דער צווייטער זייט—מעדיצינישע עצות פון פינף דאָקטוירים. דאָ ליעגען רעכנונגען פון הענדלער, אָפיציעלע פאַפּירען, בריוועלעך פון דאַמען, פּראָיעקטען פון יאַכטעס, דאָרט—פלענער פון זאָטלען, אויפגעשריבענע טאָסטען, טויט-אורטיילען און די „מאָרנינג-פּאָסט״.

און מיט פיער יאָהר שפּעטער ליעגט שוין אויף דעמזעלבען טיש אַ הויפען פון 58 טויט-אורטיילען.

מיר האָבען געזעהן, אַז ווי נור דער פּרינץ איז געוואָרען רעגענט, האָט ער איבערגעריסען מיט זיינע געוועזענע פריינד און איז געוואָרען אַ טאָרי. עס איז געגרינדעט געוואָרען אַ גרויסע לאַנג-עקזיסטירענדע רעגירונג פון טאָרי מיט ליווערפּול אָן דער שפּיץ, אַ פּער׳עקשנ׳טע״, נאָר גוטמוטיג-פוילער רעאַקציאָנער, אויף וועלכען עס האָט קיינמאָל זיך נישט אויסגעגאָסען דער כעס פון זיינע געגנער, נאָר איז אינגאַנצען געווען געווענדט געגען זיינע קאָלעגען. ער, אַלס פּרעמיער-מיניסטער, איז געווען אַ מין קעניג מיט אַ בעגרענצטער מאַכט, עהרליכן

כּוונות און קליינע פֿעהיגקייטען. פּונקט ווי זיין קאַלטע לויט אַמט, לאָרד סידמוט, האָט ער געהאַט די פּריווילעגיע, וואָס ער האָט נישט אַרויסגערופֿען קיין שרעק פֿאַר דער קראַפֿט פֿון זיין כאַראַקטער און אויך נישט ערוועקט קיין קנאה, וואָס נעהמט זיך פֿון גרויסע פֿעהיגקייטען. דער אָנגעזעהענסטער און גרעסטער פֿון די מיטגליעדער פֿון מיניסטעריום איז געווען דער לאָרד קעסטלירי, אַ מענש פֿון מיטעלע פֿעהיגקייטען, אָבער אַן ענערגישער, וועלכען אואילבערפֿאָרס האָט איינמאָל כאַראַקטעריזירט מיט די ווערטער „אַ פֿיש לויט קאַלטבלוטיגקייט". ער האָט געהאַט אַ שען געזיכט און אַ בעפֿעהלערישע שטים, און זיין אויסערליך אויסזעהן איז געווען מעהר רעפּרעזענטאַנטיש, ווי ביי וועלכען עס איז פֿון די מיטגליעדער פֿון פּאַרלאַמענט פֿון דער צייט פֿון ראָבערט וואָלפּאָל. דאָס איז געווען אַן עכטער „איידעלער לאָרד אין אַ בלויער לענטע". פֿון דער יוגענד אָן האָט ער געהאַט אַ שוואַכקייט צו אַלייגהערשאַפֿט, און זיינע בעציהונגען מיט די אַבסאָלוטיסטישע מאָנאַרכען פֿון אייראָפּאַ האָבען נישט וועניג מיטגעהאָלפֿען צו ענטוויקלען אין איהם איבערצייגונגען, וואָס זענען געווען אינגאַנצען נישט צוגעפּאַסט פֿאַר אַ קאָנסטיטוציאָנעלען מיניסטער. דאָס בעוואוסטזיין פֿון זיין שמאָלען שכל און דער מאַנגעל אין בילדונג האָבען איהם קיינמאָל דאָך נישט געשטערט אַרויסצוטרעטען עפֿענטליך מיט אַ גאַנצען מבול פֿון ווילד־צוזאַמענגעשטעלטע פֿראַזען און נעבעלדיגע אַרגומענטען. זיין בילדונג איז געווען אַזוי אָרים, אַז ער האָט נישט געקאָנט צוזאַמענשטעלען קיין צוויי בינדיגע פֿראַזען און מיט זיין פּלוידעריי פֿלעגט ער שטענדיג אַרויסרופֿען אַ געלעכטער אין פּאַרלאַמענט.

און דאָך האָט ער מיט אַן אונערשיטערטער עקשנות ווייטער זיך אַנטקעגען געשטעלט אַלע אָנפֿאַלען, און קיינע אויסדריקען פֿון חשד אָדער כּעס זענען נישט געווען אימשטאַנד צו צווינגען איהם חאָטש אויף אַ האָר אָבצוטרעטען פֿון זיין וועג, וואָס ער האָט זיך געשטעלט, און פֿאַר דעם פּאַרלאַמענט האָט ער נישט אויפֿגעהערט צו בענוצען די אַלטע פֿאָרמעל פֿון זעלבסטהערשונג: „אונז אַליין איז בעקאַנט". בייראָן, שעלי און מור זענען פֿלייסיג איהם בע-

פאָלען אין זייערע ליעדער. עס בלייבט נאָך אָנצורופען דעם קאַנצלער לאָרד עלדען,—די פערקערפערונג פון דער לעהרע פון די טאָרי, וואָס זיינע געדאַנקען זענען טאָג און נאַכט געווען בעשעפטיגט דערמיט, וואָס ער פלעגט רופען „די בעשיצונג פון דער קאָנסטיטוציע“. דער, וואָס האָט געוואָלט אָבשאַפען דעם אָדער יענעם אַלטען מאָנאָפאָל, די אָדער יענע בעגרענצונג פון דער פרייהייט, און איבערהויפט דער, וואָס האָט געוואָלט אָב-שאַפען אַ וועלכעס-עס-איז אַלט שטרענג קרימינעל געזעץ, האָבען ביי איהם געהייסען מענשען, וואָס לעגען אַרויף אַ האַנד אויף דער קאָנסטיטוציע. און אין דערזעלבער צייט האָט ער דער ערשטער זיך בעמיהט כסדור עובר זיין אויפ׳ן געזעץ, זיין אָבגאָט, ווי נור עס איז איהם געשטאַנען אויפ׳ן וועג. דאָס מבטל מאַכען אויף אַ צייט די קראַפט פון „Habeas Corpus“, דאָס אונטערדריקען די פרעסע און אַנדערע „נוצליכע“ אַמפוטאַ-ציעס האָבען, לויט זיין מיינונג, אַריינגעבראַכט לעבען אין דער קאָנסטיטוציע; אָבער אַריינגיסען אין איהר פריש בלוט וואָלט גע-ווען דאָסזעלבע, וואָס טויט.

אָט די דאָזיגע רעגירונג אין 1814 האָט איבערראַשט אַלעק-סאַנדער דעם ערשטען מיט דער ענערגיע, מיט וועלכער זי האָט זיך בעמיהט אויפלעבען די פרינציפען, וועלכע די רעוואָלוציע האָט מבטל געמאַכט. דער רוסישער קייזער האָט אויסגעלאַכט דאָס ענגלישע מיניסטעריום, בעדויערנדיג זיינע רעאַקציאָנע-רע שטרעבונגען, און איז אַריינגעטרעטען אין בעציהונגען מיט די אָנפיהרער פון דער אָפּאָזיציע אין לאָנדאָן. די ערשטע ידיעות וועגען דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָבען אַרויסגערופען מיט-געפיהל ביי דער רעגירונג און ביים ענגלישען פאָלק. די גענ-נער פיט און פאָקס האָבען איינשטימיג זי בעגריסט, ווי איינס פון די שענסטע געשעהענישען אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט. אָבער ווי נור אין פראַנקרייך איז פערגאָסען געוואָ-רען בלוט, האָט די גאַנצע מאַסע פון דער בעפעלקערונג און זאָגאַר די מעהרהייט פון דער אָפּאָזיציע דערזעהן דערין אַ גע-פאַהר פאַר זייערע אַלטע פרינציפען: קעניגליכע מאַכט, רעליגיע,

רעכט פון אייגענטום—און זיי האָבען געגרינדעט אַ גראַנדיעזע פּאַרטיי צו בעשיצען די אָרדנונג. באָרק איז געווען פון יענע וויגי, וועלכע האָבען פריהער מיט אונגעהויערער שאַרפקייט געטאַדעלט די רעוואָלוציע, און בעזונדערס זיין פריינד און קאָלעגע לויט פּאַרטיי פאָקס, דערפאַר, וואָס ער האָט פערטיידיגט דעם גייסט פון דער רעוואָלוציע. די אַלטע וויגי זענען צוגעשטאַנען צו באָרק'ן. פּיט, וואָס האָט געוואָלט איינפיהרען אַ רייה נויטיגע רעפאָרמען, האָט זאָגאַר נישט געוואַגט אַרויסצוטרעטען געגען דעם שלעכטען וואַהל-סיסטעם אין ענגלאַנד און אויף דער אָנפראַגע צו איהם האָט ער זיך מודה געווען, אַז הגם ער איז איבערצייגט אין דער נויטיגקייט פון אַ פּאַרלאַמענטאַרישער רעפאָרם, האַלט ער אָבער די צייט פאַר נישט-גינסטיג פאַר אַזאַ ריזיקאַלישער אונטערנעהמונג. אין יעדער ליבעראַלער בעוועגונג, זאָגאַר דער אונשולדיגסטער און טיעף-אונגערעכטער, האָט מען געזעהן דעם אָנהויב פון יאַקאָביניזם, וואָס האָט אויף אַלעמען אָנגעוואָרפען אַ שרעק. ווען אוואילבערפאָרס האָט אָנגעהויבען זיין אַגיטאַציע געגען דעם האַנדעל מיט שקלאַפען, האָט ער געפונען שטיצע סיי ביי דער אָפּאָזיציע, סיי ביי דער רעגירונג. געגען איהם זענען דאַן נור געווען דער קעניג, די שיפס-בויער און די מיטגליעדער פון דער אויבערשטער פּאַלאַטע. אָבער ווען ער האָט אין 1791 געוואָלט ווידער אויספּרובען די שטימונג, האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די שטימונג האָט זיך אינגאַנצען געביטען: אויף די פערזאָנען, וואָס האָבען געפאָדערט אָבצושאַפען דעם האַנדעל מיט שקלאַפען, האָט מען געקוקט כמעט ווי אויף יאַקאָבינער, און מיט 163 שטימען געגען 88 איז דאָס געזעץ וועגען אָבשאַפען דעם שקלאַפען-האַנדעל אָבגעוואָרפען געוואָרען.

דערצו איז נאָך צוגעקומען אין ענגלאַנד די שרעק פאַר דעם איינדרוק, וואָס די רעוואָלוציע האָט געמאַכט אין אירלאַנד. די ידיעה וועגען דער רעוואָלוציע האָט מען אין אירלאַנד בעגריסט אַזוי, ווי שקלאַפען און לייב-אייגענע בעגריסען די ידיעה וועגען פרייהייט. הגם דעם אירלענדישען פאָלק, וואָס איז אָנגעפיהרט געוואָרען דורך דעם איידעלען העברי גראַטאַן, וועלכער

איז אַזוי בעגייסטערט בעזונגען געוואָרען דורך בייראָנ'ען, האָט
זיך איינגעגעבען אין יאָהר 1782 צו דערשלאָגען זיך צו דער אָנער-
קענונג פון דער גלייכבערעכטיגונג פון זיין פּאַרלאַמענט צוגלייך
מיט'ן ענגלישען, זענען דאָך סיי די רעליגיע, סיי דער האַנדעל
גע'רודפ'ט געוואָרען. אפילו דער מעסיגער טאָמאַס מור האָט זיך
אויסגעדריקט, אַז ער, אַלס אַ זוהן פון קאַטוילישע עלטערן, איז
געבוירען געוואָרען אויף דער וועלט מיט אַ יאָך פון אַ קנעבּל
אַרום דעם האַלז. ער דערצעהלט, ווי אַזוי ער איז אַלס יונגעל
גענומען געוואָרען דורכ'ן פאָטער אויף אַ פייערונג, וואָס איז
איינגעאָרדענט געוואָרען אין דובלין לכבוד דער רעוואָלוציע, און
ווי אַזוי דער פּאָרזיצענדער פון דער פייערונג האָט געהאַלטען
אַזאַ טאָסט: „זאָל גאָט געבען, אַז דער פרישער ווינד פון פראַנק-
רייך זאָל מאַכען אויפלעבען דעם אירלענדישען דעמב." ער בע-
שרייבט די בעוועגונג, וואָס האָט דאַן אַרומגעהאַפּט די אירלענ-
דישע יוגענד. ער האָט געקענט איהר אָנפיהרער, ראָבערט עמעט,
און זיך מיט איהם ענטציקט. ווען עמעט האָט אין דובלינער
„דיסקוסיאָנס-קלוב", וואָס ער איז געווען זיין אָנפיהרער און
קרוין, אין שענע ווערטער געשילדערט די העלדען-טהאַטען פון דער
פראַנצויזישער רעפּובליק, ווען ער האָט, אָנדייטענדיג אויף צע-
זאַר'ן, וועלכער האָט, איבערשווימענדיג דעם רוביקאָן, געהאַלטען
איבער דעם וואַסער אין איין האַנד אַ שווערד, און אין דער
צווייטער—זיין געשיכטע פון דעם קריעג, אויסגעשריען: „אָט אַזוי
שווימט פראַנקרייך דורך דעם ים פון בלוט צו אַ שלום, נאָר
בעת זי האַלט אין איין האַנד דאָס שווערד געגען איהר בע-
דריקער, האַלט זי אין דער צווייטער האַנד דעם אוצר פון ווי-
סענשאַפט און ליטעראַטור, וואָס זענען נישט פערפלעקט געוואָרען
אין דעם בלוטיגען שטראָם, צווישען וועלכען זי שלאָגט זיך
דורך",—דעמאָלט האָט דער יונגער מור זיך צוגעהערט נישט
בלויז צו דעם דירעקטען אינהאַלט פון דער רעדע, נאָר אויך צו
יענער זייטיגער בעמערקונג, אין וועלכער מען האָט געקאָנט חאַ-
פען אַ רמז אויף אירלאַנד. אַזעלכע בעמערקונגען האָבען נישט
געפעהלט. „ווען דאָס פאָלק—האָט ער איינמאָל אויסגעשריען—

וואָס געהט שנעל פאָראויס אויפ׳ן וועג פון וויסען און מאַכט, בעמערקט ענדליך, ווי שטאַרק זיין רעגירונג איז אָבגעשטאַנען פון איהם, בלייבט פאַר איהם נור איינס: אויפהויבען די דאָזיגע רעגירונג אַרויף, זי זאָל שטעהן אויף איין הויך מיט׳ן פאָלק!״

נישט לאַנג האָט געדויערט, ווי ראָבערט עמעט האָט געמוזט טייער בעצאָהלען פאַר די דאָזיגע דרייסטע ווערטער. אין 1798 האָט דער צויפגעזאַמעלטער אויפרייס-מאַטעריאַל אויפגעריסען, און קעסטלירי (לויט די ווערטער פון בייראָן) האָט אָבגעוואַשען זיינע יונגע הענד אין בלוט פון ערין. די ענערגיע, מיט וועלכער די רעגירונג האָט אונטערדריקט דעם אויפשטאַנד, האָט זיך אויסגעצייכענט מיט אַזאַ אכזריות און אַזאַ הפקרות, אַז עס איז שווער צו געפינען אין אייראָפאַ נאָך אַזאַ בונט, וואָס זאָל אַזוי שרעקליך אונטערדריקט ווערען.

די שנאה צו דער רעוואָלוציע האָט אויך ווייטער עקזיסטירט אין דער פאָרם פון האַס צו נאַפּאָלעאָנ׳ען. דער דאָזיגער האַס האָט איבערגעשטיגען אַלע מעגליכע גרעניצען. טעקערײ דערצעהלט אַנ׳אַנעקדאָט, וואָס גיט אַ בעגריף וועגען דער שנאה. איך בין געקומען, דערצעהלט ער, פון אינדיען אַלס קינד, און אונזער שיף איז אויפ׳ן וועג צום פאָטערלאַנד צוגעשטאַנען צו אַנ׳ אינזעל; דאָ האָט מיין שוואַרצער דיענער מיך געפיהרט אויף אַ לאַנגען שפּאַציר איבער שטיינער און בערג, ביז מיר זענען צוגעקומען צו אַ גאָרטען, וואו מיר האָבען דערזעהן אַ מענשען, וואָס איז אַרומגעגאַנגען אַהין און אַהער. „דאָס איז ער—האָט געזאָגט דער נעגער—דאָס איז באָנאַפּאַרט. ער פרעסט-אויף יעדען טאָג דריי שעפּסען און אַלע קליינע קינדער, וועלכע ער קאָן בעקומען אַלס צוגאָב״. און טעקערײ גיט צו: אין דער ענגלישער מלוכה זענען געווען אויך פיעל אַנדערע, אַחוץ דעם דאָזיגען אָרימען שקלאַף פון קאַלקוטאַ, וועלכע האָבען געשפירט דיזעלבע שרעק פאַר דעם קאָרסיקאַנער מענשען-פרעסער. די שרעק ווייזט זיך אַרויס סיי אין די געדיכטען פון וואָרדסוואָרט, אין די ליעדער פון כוטיי און אין דער שענדליך-בעריהמטער ביאָגראַפיע פון נאַפּאָלעאָנ׳ען, וואָס איז אָנגעשריבען געוואָרען

דורך וואַלטער סקאָט.—די מלחמות געגען פראַנקרייך האָבען געלעגט דעם פונדאַמענט פאַר דער גרויסער ענגלישער רעאַקציע: מען האָט ווידער מבטל געמאַכט די קראַפט פון „Habeas Corpus“, מען האָט פערשטאַרקט די אַלטע געזעצען פון עדוארד III וועגען מלוכה-פעררעט, מען האָט בעגרענצט דאָס רעכט פון פערזאַמלונגען און פעטיציעס און מען האָט שנעל פערוואַנדעלט די פרייהייט פון פרעסע אין אַ פוסטער פראַזע. אין שאָטלאַנד איבערהויפּט זענען ווידער איינגעפיהרט געוואָרען די געזעצען פון אַמאָל, און הויך-געבילדעטע מענשען זענען פערשיקט געוואָרען אין אויסטראַלישע שטראָף-קאָלאָניעס אַלס איינפאַכע פערברעכער. דאַגעגען די ענגלישע רעפובליקאַנער און אָנהענגער פון גלייכהייט האָבען זיך ערלויבט צו ריידען וועגען דער אונבעגרענצטער מאַכט פון דער קרוין, וועגען די פּאַרלאַמענטען און געריכט פון געשוואוירענע, ווי וועגען אינסטיטוציעס פון צווייטען פלאַן, וואָס זענען אונטערגעוואָרפען דער מאַכט פון קעניג. עס האָט זיך געגרינדעט אַנ׳אַלמעכטיגע פּאַרטיי מיט אַ קריגערישען לאָזונג: קעניג און קירך!

דער קעניג אַליין איז געווען משוגע, דער פּרינץ-רעגענט איז געווען ערגער, ווי משוגע, און די קירך איז געווען דורך און דורך דורכגעדרונגען מיט צביעות. דאָס לאַנד האָט אין יאָהר 1816 געהאַט צו ליידען פון שלעכטען גערעטעניש, פערפלייצונג און הונגער. די הונגער-ליידען האָבען געטריבען דאָס פאָלק פון דער היים און געצוואונגען עס צו וואַנדערן אָהן אַ ציעל איבער׳ן לאַנד. די שטימונג, וואָס האָט געהערשט צווישען די איינוואוינער פון ענגלאַנד, איז אויסגעצייכענט בעשריבען אין דער „מאַסקע פון אַנאַרכיע“ פון שעלי. אין לייגענטערשיר האָבען די אַרבייטער, וואָס זענען דערפיהרט געוואָרען ביז פערצווייפלונג, צושטערט די סטענגעס-פאַבריקען און צוקלאַפּט אויף שטיקער די מאַשינעס. צו זייער פערטיידיגונג האָט בייראָן געהאַלטען זיין ערשטע גלענצענדע רעדע אין פּאַרלאַמענט.

פון׳ם טאָג-בוך פון ראָמילאַי איז צו זעהן, ווי אונמעגלין עס איז געווען אין יענער צייט פאַר אַ ליבעראַלען מענשען דורכ

צופיהרען די קלענסטע רעפאָרם. ראָמילאַי, וואָס איז איבעראַל
געווען געאַכטעט אַלס רעפאָרמאַטאָר פון די שטרענגע קרימינאַל-
געזעצען פון ענגלאַנד און וועלכער איז היינט מעהר בעוואוסט
אַלס יורידישער ראַטגעבער פון דער אוועלט-פרינצעסין און אדוואָ-
קאַט פון לעדי בייראָן, זאָגט אין זיין טאָג-בוך פון 1808 פאָל-
גענדעס: „אויב. עמיצער וויל בעקומען אַ געטריען בעגריף ווע-
גען דער אומגליקליכער ווירקונג, וואָס די פראַנצויזישע רעוואָ-
לוציע מיט אַלע שרעקען האָט געהאַט אויף אונזער לאַנד, זאָל
ער פרובען דורכפיהרען די אָדער יענע ענדערונג אין דער גע-
זעצגעבונג, וואָס זאָל טראָגען אַ ליבעראַלען אָדער הומאַניטאַרי-
שען חאַראַקטער. דעמאָלט וועט ער געוואָהר ווערען, וואָס פאַר
אַ טעמפּער פּחד פאַר יעדער רעפאָרם עס הערשט צווישען דער
גרעסטער צאָהל פון זיינע מיטבירגער, ווי אויך ביז יועבער
אכזריות זיי דערגעהען.“ אויפ'ן פאָרשלאָג פון ראָמילאַי אָבצושאַ-
פען דאָס געזעץ פון ווילהעלם III, לויט וועלכען מען ווערט בע-
שטראָפט מיט הענגען פאַר אַ גנבה אין אַ געוועלבעל, האָט דער
לאָרד עלענבאָרי, געשטיצט דורכ'ן לאָרד עלטאָן, געענטפערט מיט
בעקלאָגען זיך אויף דער היינטיגער פילאָזאָפיע, וואָס ערלויבט
זיך אָבצושטעלען „די קלוגע געזעצען, וואָס האָבען עקזיסטירט
אַזוי פיעל דורות“. און נישט בלויז די רעגירונג, נאָר אויך פיעל
מיטגליעדער פון פאַרלאַמענט זענען געווען בעגייסטערט פון
אַזעלכע שטרעבונגען צו ווערען תלינים. ראָמילאַי אַליין דער-
צעהלט, ווי אַזוי איינער פון זיינע יונגע קאָלעגען אין פּאַרלאַ-
מענט פלעגט אויף יעדע טענה אָדער פאָרשלאָג שטענדיג ענט-
פערן: „איך בין דערפאַר, אַז מען זאָל זיי אַלע אויפ ענגען!“
בעת מען האָט געקענט האָפען, אַז אין 19-טען יאָהרהונ-
דערט איז שוין צייט צו מאַכען אין ענגלאַנד אַ סוף מיט דער
תאווה צו הענגען, וואָס איז געווען זעהר אַ שלעכטער בעווייז
וועגען דער גרויסער גראָבקייט, וועלכע איז געווען איינגעווער-
צעלט אין ענגלישען פאָלק. ביי הענריך VIII האָט מען אויפגע-
הענגען 72,000 גנבים, און נאָך אין דער צייט פון געאָרג III
האָט מען זיי געהאַנגען טויזענדערווייז. אין 1814 זענען די רע-

פּרעסיעס געגען דער פרייהייט פון געדאַנק און פּרעסע פּוב-
שטעבליך איינגעפיהרט געוואָרען אַלס סיסטעם, בשעת די פּראָ-
צעסען געגען אַלטען ליעבהאָבער פון ביכער גאָן, וועלכער האָט
אויפ'ן געריכט, מייסטערהאַפט פעראייניגענדיג די ליעבע צום
אמת מיט דער פאָרזיכטיגקייט, בעוויזען אָבצעוואַרפען אַלע פּראָ-
בען צו פערמשפט'ן איהם פאַר גאָטס-לעסטערונג. נאָכדעם זענען
געקומען, אין 1818, די אונרוהען פון דער אָרימער בעפעלקערונג
פון מאַנטשעסטער, ווען די קאַוואַלעריע האָט געהאַקט אויף רעכטס
און אויף לינקס, און די סאָלדאַטען האָבען געשלאָגען די נישט-
בעוואָפענטע פאָלקס-מאַסען. דער איינדרוק פון די דאָזיגע גע-
שעהענישען איז פערבליבען אין די ליעדער פון שעלי פון 1819.

עס איז קיין ספק נישט, אַז דער פּאָליטישער פונדאַמענט
פון דעם גייסטיגען לעבען פון יענער צייט איז פינסטער, אַדאַנק
דעם פחד פון דער איבערגעשראָקענער בורזשואזיע, צוליעב די
צו-גרויסע פאָדערונגען, צו וועלכע עס האָט געבראַכט אין פראַנק-
רייך די ליבעראַלע בעוועגונג; אַדאַנק די טיראַנישע שטרעבונגען
פון די שטאָלצע טאָרי און דער אונטערדריקונג פון דער הויכער
קירך, אַדאַנק דעם פערגאָסענעם בלוט פון די אירלענדישע קאַ-
טאָליקען און ענגלישע אַרבייטער. צו דעם אַלעמען האָט נאָך די
קרוין אין דער פערזאָן פון געאָרג III פערענדיגט די אַלגעמיי-
נע וואַהנזיניגקייט, און דער סצעפּטער איז אָנגעקומען אין די
הענד פון דער אויסגעלאַסענקייט, וועלכע האָט אין דער פערזאָן
פון פרינץ רעגענט געהערשט אויפ'ן קעניגליכען טראָהן אַלס
פערטרעטער פון דער משוגעת, וואָס איז אַרויפגעגאַנגען אויפ'ן
טראָהן צוזאַמען מיט זיין פאָטער. און אָט דער דאָזיגער טראָהן
איז פערטיידיגט געוואָרען דורך לאָרד עלטאָן מיט זיינע זעקס בע-
גרענצונגס-געזעצען, וועלכע האָבען געענדערט די אַלטע ענגלישע
קאָנסטיטוציע, און ער ווידער איז עס בעזונגען און געקרוינט
געוואָרען אין די נישט-גראַמאַטיקאַלישע און רעאַקציאָנערע פּאַר-
לאַמענטס-רעדעס פון קעסטלירי, ווי אויך אין די נישט-מעלאָדי-
שע און גוט-בעצאָהלטע חניפה-הימנען פון פּאָעט סוטיי,—ביז דער
גט-פּראָצעס צווישען געאָרג IV און קאַראָלינאַ, וואָס האָט געבראַכט

נו גראַנדיעזע אונגלויבליכע סקאַנדאַלען, האָט, אַרויסרופענדיג אַ
שטורם פון דער קאַטעדרע פון דער אויבערשטער פּאַלאַטע, דער-
טרונקען דעם גלאַנץ פון דער קרוין און דעם כבוד פון דעם
הויף אין אַ גאַנצען ים פון שמוץ. ווייטער האָבען די רעוואָלוציעס
אין שפּאַניען, גריכענלאַנד און דרום-אַמעריקאַ, וואָס זענען גע-
גאַנגען איינע נאָך דער אַנדערער, אָבגערייניגט די אַטמאָספערע.
קעסטלירי האָט זיך איבערגעשניטען דעם האַלז, און ענגלאַנד האָט
אין דער צייט פון קאַנינג אָנערקענט די דרום-אַמעריקאַנישע רע-
פּובליק און אָנגעהויבען צוגרייטען זיך צו דער נאַוואַרינער שלאַכט.
די פּאָעטישע ווערק פון שעלי, לאַנדאָר, בייראָן און קעמפּ-
בעל זענען דער פּאָליטישער הינטערגרונד פון דער נייער רעגי-
רונגס-פּאָליטיק פון קאַנינג, און די רעדעס פון דעם לעצטען זע-
נען ווי אַ ערגענצונג צו די ווערק פון די דאָזיגע פּאָעטען. אַנ-
שטאָט די אונפאָרמיגע רעדעס פון קעסטלירי און זיינע אָרימע
שטאַטס-בריעף—דאָפּעלט אָרימע, ווייל ער, אַלס אמת׳ער פּאָר-
שטעהער פון מעטערניכ׳ס שולע, האָט געהאַלטען מעהר פון ריי-
דען, ווי פון שרייבען,—זענען געקומען די זעהר דרייסטע פייער-
דיגע און שענע רעדעס פון קאַנינג. בעת קעסטלירי, ווי זיי-
נע קאָלעגען אויפ׳ן ווינער קאָנגרעס, וואָס האָבען איהם איבער-
געלעבט, האָט נור געהאַט איין ציעל: אונטער דער מאַסקע פון
עוואַנגעלישען שלום שטיצען אין איראָפּאַ דאָס שווייגען און
פינסטערניש, האָבען די רעדעס פון קאַנינג געשיינט ווי אַ וואַלד
שרפה צווישען דער טיעפער נאַכט פון „הייליגען פערבאַנד”. דער
גרונד-געדאַנק פון זיין פּאָליטיק איז געווען—דאָס רעכט פון ד
פעלקער צו בעשליסען זייער אייגענעם גורל. דעם 8-טען אויגוסט
182. איז ער געשטאָרבען; אָבער דעם 10-טען אָקטאָבער פון דעם-
זעלבען יאָהר איז געגעבען געוואָרען די נאַוואַרינער שלאַכט, וואָס
איז געווען ווי דער לעצטער ווילען פון פערשטאָרבענעם און
וועלכע איז פאַר אונז איצט דער פּאָליטישער סימבאָל פון דער
ערוואַכונג פון אַ נייעם גייסט אין איראָפּאַ.

IV.

זומער 1797 האָבען די איינוואוינער פון אַ קליין שטעדטיל ביי די ברעגעס פון סאָמערסעטשייר אָפט געשמועסט וועגען צוויי יונגע-לייט, וועלכע האָבען נישט לאַנג זיך בעזעצט ביי זיי אין שטעדטיל און יעדען טאָג צוזאַמען אַרומשפּאַצירט, פערטיעפט אין אַ לעבּהאַפטען לאַנגען געשפּרעך, פון וועלכען עס זענען פון צייט צו צייט דערגאַנגען צו די דורכגעהער פרעמדע ווערטער און פרעמדע נעמען, וואָס זענען פאַר זיי געווען אונפערשטענדליך, נאָר וואָס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרען אין אַ פאָרם פון לעבּהאַפטע פראַגען און ענטפערס. איינער פון די דאָזיגע יונגע-לייט איז אַלט געווען 27 יאָהר. דער אויסדרוק פון זיין געזיכט איז געווען טיעף ערנסט, און זיין גאַנצע בענעהמונג איז געווען דורכגעדרונגען מיט פעסטער זעלבּסטווירדע, זאָגאַר מיט אַ געוויסער פייערליכקייט, וואָס האָט איהם געמאַכט עהנליך צו אַ יונגען פּאַסטאָר; זיין שטים איז געווען אַ מאָנאָטאָנע, וואָס מאַכט מיעד דעם צוהערער. זיין חבר, וואָס איז געווען יונגער פון איהם אויף אַ יאָהר צוויי און האָט גערעדט מיט אַנ׳אונאויפהערליכען שטראָם פון ווערטער, זשעסטיקולירענדיג דערביי אָפט און אונרוהיג מיט די הענד, — האָט געהאַט אַ גרויסען קיילעכיגען קאָפּ, וואָס זיין פאָרם האָט עדות געזאָגט וועגען גרויסע פעהיגקייטען, אַ גלאַט ראַזירט געזיכט, ליכטיג-קאָרע אויגען, מיט אַ דונקעל-טרויעריגע און קלוגען בליק און מיט אַ ליידענשאַפטליכען אויסדרוק פון פוי-

לער אונבעשלאָסענקייט און שוואַכקייט פון כאַראַקטער, נאָר שוואַכקייט פון דעם סאָרט, וועלכע שליסט נישט אויס די מעגליכ־קייט פון אַ פּלוצלונג'דיגען אויסברוך פון שטאַרקער ענערגיע. זיין שטים איז געווען זעהר מוזיקאַליש; זיין שען ריידען האָט, ווי עס שיינט, געמאַכט אַ בעציבערנדען איינדרוק זאָגאַר אויף דעם איינגעהאַלטענעם צוהערער. ווער זענען געווען די דאָזיגע יונגע־לייט, וועלכע האָבען נישט געזוכט קיין אַנדער געזעלשאַפט אין דער דאָזיגער געגענד?—אַזוי פלעגען זיך פרעגען די אָרטיגע איינוואוינער. ווענען וואָס דען האָבען זיי געקאָנט ריידען מיט אַזאַ בעגייסטערונג, ווען נישט וועגען פּאָליטיק, און ווער דען האָבען זיי געקאָנט זיין, ווען נישט יאַקאָבינער, פערשווערער מיט רעוואָלוציאָנערע פּלענער אין האַרצען?

אין גיכען האָט זיך פערשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער עלטע־רער פון דיביידע פריינד, וואָרדסוואָרט, האָט אַ לאַנגע צייט געלעבט אין פראַנקרייך אין אָנהויב פון דער רעוואָלוציע און גענומען אַ הייסען אָנטייל אין דער אַלגעמיינער בעגייסטערונג פאַר געזעלשאַפטליכע רעפאָרמען, וואָס האָט געהערשט אין יע־נער צייט, און דער יונגערער, קאָלרידזש, האָט אויך געהאַט אַ רעפּוטאַציע פון אַ פערברענטען דעמאָקראַט, האָט אָנגעשריבען אַ דראַ־מע „דאָס פאַלען פון ראָבעספּיער", אַרויסגעגעבען צוויי פּאָליטישע בראָשורען און זאָגאַר געהאַט אַ פּלאַן צו גרינדען צוזאַמען מיט עטליכע אידעען־חברים אַ סאָציאַליסטישע קאָמונע אין דער וייטער אַמעריקאַ. צי האָט דען נאָכדעם געקאָנט בלייבען עפּיס אַ ספק? איינער אַ גוטהערציגער מענש, וואָס האָט געלעבט אין שכנות, האָט גע'מסר'ט די פריינד פאַר דער לאָנדאָנער רעגירונג, וועלכע האָט געשיקט אַ שפּיאָן, וואָס האָט געדאַרפט דערוויסען זיך דאָס ציעל פון זייערע שפּאַצירען און דעם אינהאַלט פון זייערע גע־שפּרעכען. אין גיכען האָט זיך אין דעם דאָזיגען שטילען ווינ־קעל בעוויזען אַ פּאָליציי־שפּיאָן, עהנליך אויף באַרדאָלפ'ן, מיט אַ רויטער נאָז. ער איז נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט די פריינד, און ווען ער האָט זיי דערזעהן מיט פּאַפּירען אין די הענד, איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז זיי „נעהמען אַראָב

פלעגער" פון דער געגענד. ער האָט עטליכע מאָל פערפיהרט מיט זיי אַ געשפּרעך און זיך אויסגעקליבען אַ בעהאַלטען אָרט אין די קוסטעס הינטער דער באַנק ביים ברעג,—דאָס בעליעבטע אָרט, וואו זיי פלעגען פערברייננגען. דאָ האָט ער גאַנצע טעג פערבראַכט אין לויערן. לויט דער ערצעהלונג פון קאָלרידזש, אויף וועלכען מען קאָן, איבעריגענס, זיך נישט אינגאַנצען פערלאָזען, האָט דער שפּיאָן פריהער געמיינט, אַזביידע פערשווערער האָבען זיך דערוואוסט וועגען דער דראָהענדער געפאַהר, ווייל אין זייערע געשפּרעכען פלעגט אָפט דערמאָהנט ווערען אַ וואָרט, וועלכעס ער האָט פריהער אָנגענומען אַלס „Spy-nosy“ (אַ שפּיאָן מיט אַ נאָז) און וואָס האָט געקאָנט זיך בעציהען אויף איהם; נאָר אין גיכען האָט ער זיך איבערצייגט, אַז דאָס איז געווען אַ נאָמען פון אַ מענשען, וועלכער האָט אָנגעשריבען עפּיס אַ בוך און איז שוין לאַנג געשטאָרבען. די געשפּרעכען זענען געגאַנגען כמעט אויסשליסליך וועגען ביכער, דערביי האָט אייגער פון די מיטשפּרעכער אָדער רעקאָמענדירט דעם צווייטען וואָס שנעלער איבערצולייענען אַ געוויס בוך, אָדער געמאַכט אויפמערקזאַם דעם פריינד אויף דאָס בוך. אָבער דער שפּיאָן האָט נישט געקאָנט חאַפּען קיין איין וואָרט וועגען פּאָליטיק און אין גיכען האָט ער, אַ פערצווייפעלטער, זיך אָבגעטראָגען.

און ווירקליך האָט מען קיין שום געפעהרליכעס נישט געקאָנט געפינען, ביי זיי. ביידע פריינד האָבען שוין לאַנג געהאַט זיך אויסגעניכטערט פון דער פּאָעטיש-רעוואָלוציאָנערער שכרות, און אפילו מיט שפּינאָזאַ, וועלכער האָט געשפּיעלט אַזאַ גרויסע ראָליע אין זייערע געשפּרעכען, האָבען זיי זיך בעקענט שוין פון דער צווייטער האַנד, און דיספּוטירט וועגען איהם, נישט בלויז אָהן גרינדליכער בעקאַנטשאַפט מיט איהם, נאָר זאָגאַר נישט פערשטעהענדיג איהם. דער ערשטער האָט זיך דערוואוסט וועגען שפּינאָזאַ קאָלרידזש, וועלכער האָט געלייענט וועגען איהם אין די ערשטע ווערק פון שעלינג, און שפּעטער בעקאַנט געמאַכט מיט דער נייענטדעקטער חכמה זיין פריינד, וואָס איז אין פילאָזאָפיע געוועזן

אַנ׳עם-האַרץ. אָבער שפּינאָזאַ איז אין די דאָזיגע געשפּרעכן גע-וועזן נור אַ סימבאָל פון דעם מיסטישען קולט פאַר דער נאַטור; דער נאָמען פון יאַקאָב בעם האָט פריִעדליך געקלונגען צוזאַמען מיט שפּינאָזאַ׳ס נאָמען. דאָ איז געגאַנגען די פראַגע נישט וועגען וויסענשאַפט, נאָר וועגען פּאָעזיע, און אויב בשעת די דאָזיגע לאַנגע געשפּרעכן איז אַמאָל געקומען צו רייד וועגען רעוואָלוציע, איז דאָס געווען אַ ריינע ביכער- און קונסט-רעוואָלוציע, וועגען וועלכער צוויי איינזאַם-לעבענדיגע דענקער זענען אויף אַ מערקווירדיגען אופן זיך צונויפגעגאַנגען, הגם זייערע אויסגאַנגס-פּונקטען זענען געווען גאַנץ פערשיעדענע.

די דאָזיגע געשפּרעכן האָבען געפיהרט צו אַ בעוואוסט-זיניגען ליטעראַרישען איבערווייסען מיט דעם גייסט פון 18-טען יאָהרהונדערט, וואָס איז גלייכצייטיג פאָרגעקומען אין פערשיעדענע פאָרמען אין גאַנץ אייראָפּאַ.

קאָלרידזש האָט ליעב געהאַט צו קאָנטראָלירען אַלץ, וואָס ער האָט געזעהן, ווייל אַזוי איז עס געלעגען אין זיין כאַראַקטער; אויסערדעם האָט זיין עקעל צו דער פראַנצויזישער קלאַסישער אויפגעבלאָזענקייט ערוואַכט אין איהם נאָך אין דער שולע, וואו איינער אַנ׳אָריגינעלער און זעלבסטשטענדיג-דענקענדער לעהרער האָט געוואָרענט זיין אויפמערקזאַמען שילער נישט צו געברויכען אין פּראָזע די ווערטער: האַרפּע, צימבעל און לירע, — ראַטענדיג איהם צו בענוצען אָנשטאָט דעם די ווערטער „טינט און פעדער”, ווי אויך געוואָרענט איהם גענען די ווערטער: מוזע, פּאַרנאַס, פּעגאַס און איפּאָקרען אין דער ליריק, — אָנרופענדיג אַזאַ אַרט שרייבען פּאַריקמאַכעריש און געקינסטעלט. קאָלרידזש האָט אָבגעלייקענט די רעכט פון פּאָפּ און זיינע נאָכפאָלגער צו רופען זיך פּאָעטען און זיך געבוקט פאַר די סאָנעטען פון באָדען; ער איז אַרויסגעטרעטען געגען פּאָפּ פּונקט אַזוי ווי די יונגע פריינד פון עלענשלעגער אין דענעמאַרק זענען אַרויס-געטרעטען שפּעטער געגען דער פּאָעזיע פון באַגהעזען. צוליעב די גערמאַנישע הויפּט-שטריכען פון זיין כאַראַקטער איז ער גע-וועזן אַ געבוירענער שונא פון שאַרפזין, עפּיגראַמען, סאַרקאַסטישע

בעמערקונגען א. אַ. וו. איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אַז די אייגענשאַפטען פון דער פראַנצויזישער שולע האָבען גאָרנישט געהאַט צו טהון מיט פּאָעזיע; זיי זענען בעשטאַנען, לויט זיין מיינונג, פון ריכטיגע און שאַרפזיניגע בעאָבאַכטונגען וועגען מענשען און זיטען אין אַ געקינסטעלט-ראַפינירטער געזעלשאַפט און אין אַ ראַפינירטער פאָרם, אין וועלכער די דאָזיגע בעאָבאַכטונגען זענען ארויסגעזאָגט געוואָרען; די דאָזיגע פאָרם איז געווען אַ מין שאַרפזיניגע לאָגישע בעטראַכטונג, אַרויסגעזאָגט אין גלאַטע ריפמען, אין דער פאָרם פון עפּיגראַמען; אפילו דאַן, ווען דער סיוזשעט איז געווען גענומען נישט פון דער ווירקליכער נאַטור, האָט דער פּאָעט זיך געווענדעט צו דעם שכל; אפילו אין אַ גלאַטער פּאָעטישער ערצעהלונג האָבען זיי זיך בעמיהט ביי יעדע צוויי ריפמען צו-טראַכטען וועלכע-עס-איז שאַרפזיניגע אָדער קלוגע בעמערקונג, אַזוי אַז די זאַך, איינגאַנצען גענומען, האָט פאָרגעשטעלט אַ מין „קייט פון עפּיגראַמען”. דאָ האָבען זיי, לויט דער מיינונג פון קאָלרידזש, געפונען נישט קיין פּאָעטישע, נאָר פּראָזאאישע געדאַנקען, אויסגעדריקט אין אַ שפּראַך, וועלכ עס איז אָנגענומען צו רופען פּאָעטישע, און אין דעם אינהאַלט אַליין פון די פּאָעטישע ווערק איז נישט געווען קיין שום פאַנטאַסטישעס; דעם פּאָעט האָט אויף אַזוי וויים געפעהלט פאַנטאַזיע, אַז פון דער גרויסער אָדער קליינער ערשטער בוכשטאַב פון וואָרט איז געווען אָבהענגיג, צי מען דאַרף רעכענען די דאָזיגע ווערטער אַלס סימבאָלען, אָדער געוועהנליכע בעגריפען. אָבער בעת די גרויסע אַלטע פּאָעטען פון ענגלאַנד, ווי ספּענסער, למשל, האָבען געקאָנט אויסדריקען די פאַנטאַסטישסטע געדאַנקען אין דער ריינסטער און איינפאַכסטער ענגלישער שפּראַך, האָבען די נייע שריפטשטעלער נישט געקאָנט אויסדריקען די געוועהנליכסטע בעגריפען אַנדערש, ווי אין אַ וואונדערבאַר-אָנגעצויגענער פאַנטאַסטישער שפּראַך. קאָלרידזש האָט מיט צאָרן זיך אָבגעקעהרט פון די דאָזיגע פראָבעס צו פערדעקען דעם מאַנגעל אין פאַנטאַזיע מיט דער געקינסטעלטקייט פון ווערטער. ער האָט נישט געקאָנט פערטראָגען די ווערטער: אייפערזוכט, האָפנונג, פערגעסונג

א. אַ. ח. זיי האָבען איהם דערמאָהנט די אָקספאָרדישע אָדע צו פאָקען-שטעלען, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען מיט די ווערטער: „פאָקען-שטעלען! הייליגע יונגפרוי, קום אַראָב!” אפילו ביי די שפּעטערדיגע בעסערע פאָרשטעהער פון דער ענגלישער פּאָעזיע איז צו-לאַנג געבליבען די דאָזיגע שלעכטע מדה אָנצונעהמען בעגריפען פאַר פּערזענליכקייטען (ביי שעלי צום ביישפּיעל, „צווייפינגען, שקר און אמת”). די דאָזיגע גאַנצע, געקינסטעלטע פּראַזעאָלאָגיע האָט זיך, לויט דער מיינונג פון קאָלרידזש, גענומען דערפון, וואָס מען האָט זיך געוועהנט אין די שולען צו שרייבען לאַטיינישע שירים. אין געגענטייל דערצו האָט ער געהאַלטען אַלס מוסטער-האַפט אויסצודריקען נאַטירליכע געדאַנקען אין אַ נאַטירליכער שפּראַך, וואָס זאָל נישט שמעקען מיט בוך, נישט זיין צו-פלאַטשיג, נישט צו-הויך, נישט צו-נידריג; אַלס גלענצענדע מוסטערן האָט ער געהאַלטען די אַלטע ענגלישע באַלאַדעס אין דער זאַמלונג פון פּערסי, מיט זייער נאַטירליכער פּאָלקסטימליכקייט און נאַטירליכען טאָן. און איהם האָט זיך אויך געוואָלט שרייבען מיט אַזאַ קלינגענדיגען, נאַטירליכען טאָן.

ביי אַזאַ שטימונג האָט ער זיך צוזאַמענגעטראָפען מיט וואָרדסוואָרט'ן, וועלכער איז געווען צוגעפּאַסט צו איהם לויט זיינע געדאַנקען און פּלענער. דאָס איז געווען איינער פון יענע גייסט-מענשען, וועלכע געפינען פערגניגען אין שאַרפע און ענטשלאָסענע געדאַנקען און שעפּען דערפון בערוהיגונג. זיין מיינונג וועגען דער גאַנצער ענגלישער פּאָעזיע נאָך מילטאָן איז געווען אַזעלכע: נאָכ'ן ברייגנען אויף דער וועלט דעם דאָזיגען גרויסען מענשען האָט דאָס פאָלק פערלוירען זיין פּאָעטישע קראַפט און איז געבליבען נור ביי דער פאָרם פון ליטעראַרישען שאַפען, אַזוי אַז די פּאָעזיע האָט אָנגעהויבען בעשטעהן נור אין דער קונסט צו אָפּערירען מיט דער שפּראַך און אין ווערטערשפּיעל, און וועגען די פּאָעטען האָט מען אָנגעהויבען אורטיילענור לויט זייער קונסט צו שפּיעלען זיך מיט ווערטער. דעריבערן איז דער מעטרישער סטיל אַלץ מעהר אַוועק פון די פּאָעטען. איצט איז די אויפגאַבע בעשטאַנען דערין, ווידער אומצוקעהרען

דעם פּאָעטישען סטיל אין דער פּראָזע, אַזוי אַז געדיכטען זאָלען זיך אונטערשיידען פון געוועהנליכע פּראָזעס נור מיט זייער ריטם. בעת קאָלרידזש האָט געטרוימט וועגען נאַטירליכען ריטם, איז וואָרדסוואָרט געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט געפאָדערט נישט מעהר און נישט וועניגער, ווי אַ נאַטירליכען פּראָזאַאישען סטיל אין ריפמען.

צו דעם דאָזיגען נאַטוראַליזם אין זיינע אַנשויאונגען אויף דער פאָרם איז צוגעקומען אַן׳עהנליכער נאַטוראַליזם אין זיין מיינונג וועגען דעם פּאָעטישען אינהאַלט. איינע פון די בעליעבטעסטע מיינונגען פון וואָרדסוואָרט אין איינער פון זיינע שטאַרקסטע בעשולדיגונגען געגען דער הערשענדער ליטעראַרישער שולע איז געווען דאָס, וואָס פאַר דער צייט פון מילטאָן ביז טאָמסאָן האָט די שולע נישט געגעבען קיין איין אָריגינעל בילד פון די ערשיינונגען פון דער אויסערליכער נאַטור און קיין איין נייע בעשרייבונג פון דער נאַטור. ער אַליין איז געווען בעגאַבט מיט גרויסער עמפּפינדליכקייט צו די ערשיינונגען און אייגענשאַפטען פון דער אויסערליכער נאַטור און האָט זיך אויסגעקליבען אַלס לאָזונג דעם אויפרוף: נאַטור! נאַטור!—און אונטער דעם וואָרט נאַטור האָט ער פערשטאַנען דאָס דאָרף אין געגענטייל צו דער שטאָדט: אין דעם שטאָדטישען לעבען האָט דער מענש פערגעסען די ערד, אויף וועלכער ער האָט געלעבט; ער האָט מעהר וועגען איהר נישט געוואוסט און ער האָט, אמת, געקאָנט זיך דערמאָהנען וועלכע-עס-איז שאַרפע, בולט׳ע אייגענשאַפטען פון פעלד אָדער וואַלד, אָבער נישט די קליינע אייגצעלהייטען פון נאַטור-לעבען, נישט זיינע אייביג-נייע בילדער מיט זייערע אָהן אַ שיעור אַמאָל פרעהליכע, אַמאָל שיינענדיגע, אַמאָל ערנסטע, אַמאָל שרעקענדיגע ערשיינונגען. ווער האָט געקענט די נעמען פון פערשיעדענע בוימער און ווילדע בלומען, ווער האָט געקאָנט אונטערשיידען די פערשיעדענע סמנים פון אַ גוטען וועטער אָדער ווינט, אָדער געוואוסט, וואָס עס בעדייט, ווען די וואָלקענס שווימען אין אַ געוויסער ריכטונג איבער׳ן הימעל, פאַרוואָס די סטאַדע שאַרט זיך צונויף אין איין הייפעל,

אָדער פאַרוואָס די חאַלקענס לאָזען זיך אַראָב פון די הויכקייטען? וואָרדסוואָרט האָט געקאָנט לייענען די דאָזיגע געהיימניספולע אויפשריפטען פון דער נאַטור נאָך דאַן, ווען ער האָט אַלס יונגעל זיך געשפּיעלט צווישען די קומבערלענדישע בערג. ער האָט געקענט אַלע געהיימניסען פון דער ענגלישער נאַטור סיי אין פריהלינג, סיי אין זומער; ער איז געווען ווי געבוירען דערויף, כּדי איבערצוגעבען אַנדערע דאָס, וואָס ער האָט געזעהן און געפיהלט, איבערלעבענדיג פריהער אין געדאַנק דאָס, וואָס ער האָט איבערגעגעבען; ער איז געווען געשאַפען דערויף, כּדי מיט פולען בעוואוסטזיין וועגען דעם, וואָס ער האָט פאַרגענומען, דורכצופיהרען די רעפאָרם פון דער פּאָעטישער קונסט, וואָס איז אָנגעהויבען געוואָרען דורך דעם אָרימען טשאַטערטאָן, דער „שלאָפלאָזער יונגערמאַן," און דורך דעם פּויערישען זוהן, וואָס איז געווען פיעל מעהר בעגאַבט פון וואָרדסוואָרט'ן — בערנס. ער איז, אמת, געווען נישט מעהר ווי איינער פון די אָהן אַ שיעור אָרגאַנען פון ליעבע צו דער נאַטור, וואָס האָט צוזאַמען מיט דעם נייעם יאָהרהונדערט זיך פערשפּרייט איבער אייראָפּאַ; אָבער ער האָט פערמאָגט אַ טיעפען פערשטאַנד פאַר דעם פאַקט, אַז איבער ענגלאַנד שוועבט אַרום אַ נייער פּאָעטישער גייסט, — ער האָט דאָס פערשטאַנען שטאַרקער, ווי עמיצער אַנדערש פון די ענגלישע בירגער.

די פריינד זענען בײדע געקומען צו אַן'איינשטימונג, אַז מען קאָן איינטיילען די גאַנצע ענגלישע פּאָעזיע אויף דריי גרופּען: די עפּאָכע פון פּאָעטישער קראַפט און יוגענד פון טשאָסער ביז דריידען, די עפּאָכע פון פּאָעטישען שטילשטאַנד פון דריידען ביז ענדע 18-טען יאָהרהונדערט, און די עפּאָכע פון אויפלעבונג, וועלכע הויבט זיך אָן פון דערזעלבער צייט, ווי זי איז פּראָקלאַמירט געוואָרען דורך זייערע פאָרגענגער. פּונקט ווי די איבעריגע פאָרשטעהער פון דער נייער צייט אין דענעמאַרק און דייטשלאַנד, האָבען אויך די דאָזיגע יונגע-לייט געזוכט שאַרפע, טרעפענדע אויסדריקען, דורך וועלכע זיי זאָלען קאָנען אַרויסווייזען, וואָס עס אונטערשיידט זיי פון די, מיט וועלכע זיי האָ-

בען געוואָלט אָנהויבען פיהרען אַ קאַמפף, און זיי האָבען אין דער דאָזיגער בעציהונג געהאַט דעמזעלבען ערפאָלג, ווי די פאָרשטעהער אין דייטשלאַנד און אין דענעמאַרק. זיי האָבען געהאַלטען, אַז זיי בעזיצען פאַנטאַזיע און דעריבער אויך אמת׳ע שאַפונגס-קראַפט; זיי האָבען געשריבען איין בלעטעל נאָכ׳ן צווייטען, דונקעל בעזינגענדיג די אימאַגינאַציע (איינבילדונגס-קראַפט) אין געגענטייל צו דעם רעאַלען, פונקט ווי עלענשלעגער און זיין שולע האָבען בעזונגען די פאַנטאַזיע און, אין בעסטען פאַל, אָנערקענט, אַז באַגהעזען בעזיצט הומאָר. זיי האָבען פערמאָגט די פערנונפט, די פאָרגענגער—נור שכל; זיי האָבען געהאַט זשעניע נור—טאַלענט; זיי זענען געווען די שאַפענדע קראַפט, יענע האָבען פערמאָגט נור די קראַפט פון קריטיק. אפילו אַריסטאָטלעס. אַלס נישט-פאָעט, האָט נישט געקאָנט פרעטענדירען אויף אַ העכערן טיטול, ווי אַ מענש מיט טאַלענט. און אין ענגלאַנד האָט מען אויך אָנגעהויבען אָנפאַלען אויף בורעדיב׳ען און זיך געשפירט אָהן אַנ׳ערך העכער פון זיין קריטישען גייסט, וועלכען עס האָט געפעהלט די „נאַטירליכקייט

V.

דער אייגענטליכער שטאַנדפונקט פון וואָרדסוואָרט איז בעשטאַנען דערין, אַז מענשען, לעבענדיג צווישען טומעל און צושטרייטקייט פון שטאָדטישען לעבען, פערגעסען וועגען דער נאַטור: דערפאַר ווערען זיי בעשטראָפט דערמיט, וואָס דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען נעהמט ביי זיי אָב די קרעפטען און פעהיגקייטען, און שוואַכט-אָב די עמפפינדליכקייט פון זייער נשמה צו איינפאַכע און ריינע איינדריקען. צווישען די הונדערטער סאָנעטען פון וואָרדסוואָרט איז פאַרהאַן איינער, וואָס האָט אַ בעזונדער בעדייטונג בנוגע דעם דאָזיגען שטאַנדפונקט. דער סאָנעט הויבט זיך אָן מיט אַן'אָנקלאַגע דערויף, וואָס דעם מענשען'ס וועלט זעהט אונז אויס צו-בעדייטענד און אַז דעריבער זעהען מיר צו-וועניג געמיינזאַמעס מיט זיך אין דער נאַטור, וואָס רינגעלט אונז אַרום. ווייטער ווערט דאָרט געזאָגט:

„דער דאָזיגער ים, וואָס עפענט זיין ברוסט פאַר דער לבנה, די דאָזיגע ווינטען, וועלכע דאַרפען אין גיכען אָנהויבען ברומען, און איצט זענען זיי רוהיג, ווי פערשלאָפענע בלומען,— דאָס אַלץ לאָזט אונז גלייכגילטיג, דאָס אַלץ ריהרט אונז נישט. אָ, גרויסער גאָט! איך וואָלט בעסער וועלען זיין אַ געצענדיענער, וואָס איז פערזונקען אין אַ לאַנג-אָבגעשטאָרבענער אמונה; דאַן, שטעהענדיג אויף דעם דאָזיגען שענעם טהאָל, וואָלט איך בעקומען איינדריקען, וואָס וואָלטען מיך געלאָזט זיך שפירען

ווענִיגער איינזאַם; דאַן וואָלט איך געזעהן, ווי פּראָטעאוס שווימט-אַרויף אויף דעם אויבערפלאַך פון ים, און איך וואָלט געהערט, ווי טריטאָן בלאָזט אין זיין האָרן".

דאָס זענען מערקווירדיגע ווערטער אין מויל פון וואָרדס-וואָרט,—מערקווירדיגע דערפאַר, ווייל פון זיי קאָן מען זעהן, וואָס איז אַזוינס אייגענטליך דער נאַטוראַליזם, מיט וועלכֿען טעאיסטישען שלייער ער איז בעדעקט: ער געפינט זיך אין טיע-פער קרובה'שאַפט מיט די אַנשויאונגען פון אַלטען גריכענלאַנד וועגען דער נאַטור און בעציהט זיך פיינדליך צו אַלע אָפיציעלע רעליגיעס פון דער נייער צייט; אין זיין טיעפסטען תוך איז בעהאַלטען יענער פּאַנטעאיזם, וועלכֿער הערשט אין דער גאַנצער ליטעראַטור פון 19-טען יאָהרהונדערט איבער דעם פּאָעטישען גע-פיהל צו דער נאַטור. מיר האָבען זיך שוין בעקענט מיט דעם דאָזיגען פּאַנטעאיזם, וועלכֿער איז געלעגען בעהאַלטען אונטער די ראָמאַנטישע אַנשויאונגען אויף דער נאַטור ביים דייטשען פּאָעט טיק. דאָ בעגעגענען מיר איהם אין דער פאָרם פון פאָלקאָמער זעלבסט-פערגעסונג און האַלב-בעוואוסטזיניגער בעהעפטונג פון מענש מיט דער נאַטור, אין דער פאָרם פון אַנ'איינצעלנעם קלאַנג, וואָס שוועבט אין איהר גרויסער האַרמאָניע. ער האָט געפונען אַנ'אויסדרוק אין פאָלגענדען קליינעם אָריגינעלען געדיכט:

„אַ שלאָף האָט אָנגעחאַפּט מיין נשמה... אַלע מענשליכֿע דאגות זענען פאַר מיר פערשוואונדען: מיר האָט זיך געדאַכֿט, אַז די נשמה שפירט נישט די בעריהרונג פון די ערדישע יאָהרען. זי האָט נישט קיין בעוועגונג, קיין קראַפט; זי הערט נישט און זעהט נישט; אַריינגעצויגען אין דער בעוועגונג פון דער ערד אַרום דער זון, דרעהט זי זיך צוזאַמען מיט די בערג, שטיינער און בוימער".

פערטיעפענדיג זיך אין דער שטימונג, פון וועלכֿער עס שטאַמט אַזאַ געדיכט, בעקומט מען די סימפּטאָמען פון אַ ריין-פּאַנטעאיסטישען געדאַנקען-גאַנג: דאָס אונבעוואוסטזיניגע לעבען ווערט בעטראַכֿט ווי דער יסוד און קוועלע פון בעוואוסטזיניגען לעבען, און אַלע ערדישע בעשעפענישען ווערען בעטראַכט ווי

אויסגעוואַקסען צוזאַמען אויפ'ן שויס פון דער נאַטור איידער עס איז ענטשטאַנען דאָס בעוואוסטזיין. איינע פון די קוועלען פון דער פּאָעזיע פון נייעם יאָהרהונדערט איז אַ קליין געדיכט, אין וועלכען עס ווערט אַרויסגעשטעלט אַלס געגענטייל צו דעם ציוויליזירטען מענש, ווי עס האָט איהם ערצויגען און בעזונגען דער פערגאַנגענער יאָהרהונדערט—דער מענש פון דער נייער צייט, אַלס אַ נאַטור-בעשעפעניש אין קרייז פון זיינע נאָהענטע בעשעפענישען—פויגעל און ווילדע חיות, געוויקסען און בלומען. דאָס קריסטענטום האָט געהייסען ליעב האָבען אַלע מענשען; דער פּאַנטעאיזם האָט געהייסען ליעבען אפילו די קלענסטע חיה. „Hart-leap-well" איז אָהן ספק דאָס וויכטיגסטע דערפון, וואָס וואָרדסוואָרט האָט אָנגעשריבען. דאָס איז אַן אייגפאַך געדיכט,—ווי אַ דאָפּעלטער ראָמאַנס,—וואָס שטעלט-פאָר אַ מערקווירדיג-שענע רעדע צו דער פערטיידיגונג פון אָרימען, פערפאָלגטען און געיאָגטען האָז, ד. ה. פון יענעם בעשעפעניש, וואָס וואָלט געקאָנט ערוועקען ביי די קלאַסישע שריפטשטעלער נישט מעהר ווי אַ גאַסטראָנאָמישען און קולינאַרען אינטערעס און וועלכע די אָנהענגער פון דער ריטערליכער עפּאָכע, אפילו סקאָט אַליין, האָבען ערלויבט זייערע העלדען צו הרג'ענען הונדערטערווייז. דאָס דאָזיגע געדיכט איז ריהרענד, נישט קוקענדיג אויף דער אונבעדייטענדקייט פון זיין אינהאַלט, ערהאַבען און גלייכצייטיג אייגפאַך לויט'ן סטיל,—עס איז דער איידעלער בעוויין פון דער טיעפער פּיעטעט צו דער נאַטור, וואָס איז פאַר וואָרדסוואָרט'ן די שענסטע רעקאָמענדאַציע.

די דאָזיגע פּיעטעט ווייזט זיך ביי איהם אַרויס קודם כל און הויפּטזעכליך אין פאָרם פון רעספּעקט פאַר אַלץ, וואָס איז קינדיש, און פאַר די קינדער אַליין, און די דאָזיגע אַכטונג צו דעם מענשליכען בעשעפעניש, וואָס שטעהט נעהנטער צו דער נאַטור אַדאַנק זיין אונבעוואוסטזיניגקייט, איז אויך אַן אָריגינעלער שטריך פון נייעם יאָהרהונדערט. אין אַ קליין געדיכט, וועלכען וואָרדסוואָרט האָט אַוועקגעשטעלט אין אָנהויב פון די איבעריגע, ווערט געזאָגט:

„מיין הארץ ציטערט פון פרייד, ווען איך בעמערק אין הימעל אַ רעגענבויגען; אַזוי איז עס געווען, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען מיין לעבען; אַזוי איז עס איצט, ווען איך בין שוין אַ דערוואַקסענער; אַזוי וועט עס בלייבען, ווען איך וועל זיין אַ זקן—אויב נישט, בעסער צו שטאַרבען! דאָס קינד איז דער פאָטער פון דערוואַקסענעם, און איך וואָלט וועלען, אַז מיינע טעג זאָלען זיין צוזאַמענגעבונדען דורך דער בעגייסטערונג פאַר דער נאַטור".

דאָ געהט די אַכטונג צום קינד שוין אַזוי וויים און ווערט אַזוי שטאַרק אַרויסגעשטעלט, אַז עס פערנעהמט דאָס אָרט פון פיעטעט פאַר דער אַלטקייט. אָבער, ווי עס לערנט די ערפאַהרונג פון אַלע לענדער, איז דאָס צוריקשטעלען די נאַטירליכע פאָ־עטישע רעכט פון קינד נור איינער פון די פיעל סמנים פון רעאַקציע געגען דער בעגייסטערונג פון 18־טען יאָהרהונדערט פאַר דעם געבילדעטען געזעלשאַפטליכען מענשען און געגען דעם פערטרייבען דאָס קינד אין קינדער־צימער. אין דער געזעלשאַפט פון 19־טען יאָהרהונדערט קומט אַ רעאַקציע. מיר געפינען זי דאָ אין איהרע אויסערסטע פאָרמען. אין איינעם פון זיינע סאָנעטען בעשרייבט וואָרדסוואָרט אַ שפּאַציר, וועלכען ער האָט געמאַכט אין איין שענעם אָווענד מיט אַ קליין מיידעלע. ער שילדערט די ווייכע אָווענד־שטימונג, וועלכע ער רופט־אָן „שטיל, ווי אַ מנישקע, וואָס איז מתפלל, פערהאַלטענדיג דעם אָטעם", און ער ווענדעט זיך צום קינד מיט פאָלגענדע ווערטער:

„טייער קינד! טייער מיידעלע, וואָס שפּאַצירסט דאָ מיט מיר! האָטש דו זעהסט נישט אויס דורכגעדרונגען מיט ערהאַבע־נע געדאַנקען, איז אָבער דיין נאַטור צוליעב דעם נישט ווענינער געטליך! דו רוהסט די גאַנצע צייט אויפ׳ן שויס פון אברהם, ווען דו ביזט מתפלל אין דער אינערליכער אָבטיילונג פון טעמ־פעל; גאָט איז מיט דיר אויך דאָ, ווען מיר בעמערקען עס נישט".

ביי וואָרדסוואָרט׳ן מוז אַלץ זיך ענדיגען טעאיסטיש, אָבער ווי עס וועט בעמערקען יעדער אויפמערקזאַמער לעזער, נעהמט זיך דאָס פון דער זיכערקייט אין דער געטליכער נאַטור פון קינד.

אין זיין בעריהמטער „אָדע צו דער אונשטערבליכקייט" ענטוויקעלט ער דעם דאָזיגען געדאַנק מיט אַזאַ בעגייסטערטקייט, אַז אפילו אַזאַ הייסער אָנהענגער פון נאַאיוויטעט, ווי קאָלרידזש, געפינט די רייד איבערטריבען. ער שרייט-אויס, ווענדענדיג זיך צו אַ זעקס-יעהריגען קינד:

„דו, וואָס דיין אויסערליך אויסזעהן איז אַ ווידערשפרוך צו דער אונבעגרענצטקייט פון דער נשמה! דו, דער בעסטער פילאָזאָף, וואָס האָט נאָך נישט פערלוירען זיין ירושה! דו, וואָס זעהסט צווישען בלינדע, וואָס, נישט ריידענדיג און נישט הערענדיג, לייענסטו די אייביגע טיעפקייט, בעקרוינט דורך דעם אונשטערבליכען גייסט,—גרויסער נביא, פאַר וועלכען עס זענען קלאָר די אמת'ן, וועלכע מיר זוכען מיט אַזאַ מיה אונזער גאַנץ לעבען"!

אמת, די אַלע אויסדריקען בעקומען אַ געוויסע פּאָעטיש-פילאָזאָפישע ערקלערונג דערין, וואָס די גרויסקייט פון קינד בעהמט זיך דערפון, וואָס עס שטעהט נעהנטער ווי מיר צום לעבען ביז דער געבורט, און דעריבער אויך נעהנטער צו דער אונשטערבליכקייט; אָבער אַזוי איז נור די ערקלערונג פון קאָלרידזש, וועלכע איז כמעט בעשטעטיגט געוואָרען דורכ'ן אויטאָר, אָבער די דאָזיגע השערה קאָן נישט אָנגענומען ווערען אַלס אַ בוכשטעבליכע מיינונג פון וואָרדסוואָרט. דאָס קינד ווערט פערגעטערט אַלס אַ נאַטור-ערשיינונג, אָבער אויך דער דערוואַקסענער, וועלכער „מוז זיך אַלץ מעהר דערווייטערן פון מזרח" (זון-אויפגאַנג), איז נאָך אַלץ דער „כהן פון דער נאַטור".

אין די פיעל געדיכטען דערמאָהנט וואָרדסוואָרט וועגען דער עמפּפינדליכקייט, מיט וועלכער ער האָט אין דער יוגענד זיך בעצויגען צו אַלע ערשיינונגען פון דער נאַטור. אין איינעם פון זיי, וואָס טראָגט, ווי אַלע זיינע ווערק, אַ לאַנגען און נישט-גלאַטיגען טיטול, דאַנקט ער דעם וועלט-גייסט דערפאַר, וואָס ער האָט פון קינדוויין-אָן איהם געשאָנקען יענע ליידענשאַפטען, אויף וועלכע עס איז געבויט אונזער גאַנץ גייסטיג לעבען, און געשטעלט איהם פאַר אַ ציעל נישט די מענשליכע נידעריגע און

אונווירדיגע ענינים, נאָר ערהאַבענע זאַכען, אייביגע זאַלען,— דאָס לעבען און די נאַטור. אויף אַזאַ אופן, זאָגט ער, זענען געלייטערט געוואָרען זייגע געפיהלען און געדאַנקען, ביז ער האָט נישט דערשפּירט אַ געוויסע ערהאַבענקייט אין קלאַפּען פון זיין האַרצען.

בעטראַכט נור די ראַפינירטע און לירישע בעציהונג צו דער נאַטור, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין פאָלגענדער בע־שרייבונג:

„און די דאָזיגע בעהעפטונג מיט דער נאַטור האָב איך בעקומען נישט דורך איינג-האַרציגער ליעבע. אין די נאָוועמבער־טעג, ווען דער נעבעל, וואָס האָט געשוועבט איבער דעם טהאָל, האָט געמאַכט די וויסטע סצענע נאָכמעהר וויסט; צווישען וועל־דער אין האַלבען טאָג; צווישען דער שטילקייט פון די זומער־נעכט, ווען איך בין איינזאַם געגאַנגען אַהיים מיט'ן ברעג פון דער אונרוהיגער אָזערע, צופוסענס פון די פינסטערע בערג, האָב איך געשפּירט די דאָזיגע קרובה'שאַפט מיט דער נאַטור. איך האָב דאָס געפיהלט אויך צווישען די פעלדער בייטאָג און ביי־נאַכט, און אויך קוקענדיג אין וואַסער; סיי אין פערלויף פון גאַנצען זומער, סיי אין ווינטער-טעג, ווען די זון האָט זיך גע־זעצט, און אויף אַ שטרעקע פון פיעל מייל האָט זיך געזעהן דער קאָטעדזש, וואָס זיינע פענסטער האָבען געבלישטשעט דורך דער דעמערונג, האָב איך נישט געוואוסט פון קיין שום אַנדערע אינטערעסען; אַ גליקליכע צייט איז דאָס געווען פאַר אונז אַלע; פאַר מיר איז דאָס געווען אַ צייט פון בעגייסטערונג! שאַרף און הויך האָט דער דאָרפישער זייגער געשלאָגען זעקס,—און איך בין געגאַנגען פאָראויס שטאָלץ און פרעהליך, ווי אַ פערד, וואָס איז נאָך נישט מיעד געוואָרען און וואָס איילט זיך נישט אום־קעהרען אַהיים.—אויף רעדלעך האָבען מיר זיך געגליטשט איבער דעם גלאַטען אייז, איבערגעבענדיג זיך געשמאַק די געמיינזאַמע שפּיעלען, נאָכמאַכענדיג די יאַגד און פערשי״עדענע וואַלד-פערוויי־לונגען,—די קלאַנגען פון אַ יאַגד-האָרן, דאָס בילען פון אַ יאַגד־הונד און דאָס לויפען פון אַ האָז. אויף אַזאַ אופן זענען מיר

געלאָפּען ביי טונקעלקייט און קעלט, און קיין איין שטים האָט נישט געשוויגען; איבערגעהמענדיג אונזערע שטימען, האָט אין די אָבגרונדען הויך אָבגעקלונגען דאָס עכאָ; די נאַקעטע ביימער און יעדעס שטיקעל אייז אויף זיי האָבען געסקריפּעט, ווי אייזען, בעת די ווייטערע בערג האָבען צווישען דעם דאָזיגען גערויש אַרויסגעגעבען אונקלאָרע מעלאַנכאָלישע קלאַנגען; די שטערען אויפ׳ן מזרח האָבען העל געלויכטען, און אויף מערב איז פון ווייטענס אָבגעשטאָרבען דער אָראַנזש-קאָליר פון דעם זון-אונטערגאַנג.

נישט זעלטען האָב איך פערלאָזט דעם המון און בין אַוועק אין אַ שטילע בוכטע אָדער אונבעמערקט זיך אַוועקגעדרעהט אָן אַ זייט, פערלאָזענדיג די רוישיגע געזעלשאַפט, כדי איבערצוהאַקען די ליניע פון דעם שטערען-אָבשיין, בעת די שטערען, אַנטלויפענדיג פאַר מיר, האָבען ווייטער געלאָזט זייער אָבשיין אויף דעם פלאַכען שטח; און אָפט, ווען מיר האָבען זיך אונטערגעגעבען דעם ווילען פון ווינד, און די ברודיגע ברעגעס פון ביידע זייטען האָבען געפינקעלט פאַר אונז דורך דער פינסטערניש, נאָכגעהענדיג אונזער שנעלע בעוועגונג, — האָב איך זיך פלוצלונג אָבגעשטעלט, אויסבויגענדיג דעם קערפּער צוריק; אָבער די איינזאַמע בערג האָבען ווייטער זיך בעוועגט פאַר מיר, פונקט ווי די ערד וואָלט פאַר מיר אין די אויגען דורכמאַכען איהר בעוועגען זיך אַרום דער זון! זיי זענען מיר נאָכגעגאַנגען, אַלץ שוואַכער און שוואַכער, און איך בין געשטאַנען און געקוקט, ביז אַלץ איז רוהיג געוואָרען, ווי אַ זומער-אָזערע".

די דאָזיגע נאַטור-בעשרייבונג האָט צו זיך כמעט קיין גלייכען נישט לויט איהר שענקייט אין דער ווייטערדיגער ענגלישער פּאָעזיע. איבריגענס, אין איינעם פון זיינע שענסטע און בעדייטענדסטע געדיכטען בעשרייבט וואָרדסוואָרט אַליין זיינע געפיהלען צו דער נאַטור אין אַזעלכע אויסדריקען, וועגען וועלכע ער האָט שפּעטער נישט אָהן אַ גרונד געזאָגט, אַז זיי זענען איבערפּראַזירט געוואָרען דורך בייראָנ׳ען אין די בעריהמטעסטע און פּאָעטישסטע ערטער פון זיין „טשיילד-האַראָלד". יעדענפאַלס,

איז די דאָזיגע שילדערונג אָהן ספק אַנ׳עפּאָכע אין דער ענגלי-
שער פּאָעזיע. אָט וואָס וואָרדסוואָרט זאָגט:

„ווייל די נאַטור (נאָכדעם ווי עס איז פאַר מיר אַריבער
די צייט פון די ברוטאַלע פּערגניגענס פון מיינע יונגעלשע
יאָהרען, די צייט פון פרעהליכע אינסטינקט-בעוועגונגען) איז גע-
ווען פאַר מיר אַלץ. איך בין נישט אימשטאַנד צו בעשרייבען,
וואָס איך בין דאַן געווען. דער רוישענדער וואַסערפאַל האָט זיך
געטראָגען פאַר מיין פאַנטאַזיע, אַרויסרופענדיג אַ ליידענשאַפטליכע
בעגייסטערונג; די הויכע בערג, דער געדיכטער און פינסטערער
וואַלד, זייערע פאַרבען און פאָרמען האָבען אין מיר אַרויסגע-
רופען ענטציקונג: דאָס זענען געווען געפיהלען און ליעבע, וואָס
כדי אויפצולעבען אין מיר האָבען זיי זיך נישט גענויטיגט אין
דעם צויבער, וואָס שטיצט זיך אויף דער מחשבה, אָדער אויף
וועלכען - עס - איז אינטערעס, וואָס ווערט אַרויסגערופען דורך
אַנ׳אַנדער זאַך, אַחוץ ריינער בעטראַכטונג.“

אונז קאָן אויסזעהן קאָמיש, ווען וואָרדסוואָרט קלאָגט זיך אין
יאָהר 1820 פאַר מור אויף די פּלאַגיאַטען פון בייראָנ׳ען און דער-
צעהלט, אַז דאָס גאַנצע דריטע ליעד פון „טשיילד-האַראָלד“ איז
געבויט אויף זיינע געפיהלען און געשריבען מיט זיין סטיל, און
לאָרד ראָסעל איז אפשר גערעכט, ווען ער בעמערקט טרוקען
וועגען דעם, אַז אויב וואָרדסוואָרט איז שולדיג אין דעם ערשיי-
נען פון „טשיילד-האַראָלד“, איז דאָס זיין בעסט ווערק,—אָבער
דאָך איז לייכט צו פערשטעהן, אַז וואָרדסוואָרט׳ן האָט לייכט
געקאָנט זיך אויסווייזען, אַז די הויפט-ערטער אין דעם דער-
מאָהנטען דריטען ליעד און די שענע שטעלען וועגען איינזאַמ-
קייט אין די פריהערדיגע ליעדער ווידערהאָלען נור אין אַ גע-
קינסטעלטער פאָרם און אין פאָרם פון אַנטיטעזען דאָס, וואָס ער
האָט שוין פריהער געזאָגט איינפאַך און נאַטירליך. עס איז נישט
שווער צו זעהן אין דעם דאָזיגען פראָטעסט אַ בעליידיגטע אַמבי-
ציע פון אַ בעגרענצטען שכל, וואָס איז פערדונקעלט געוואָרען
דורך דעם שכל פון אַ מעהר-געניאַלען קאָנקורענט, אָבער מען דאַרף
נישט פערגעסען, אַז וואָרדסוואָרט האָטווירקליך דער ערשטער געגו-

מען יענעם אַקאָרד, וועלכן בייראָן האָט שפּעטער מיט אַזאַ ערפֿאָלג אויסגענוצט אין אַנדערע וואַריאַציעס, און אַז איינציגע, בעזונדערס אָריגינעלע און לעבעדיגע געדיכטען פֿון וואָרדסוואָרט זענען וואַהרשיינליך פערבליבען אין זכרון פון בייראָנ׳ען. מען קאָן, צום ביישפּיעל, נישט לייענען פאָלגענדע שורות פון „טשיילד-האַראָלד“ (דריטעס ליעד, 72-טע סטראָפע): „און פאַר מיר זענען די הויכע בערג—געפיהל“, און דערביי זיך נישט דערמאָהנען די איבען-ציטירטע ווערטער פון וואָרדסוואָרט, מען קאָן נישט לייענען, אַז בייראָן שאַפט-איבער און פערטיעפט וואָרדסוואָרט׳ס שטימונג, ווען ער זינגט:

„צי זענען דען די בערג, חוואַליעס און הימלען נישט קיין טייל פון מיר אַליין און מיין נשמה, ווי איך בין אַ טייל פון זיי? צי פילט דען נישט אָן מיין האַרץ די ליעבע צו זיי מיט טיעפֿער לײדענשאַפֿט?...“

אָבער בעת וואָרדסוואָרט אין „Tintern Abbey“ שילדערט די דאָזיגע ליידענשאַפט זייגע צו דער נאַטור, ווי עטוואָס פער-גאַנגענעס, וואָס האָט עקזיסטירט נור אויף אַ ווײלע, אין איבער-גאַנגס-עלטער, און איז שפּעטער אונטערגעפאַלען דער קראַפט פון אַנאַליז און בעטראַכטקייט, איז די ליידענשאַפט ביי בייראָנ׳ען אַ פעסט געפיהל, וואָס דריקט-אויס זיין גאַנץ וועזען. ביי איהם איז דער „איך“ און זיין בעציהונג צו דער נאַטור נישט גע-בונדען דורך קיין שום בעגרענצונגען פון גאָטס-פּורכט; צווישען איהם און דער נאַטור שטעהט נישט קיין שום וואַנד אין פאָרם פון רעליגיע; אין זיין מיסטישער פערגעטערונג פון דער נאַטור שפירט ער זיך פעראייניגט מיט איהר, נישט נויטיגענדיג זיך אין קיין deus ex machina, כדי צו פעראייניגען זיך מיט דער נאַטור.

אַזוי קאָן מען אויך זאָגען, אַז די אונמיטעלבאַרע ליידענ-שאַפט איז נישט האַראַקטעריסטיש פאַר דער בעציהונג פון וואָרדס-וואָרט צו דער נאַטור. זיינע אַנשויאונגען און איינדריקען פון דער נאַטור און זיין איבערגעבען די דאָזיגע איינדריקען צייכע-נעט זיך אויס דורך אַ מעהר-קאָמפליצירטען און ראַפינירטען הא-

ראַקטער. הגם דער איינדרוק ווערט אויפגענומען דורך אַ פריש געפיהל, אָבער אַדאַנק דעם שכל ווערט דער איינדרוק אָבגעשוואַכט און איינגעהאַלטען. דער איינדרוק פיהרט נישט דעם פּאָעט אונמיטעלבאַר צום זינגען ליעדער. אויב ער קאָן צוזאַמען מיט געטע זאָגען: „איך זינג, ווי עס זינגט דער פויגעל, וואָס וואוינט אין די צווייגען", אָבער יעדענפאַלס זינגט ער נישט, ווי די נאַכטיגאַל, ער גיט נישט אַרויס דאָס געזאַנג פון ליעבע, וואָס גיסט זיך אין שפע און זאָגט עדות וועגען דעם, אַז די נשמה איז פער'שכור'ט דורך ליעבע און לאַכט-אויס די נאַכטשטילקייט, וועלכע זי צושטערט. וואָרדסוואָרט אַליין האָט בעשריבען אין ווערטער, וואָס זענען עהנליך צו די אויבען-ציטירטע ווערטער, דאָס ליעד פון דער נאַכטיגאַל, און דערנאָך זאָגט ער ווייטער:

„איך האָב געהערט דעמזעלבען טאָג, ווי אַ ווילדע טויב האָט געזונגען איהר איינפאַך ליעד; איהר שטים האָט גערוהט צווישען די בוימער, נאָר דער ווינט האָט זי געבראַכט צו מיר; נישט אָבשטעלענדיג זיך, האָט די טויב אַלץ געוואָרקעט און געוואָרקעט, און אַמאָל פער'חלומ'ט געבעטען: זי האָט געזונגען וועגען ליעבע, רוהיג-שיינענדער ליעבע, וועלכע ווערט לאַנגזאַם געבוירען, נאָר ענדיגט זיך קיינמאָל נישט; וועגען ערנסטען גלויבען, וועגען אינערליכער פרייד... דאָס איז געווען אַ ליעד אין מיין געשמאַק!.."

וואָרדסוואָרט האָט געוואָלט בעשרייבען זיך אַליין אין די דאָזיגע שורות וועגען אַ פערליעבטען, וואָס איז פערזונקען אין מעלאַנכאָלישע מחשבות. לויט דעם מנהג פון פיעל פּאָעטען, האָט ער זיך בעמיהט שאַפען אַ טעאָריע פון זיין אַרט לעבען און בעווייזען, אַז יעדע גוטע פּאָעזיע מוז בעזיצען די אייגענשאַפטען פון אייגענער פּאָעטישער שאַפונג. יעדע גוטע פּאָעזיע, זאָגט ער, איז אַ געצוואונגענעס רעזולטאַט פון מעכטיגע געפיהלען, אָבער עס איז נישט געשאַפען געוואָרען קיין בעדייטענד ווערק דורך אַ מענשען, וואָס זאָל צוזאַמען מיט דער נישט-געוועהנליכער עמפפינדליכקייט נישט בעזיצען אויך די פעהיגקייט טיעף און לאַנג צו דענקען. די סבה דערפון, לויט זיין מיינונג, ליעגט,

ערשטענס, דערין, חאָס דער גאַנג פון אונזערע געפיהלען ווערט אָהן אויפהער בעשטימט און בעפעסטיגט דורך אונזערע געדאַנקען; צווייטענס, דערין, וואָס אויך אונזערע געדאַנקען זענען נישט אַנדערש, ווי „פערטרעטער פון אַלע אונזערע פריהערדיגע געפיהלען"—טיעפע און געלונגענע ווערטער, הגם אפשר וויסענשאַפטליך נישט זעהר אויסגעהאַלטען, און די דאָזיגע ווערטער חאַראַקטעריזירען גלענצענד די אייגענע פּאָעטישע געדאַנקען און בעטראַכטונגען פון וואָרדסוואָרט.

די פּאָעטישע וועלט-אַנשויאונג פון וואָרדסוואָרט בעשטעהט דערין, אַז די איינדריקען פון דער נאַטור ווערען געזאַמעלט און בעהאַלטען, כדי, אַזוי צו זאָגען, איבערצוקייען זיי, איבעראַרבייטען, אַריינבעהמען זיי אין זיך און דערנאָך ווידער אַרויסנעהמען פון דעם גייסטיגען מאַגאַזין, כדי ווידער צו בעטראַכטען זיי און ציהען פון זיי פערגניגען. ווער עס האָט קלאָר פערשטאַנען די דאָזיגע אייגענטימליכקייט פון וואָרדסוואָרט'ן, דער בעזיצט דעם שליסעל צו פערשטעהן זיין אָריגינאַליטעט. אין „Tintern Abbey" ערקלערט ער, ווי אַזוי די דאָזיגע שטילע אויפפאַסונג פון די נאַטור-שטימונגען, לויט די שטימונגען פון דער מענשליכער נשמה, ווערט געשאַפען דורך דער אונמיטעלבאַרער אָפענהערציגער פרייד פון יוגענד-עלטער, זעהענדיג די שענקייטען פון דער נאַטור:

„די דאָזיגע צייט איז אַריבער, און איהרע אַלע פריידען עקזיסטירען מעהר נישט; עס זענען אויך מעהר נישטאָ די שטורמישע ענטציקונגען פון יענער צייט. איך בעקלאָג זיך דערויף נישט, וויין נישט און פּראָטעסטיר נישט; נאָכדעם זענען געקומען אַנדערע פריידען, וואָס בעלוינען, ווי מיר דאַכט זיך, גענוג פאַר די דורכגעלעבטע פערלוסטען. ווייל איך האָב זיך אויסגעלערנט קוקען אויף דער נאַטור נישט אַזוי, ווי אין די צייטען פון דער נישט-טראַכטענדיגער יוגענד. איך האָב אָנגעהויבען אָפט צוהערען זיך צו דער שטילער, טרויעריגער מוזיק פון דער מענשהייט, נישט די גראָבע און שאַרפע, נאָר גענוג שטאַרקע, כדי צו לייטערן און בעזיעגען די נשמה. און איך האָב געפיהלט, אַז איך בעזיץ עטוואָס אַזוינס, וואָס ערפילט מיך מיט דער פרייד, וועלכע

שטאַמט פון ערהאַבענע געדאַנקען... איך האָב געשפּירט בעוועגונג, גייסט, וואָס ציהט-מיט אַלע דענקענדיגע בעשעפּענישען, אַלע זאַכען פון געדאַנק און דרינגט אַריין אין אַלץ.״

אין די דאָזיגע ווערטער האָט וואָרדסוואָרט געשילדערט זיין בעזיץ און קלאָר און בעשטימט אָנגעצייכענט זיינע גרעניצען. וואָס פאַר אַ געגענזאַץ צו בייראָנ׳ען, וועלכער האָט זעלטען אָדער קיינמאָל נישט געהערט קיין מענשליכע שטים אין דער נאַטור, און אפילו ווען ער האָט געהערט, איז נישט אָהן אַ דיסאָנאַנס,— נאָך אין „טשיילד-האַראָלד״ רופט ער אָן דאָס גאַנצע לעבען פון דער מענשהייט „פאַלשער טאָן״ אין דעם גרויסען אַקאָרד פון דעם וועלט-טייל.

אָבער מיר זענען נאָך נישט צוגעקומען צו די סאַמע אָרי-גינעלע ערטער אין „Tintern Abbey“. דאָרט בעשרייבט וואָרדס-וואָרט די רוהיגע ווירקונג פון די אָנגעזאַמעלטע איינדריקען פון דער נאַטור אויף די מחות. ער זאָגט:

„די דאָזיגע שענע בילדער, הגם איך האָב זיי לאַנג נישט בעזעהן, זענען נישט געווען פאַר מיר דאָס, וואָס עס איז אַ לאַנדשאַפט פאַר׳ן אויג פון אַ בלינדען; אָבער אָפט, אין די מינוטען פון איינזאַמקייט, צווישען געדויש פון דער גרויסער שטאָדט, האָב איך זיי צו פערדאַנקען, אין די מינוטען פון מיעד-קייט, מיט די זיסע געפיהלען... און אויך מיט די געפיהלען פון לאַנג-פערגעסענע פערגניגענס,—אַזעלכע, קאָן זיין, וואָס ווייזען-אַרויס נישט קיין קליינע און פאַריבערגעהענדיגע ווירקונג אויף דעם בעסטען טייל לעבען פון אַ גוטען מענש, אויף זיינע קליינע, אונבעדייטענדע, לאַנג-פערגעסענע מעשים פון גוטס און ליעבע״.

און ער ענטוויקעלט ווייטער דעם געדאַנק, אַז מיט די דאָזיגע איינדריקען פון דער נאַטור האָט ער צו פערדאַנקען אויך אַנ׳אַנדערער, העכערער בעגאַבונג—דעם גליקליכען און קלאָרען שכל, וואָס שוואַכט-אָב דעם דרוק פון דער לעבענס-לאַסט, און ענדיגט זיינע בעטראַכטונגען מיט דער בעמערקונג, אַז אין יענע פריידיגע מינוטען, ווען ער זעהט ווידער בעקאַנטע ערטער, שפּירט ער נישט בלויז אַ מאָמענטאַלען פערגניגען, נאָר שפּעט

אויך אין זיי לעבען און יניקה פאַר דאָס קינפטיגע יאָהר.

דעם דאָזיגען אויסדרוק בענוצט ער זעהר אָפט. אַ בעזונדער אינטערעס האָט דאָס געדיכט נומער XV אין דער „Poems of imagination“, וואו דער פּאָעט דערצעהלט, ווי אַזוי ער האָט בשעת אַנ'איינזאַמען שפּאַציר אַרום אַנ'אָזערע פלוצלונג ענטדעקט אַ גאַנצע מענגע גאָלדענע נאַרציסען, וועלכע האָבען זיך געשאָקעלט און געטאַנצט פון דעם ווינט, זיצענדיג אַזוי נאָהנט איינע צו דער צווייטער, ווי שטערען אין הימעל, און בעוועגענדיג זיך מיט נאָך מעהר פרעהליכערע בעוועגונגען, ווי די שטורמישע חוואַליעס, נעבען וועלכע זיי זענען געוואַקסען:

„איך האָב געקוקט און געקוקט, נאָר נישט געטראַכט וועגען דעם, וואָס פאַר אַ נוצען מיר האָט געבראַכט דאָס בילד, ווייל אָפט שפּעטער, ווען מיר איז אויסגעקומען צו ליעגען אויפ'ן בעט, פערזונקען אין געדאַנקען, לעבען זיי אויף פאַר מיין אינערליכען בליק, וואָס איז דאָס גליק פון דער איינזאַמקייט; און דעמאָלט ווערט מיין האַרץ פול מיט פרייד און טאַנצט צוזאַמען מיט די נאַרציסען.“

שווער צו געפינען אַ גרעסערן געגענזאַץ צו דעם געוועהנליכען לעבען פון אַ לירישען פּאָעט אין היינטיגער צייט, ווי דאָס דאָזיגע בעזאָרגען-זיך פון פּאָעט מיט איינדריקען אין דער געגענוואַרט, כּדי זיי אויסצונוצען אין דער צוקונפט. וואָרדסוואָרט אַליין רופט זיך אָן „זאַמלענדע נאַטור“; ער זאַמעלט אין בוכשטעבליכען זין פון דעם וואָרט ווינטערדיגע זאַפּאַסען פון די ליכטיגע זומער-מאָמענטען, און עס איז דאָ דערין עטוואָס אויפריכטיגעס, אַלגעמיין-מענשליכעס, עטוואָס אַזוינס, מיט וואָס דאָס רוב מענשען בענוצען זיך נישט, אָדער לעגען נישט דערויף די געהעריגע אויפמערקזאַמקייט. אָבער קודם כּל איז דאָ דערין עטוואָס נאַציאָנאַלעס; קיינער וואונדערט זיך נישט, ווען ער זעהט, אַז גראָד דער ענגלישער נאַטוראַליזם האָט אָנגעהויבען פון זאָרגפעלטיגען און עקאָנאָמישען זאַמלען קאַפּיטאַל און פערמעגען פון די איינדריקען פון דער נאַטור.

מיר ווייסען אַלע, וועלכע שטימונגען קאָנען ברייגגען צו אַזעלכע רעזולטאַטען. פיעל פון אונז, זעהענדיג דעם אונבעגרענצטען האָריזאָנט, וואָס עפענט זיך ביים ברעג פון בלויען ים, וואָס אין זיינע חוואַליעס בלישטשען די שטראַהלען פון דער זון, פערשטעהען, אַז ווען מען זאָל טעגליך איינקוקען זיך אין אַזאַ בילד, וואָלט די נשמה ברייטער געוואָרען און פון איהר וואָלטען פערטריבען געוואָרען פון אַלע ווינקעלען די קליינליכע געפיהלען; פערלאָזענדיג דאָס דאָזיגע אָרט, בעדויערן מיר וועגען דעם און חאַפען זיך אָן אָן יעדען איינדרוק, וואָס קאָן בענייען די ווירקונג, וועלכע עס האָט אויף אונז געמאַכט דאָס אָרט. אָדער, בעטראַכטענדיג די וואונדערבאַרע לאַנדשאַפטען, איבערהויפט בשעת רייזעס, ווען מיר ווייסען, אַז נישט אַזוי גיך וועט אונז ווידער אויסקומען צו ענטציקען זיך מיט דער שענקייט, בעמיהען מיר זיך צו זיין וואָס לענגער פאַסיוו, כדי דאָס בילד זאָל טיעף איינגעקריצט ווערען אין אונזער זכרון. מיר קעהרען זיך אויך אום אינסטינקטיוו צו די שענע ערינערונגען, ווייל אונזער נשמה איבערהויפט זוכט נישט-ווילענדיג אין דער פערגאַנגענהייט ליכטיגע ערינערונגען, כדי צו שעפען פון זיי קראַפט און לעבענס-מוטה. אָבער די נייע, שטאַרקערע געפיהלען פערביישען ביי אונז די פריהעריגע. מיר זענען נישט אימשטאַנד צו פאַרירען מיט זיי אויף דער צוקונפט אָדער ווידער און ווידער זיי איבערלעבען. דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען, דער וועלטליכער טומעל און דאָס לעבען פון ליידענשאַפטען מאַכען אונז אונפעהיג צו פיהלען די טיעפע און בעגייסטערטע פרייד ביי דער ערינערונג וועגען דעם שיין פון די זונען-שטראַהלען אויף די בלומען אָדער וועגען די צונויפגעוואַקסענע ריעזיגע בוימער. גאַנץ אַנדערש איז עס פאָרגעקומען אין דער נשמה פון ענגלישען פאָעט, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ לעבענס-אויפגאַבע צו דערוועקען אַנ׳אינטערעס צו די אַלע עלעמענטאַרע שטימונגען און איינדריקען און אויסטייטשען זיי. זיין פאַסיווע נשמה אין פראַקטישען זין איז געבליבען רוהען צווישען די דאָזיגע טרוימערייען וועגען דער נאַטור, און מען מוז מודה זיין, אַז דאָס דאָזיגע שטענדיגע ווענדען זיך צו ז״

איינפאַכסטע איינדריקען פון דער נאַטור האָט געמאַכט זיין נשמה אַזוי ריין און פריי, אַז זי איז געבליבען פעהיג צו פיהלען די שענקייט אין איהרע איינפאַכסטע ערדישע פאָרמען אָהן צו-מי-שונג פון עטוואָס פאַנטאַסטישעס און איבערטריבענעס.

ווי זעלטען בעגעגענט מען אַזאַ פעהיגקייט, ווי אָפט פיהלט זיך דער מאַנגעל פון דער פעהיגקייט ביי די גרעסטע און בעסטע מענשען! ווי שנעל איז די פעהיגקייט פערלוירען געוואָרען אין דער ענגלישער פאָעזיע! אין דער שענסטער און פאָלקאָמענסטער פאָרם ווייזט זיך די פעהיגקייט אַרויס ביי געצעהלטע פאָעטישע פרויען-פיגורען, וואָס זייערע שטריכען זענען אונז געשילדערט געוואָרען דורך וואָרדסוואָרט אין זיינע קליינע געדיכטען. די העלדען פון זיינע ערצעהלערישע געדיכטען האָבען אַ פיעל קלע-נערע בעדייטונג: זיי זענען אַרויסגעפיהרט געוואָרען טיילווייז, כדי צו דערוועקען מיטגעפיהל צו דער פויערישער בעפעלקערונג און צו די נידעריגע קלאַסען, טיילווייז מיט'ן צוועק צו מאָראַ-ליזירען. אָבער די געצעהלטע לייכט-געשילדערטע פרויען-פיגורען, וואָס ווערען בעטראַכט דורך וואָרדסוואָרט מיט דעמזעלבען רוהי-גען און פערליעבטען בליק, מיט וועלכען ער האָט געקוקט אויף בוימער און פויגעל,—זענען די פערקערפערטע נאַטור. דאָס זענען טיפישע ענגלישע פרויען, און קיינער האָט נישט געשילדערט מיט אַזאַ זיכערער האַנד, ווי ער, זייערע כאַראַקטעריסטישע אייגענשאַפטען. לייענט-איבער פאָלגענדעס קליינעס געדיכט:

„זי האָט מיר אויסגעזעהן, ווי אַ וואונדערבאַרע וויזיע, ווען זי האָט זיך צום ערשטען מאָל בעוויזען פאַר מיינע אויגען,—אַן'ענטציקענדע וויזיע, וואָס איז אַראָבגעשיקט געוואָרען פון אויבען צוליעב מאָמענטאַלען צויבער; איהרע אויגען האָבען גע-שיינט, ווי שטערען אין דער דעמערונג; ווי דעמערונג האָבען אויסגעזעהן אויך איהרע טונקעלע האָאָר; אָבער איהר איבעריג אויסזעהן האָט דערמאָהנט אָן די מאַי-טעג און אָן דעם פרעהלי-כען זון-אויפגאַנג; דאָס איז געווען אַ טאַנצענדיג פרעהליך בילד, וואָס האָט בעצויבערט, איבעראַשט און איז פלוצלונג פערשוואונדען געוואָרען. שפעטער האָב איך נעהנטער זיך בעקאַנט מיט איהר,—

דאָס איז געווען אַ גייסט, אָבער אויך אַ פרויענצימער. איהרע
בעוועגונגען אין דער-היים זענען געווען לייכטע, פרייע, איהר
אַרט געהן—מיידעלש-פריי; איהר געזיכט האָט אויסגעדריקט
זיסע ערינערונגען און אויך זיסע הבטחות; דאָס איז געווען אַ
בעשעפעניש, נישט צו-פיעל שען און צו-פיעל ענטציקענד פאַר
דעם אַלטעגליכען לעבען,—פאַר איבערגעהענדיגען טרויער, איינ-
פאַכע איינפאַלען, ליבע, פאָרוואורף, ליעבע, קושען, טרעהרען און
שמייכלען. און איצט זעה איך זי מיט קלאָרע אויגען דורך און
דורך. דאָס איז אַ בעשעפעניש, וואָס איז בעשאָנקען מיט אַ טיע-
פען געדאַנק, אַ חבר אויפ'ן וועג צווישען לעבען און טויט, מיט
אַ געזונטען פערשטאַנד, געזונטען ווילען, עקשנות, ווייטזיכטיגקייט,
קראַפט און קונסט—אַנ'אמת'ע פרוי, געשאַפען לויט אַנ'איידעלען
פלאַן, פעהיג צו וואָרנען, טרייסטען און בעפעהלען... און דאָך
אַ גייסט, וואָס שיינט ווי מיט אַנ'ענגלישער שיין".

אָהן צווייפעל, מיר האָבען דאָ פאַר זיך אַנ'אמת, ריכטיג
בילד פון אַנ'ענגלישער פרוי, און נישט ווילענדיג גיבען מיר
פאָרצוג וואָרדסוואָרט'ן, ווען מיר פערגלייכען די דאָזיגע געזונטע
און ריכטיגע בעשרייבונג מיט די פרויען-אידעאַלען, וואָס זענען
געשילדערט דורך די גרעסטע פאָעטען פון ענגלאַנד אין דער
שפּעטערדיגער צייט. לאָמיר זעהן, צום ביישפּיעל, ווי אַזוי
שעלי בעשרייבט די עפיר-בעשיצערין פון די בלומען און גע-
וויקסען אין זיין געדיכט „מימאָזאַ". דאָס בילד פון דער ערהאַ-
בענער שענהייט איז ענטציקענד, ווי איבערהויפּט אַלץ, וואָס
בעהט אַרויס פון דער פעדער פון שעלי; איהר צערטליכקייט צו
די געוויקסען, איהר ריהרענד מיטגעפיהל צו אַלע קליינע
העסליכע און פערפאָלגטע חיה'לעך, „וועלכע זענען אונשולדיג,
חאָטש זיי זענען שעדליך," גיבען-צו דער דאָזיגער גייסטיגער
העלדין מענשליכע שטריכען, אָבער דאָך איז זי נישט קיין מענש,
פונקט ווי די פייע פון שעלי'ס „אַטלאַס" און די אונפערשטענד-
ליכע העלדין פון זיין „עפּיפּסיחידיאָפּ". שעלי פעראַכטעט דאָס
ערדישע לעבען.— אָדער לאָמיר נעהמען די ליידענשאַפטליכע
מזרח-העלדינס אין די ערשטע פאָעטישע ערצעהלונגען פון ביי-

רען: מעדאָראַ, הולבירא, קאַלעדזש. זיי פערמאָגען נישט אין זיך די איינפאַכע שענקייט פון וואָרדסוואָרט׳ס העלדין; זייער ליעבע, איבערגעגעבענקייט און ענטשלאָסענקייט שטייגען-איבער יעדע גרעניץ. זיי זענען געשאַפען פאַר דער וועלט לעזער, ביי וועלכע דאָס רוישענדיגע שטאָדט-לעבען צווישען דער לאָנדאָנער מאַסע און דאָס שטענדיגע פערנעהמען-זיך מיט וועלט-געשעהע-נישען האָבען אַרויסגערופען אַ נערוועז בעדערפניש אין די שטאַרקסטע גייסטיגע רייצונגס-מיטלען. אָבער וואָרדסוואָרט האָט געהאַלטען פאַר אַנ׳אַנגענעהמע און אייד׳עלע אויפגאַבע פאַר זיך צו בעווייזען, ווי שטאַרק מען קאָן אויפרודערן, ריהרען און ערשיטערן די מענשליכע נאַטור, נישט אָנקומענדיג צו גראָבע און שטאַרקע רייצונגס-מיטלען. ער האָט, אמת, פערשטאַנען, אַז פאַר מענשען, וואָס זענען געוועהנט צו שרייענדיגע פאַרבען, איז שווער צו געפינען אַ פערגניגען אין לעזען ווערק, וואָס זייער אייגענטימליכקייט בעשטעהט אין אַ ווייכען און נאַטירליכען קאָ-לאָריט, אָבער ער האָט בעשלאָסען צווינגען די לעזער זיך אום-קעהרען צו נאַטירליכקייט און אויפהערען זוכען רייצונגס-מיטלען אין דער פּאָעזיע.

VI.

עס איז אונמעגליך איינגאַנצען צו פערשטעהן די קראַפט און די מאָס פון וואָרדסוואָרט׳ס פּאָעטישע פעהיגקייטען, ווען מען איז נישט בעקאַנט מיט זיין ביאָגראַפיע. זיין לעבען איז געווען אונגעוועהנליך אידיליש און אָבגעגרענצט פון אויסערליכע אויפרעגונגען. ער איז געבוירען געוואָרען אין אַ פערמעגליכער פאַמיליע פון מיטעל-שטאַנד (זיין פאָטער איז געווען אַדוואָקאַט), האָט שטודירט אין קעמברידזש, אַרומגערייזט, איז צוריקגעקומען אַהיים און אין יאָהר 1795 האָט ער בעקומען בירושה פון איינעם אַנ׳אָנהענגער פון זיין טאַלענט 900 פונט שטערלינג, וועלכע האָבען צוזאַמען מיט די 8500 פ., וואָס זיין פאַמיליע האָט בעקומען אויסגעצאָהלט פון איינעם אַנ׳ענגלישען לאָרד, וועלכער איז שולדיג געווען זיין פאָטער געלד, געגעבען דעם פּאָעט די מעגליכקייט צו לעבען אָהן אַ שום בעשטימטער פּראָפעסיע. אין 1803 האָט ער חתונה געהאַט, אין 1813 זיך בעזעצט אין רידאַל-מאָאונט „ביי די אָזערעס". אַלס פערוואַלטער פון שטעמפּעל-אָבצאָהל, האָט ער פון 1813 ביז 1842 בעקומען יעהרליך אַ סינעקור פון 500 פ. און ערשט אין 1842 האָט ער זיך אָבגעזאָגט פון דער סינעקור לטובת איינעם פון זיינע זיהן. אין 1843 איז ער געוואָרען דער poet-laureate אָנשטאָט דעם פּאָעט סאָאוטי און, אַלס אַזעלכער, בעקומען רעגירונגס-פּענסיע 300 פ. יעהרליך ביז׳ן טויט אַריין. ער איז געשטאָרבען אין 1850,

אין עלטער פון 80 יאָהר. בעזאָרגט פון אַלע זייטען פון די אַלטעגליכע דאגות, האָט ער געקוקט אויפ'ן לעבען פון פּראָטעסטאַנטיש-פילאָזאָפישען שטאַנדפּונקט.

אַזאַ אַרט סביבה און אַזאַ לעבען האָבען נישט געקאָנט אויפפלאַקערן קיין ליידענשאַפטען; זיי שפּיעלען טאַקע נישט קיין ראָליע—נישט אין זיין לעבען, נישט אין זיין פּאָעזיע. אין די ביאָגראַפיעס פון אַנדערע אָנגעזעהענע שריפטשטעלער בעגעגענט מען איינעם אָדער עטליכע פאַקטען, וואָס האָבען געהאַט אויף זיי אַ שטאַרקען איינפלוס, די אָדער יענע קוועלע פון טרויער, מוטה אָדער פרוכטבאַרקייט; ביי וואָרדסוואָרט בעגעגענען מיר נישט עטוואָס עהנליכעס. ער האָט נישט געהאַט קיין מאַנגעל, וואָס זאָל איהם מאַכען צורייצט, עס זענען נישט געוועזען קיין שאַרפע אָנפאַלען אויף איהם, וואָס זאָלען קרענקליך זיך אָבשפּיגלען אויף איהם און אַרויפלעגען אַ שטעמפּעל אויף זיין שטימונג. נאַטירליך, די קריטיק האָט איהם אויסגעלאַכט און פערפאָלגט, און דערביי אַ לאַנגע צייט: פון 1800 ביז 1820 האָט מען זיין פּאָעזיע געטראָטען מיט די פיס, פון 1820 ביז 1830 האָט מען מיט איהר געקעמפט, פון 1830 איז זי איבעראַל אָנערקענט געוואָרען. אָבער די אָפּאָזיציע האָט זיך קיינמאָל נישט אויסגעצייכענט מיט קיין בעזונדער צאָרן אָדער אַבסורד, דער קאַמפּף איז נישט געווען קיין הייסער, און דער נצחון—נישט אַזוי ווייט גלענצענד, אַז ער זאָל צוגעבען זיין ביאָגראַפיע אַ קאָלאָריט און גלאַנץ, אָדער מאַכען זיין לעבען פאַר אַ קוואַל פון ליעדער-געזאַנג. דערביי איז אויך זיין אינערליך, פערזענליך לעבען נישט געוועזן אַזוי רייך אין איינדריקען, כדי צו קאָנצענטרירען אויף זיך זיין פּאָעזיע, אָדער שאַפען פאַר איהר די נויטיגע סיוזשעטען. פערקעהרט, דאָס לעבען האָט איהם געצוואונגען אַרומקוקען זיך און זוכען איינדריקען אין דער אויסערליכער וועלט. דער קאַמפּף, וואָס האָט זיך צושפּיעלט אין אויסלאַנד, די אַרומיגע נאַטור און די קליינע אונבעמערקבאַרע וועלט פון מענשען, צווישען וועלכע ער האָט געלעבט, האָבען איהם איינגאַנצען פערשלונגען. ער איז נישט געווען, ווי בייראָן, צו-פיעל פערנו-

מען מיט זיך, כדי נישט צו געפינען קיין גייסטיגע רוה, און ער האָט זיך בעשעפטיגט מיט קליינע און נישטיגע זאַכען, וועל-כע ער האָט געשילדערט און בעשריבען מיט צערטליכקייט און מיטגעפיהל.

נאַטירליך, האָט ער זיך געשפירט אַלס צענטר אין דעם דאָזיגען וועלטעל. פון זיין אידילישען און איינזאַמען הויז זענען ערשיענען פון צייט צו צייט אויף דער וועלט ליעדער-זאַמלונגען אָדער גרעסערע פּאָעטישע ווערק, בעגלייט דורך ערקלערענדע פּאָררעדעס, פון וועלכע די לעזער זענען דורך אַ רייהע ביישפּיע-לען געוואָהר געוואָרען, אַז אַלע גרויסע פּאָעטען זענען נישט אָנערקענט געוואָרען דורך זייער דור; אַז יעדער גרויסער און אָריגינעלער שריפטשטעלער האָט געמוזט פריהער בעשאַפען אַזאַ געשמאַק, דורך וועלכען מען זאָל קאָנען זיך ענטציקען מיט זיינע ווערק, און אַז אויב אפילו דער שריפטשטעלער האָט שוין גע-פונען דעם וועג פאַר זיך אויסגעטראָטען דורך זיינע פאָרגענגער בנוגע אַלץ, וואָס איז ביי איהם געמיינזאַם מיט זיי, איז ער בנוגע דעם אָריגינעלען און אייגענטימליכען אין איהם דאָך גע-בליבען אין דער לאַגע פון האַניבאַל צווישען די אַלפּען.

וואָרדסוואָרט האָט גוט געוואוסט, אַז אַ מענש, וואָס מאַכט דורך אַ נייעם וועג, קאָן ערוואַרטען מיטגעפיהל נור פון יענע צייט-גענאָסען, וועלכע זענען יונגער פון איהם. אָבער די קריטיק, וועלכע איז קיינמאָל נישט געווען אויף אַזוי פיעל שאַרף, אַז זי זאָל איהם מאַכען אַזוי קריעגעריש און קעמפּפעריש, ווי בייראָן, האָט איהם געמאַכט צו-גאוה'דיג און געבראַכט דערצו, אַז ער זאָל פון זיך צו-פיעל האַלטען. זיין איינציג פערגניגען איז בעשטאַנען דעריין, אַז ער זאָל אין דער סביבה פון זיין פאַמיליע, וואָס האָט זיך מיט איהם ענטציקט, אויפנעהמען די צופעליגע פּערזאָנען, וועלכע פלעגען קומען אין דער דאָזיגער געגענד צו-פוס, מיט רעקאָמענדאַציאָנס-בריעף צו איהם. ער האָט מיט זיי געשמועסט קאַלט, מיט געפיהל פון זעלבסטווירדע, און נישט זעלטען אָבגעשטויסען פון זיך מיט דער מערליעבטקייט אין זיך, מיט וועלכער ער האָט שטענדיג געלויבט, ציטירט און דעקלאַ-

מירט זיינע אייגענע ווערק,—מיט יענער קאַלטקייט, וועלכע ער פלעגט אַרויסווייזען בנוגע צו אַלע אַנדערע, מיט יענער אָנגע-בלאָזענער שטרענגקייט, מיט וועלכער ער האָט געפאָדערט פון זיינע אַרומיגע אָפענע סמנים פון רעספעקט, און, ענדליך, מיט דער ערנסטקייט, מיט וועלכער ער האָט איבערגע׳חזר׳ט דאָס קלענסטע וואָרט, וואָס מען האָט געזאָגט צו זיין שבח.

עס זענען פאַרהאַן פיעל געלונגענע אַנעקדאָטען וועגען זיין הויכער מיינונג פון זיך. טאָמאַס מור דערצעהלט, ווי אַזוי וואָרדס-וואָרט האָט איינמאָל אויף אַ מיטאָג ביי לאָרד דעווי, אָהן שום סבה דערצו, פלוצלונג אויסגעשריען פון איין עק טיש צום צוויי-טען: „דעווי! ווייסט איהר, פאַרוואָס איך האָב געהייסען אָפ-דרוקען „די ווייסע רילסטאָפער סערנע״ אויף אַ פערטיל בויגען די גרויס?״—„ניין, פאַרוואָס?״—„כדי צו בעווייזען דער וועלט מיין אייגענע מיינונג וועגען איהר.״—וואָרדסוואָרט האָט קיינמאָל נישט געלייענט הויך קיין פרעמדע ווערק, נאָר זיינע אייגענע. ווען עס איז ערשיענען „ראָב-ראָי״ פון וואַלטער סקאָט, מיט אַ מאָטאָ פון וואָרדסוואָרט׳ס ליעדער, האָט דער לעצטער זיך גע-פונען צו-גאַסט ביי איינער אַ פאַמיליע, וועלכע האָט נאָר-וואָס געהאַט בעקומען דאָס דאָזיגע בוך, און שטאַרק זיך פאַראינטערע-סירט דערמיט. וואָרדסוואָרט האָט געהאַפט דאָס בוך און אַלע האָבען געמיינט, אַז ער וועט איבערלייענען אויפ׳ן קיל עטוואָס פון די ערשטע קאַפּיטלען; אָבער אַנשטאָט דעם איז ער צוגע-גאַנגען צום ביכער-שאַנק, גענומען איינעם פון זיינע אייגענע ווערק און הויך איבערגעלייענט פאַר דער פערזאַמעלטער געזעל-שאַפט זיינס אַ ליעד. עמערסאָן האָט אונז איבערגעלאָזט נאָטיצען, וועלכע ער האָט באַלד אָנגעשריבען נאָך זיינע צוויי בעזוכען ביי וואָרדסוואָרט מיט אַ הפסקה פון עטליכע יאָהר צווישען זיי. נאָכ׳ן לעצטען וויזיט שרייבט ער: „ער האָט געהאַט אַ ריין-נאַציאָנאַלען האַס צו די פראַנצויזען און אַזוי שטאַרק אויך צו די שאָטלענ-דער; קיין איין שאָטלענדער, לויט זיין מיינונג, האָט נישט גע-קאָנט שרייבען ענגליש... זיינע מיינונגען וועגען די פראַנצויזען, ענגלענדער, אירלענדער און שאָטלענדער האָט ער, ווייזט אויס,

זיך אויסגעאַרבייט אויף אַ שנעלען אופן, אויפ'ן גרונד פון אַנעק-
דאָטען, וואָס האָבען פּאַסירט מיט איהם אָדער מיט איינעם פון
זיין פאַמיליע אין וועג אויף פּאָסט-קאַרעטען". נאָך זיין ערשטען
בעזוך (1833) שרייבט עמערסאָן: „וואָרדסוואָרט האָט פערפיהרט
אַ געשפּרעך אויף זיין בעליעבטעס טהעמאַ, אַז די געזעלשאַפט
ווערט, אַדאַנק דער איבערפלעכליכער קולטור, ערצויגען אָהן שום
אויפמערקזאַמקייט צו מאָראַלישע יסודות. די שולען קאָנען אין
דער היגזיכט קיין נוצען נישט ברייגגען. אַ לעהרער קאָן נישט
זיין קיין ערציהער... ער האָט געוואָלט צווינגען מיך און אַלע
גוטע אַמעריקאַנער מודה צו זיין, אַז די מאָראַל, וועלכע שטיצט
די געזעלשאַפט א. אַ. וו., א. אַ. וו., דאַרף זיין געאַכטעט... ער
האָט זעהר געשימפּט און געזידעלט „ווילהעלם מייסטער". דאָס
דאָזיגע ווערק איז פול מיט אויסגעלאַסענקייט. לייענענדיג עס,
דאַכט זיך, ווי פליעגען דרעהען זיך אַרום אין דער לופטען. ער
האָט נישט געקאָנט איבערלייענען מעהר, ווי דעם ערשטען טייל
און אַוועקגעוואָרפען פון זיך דאָס בוך.—אַזוי שטאַרק איז געוועזן
זיין אויפרעגונג... ער האָט ציטירט זיין סאָנעט „די געפיהלען
פון אַ גרויסמוטיגען שפּאַניער", וועלכען ער האָט געהאַלטען פאַר
דעם בעסטען, דערנאָך „צוויי שטימען", און ענדליך דעקלאַמירט
זיינע ליעדער צו דעם „לערחען". אין די דאָזיגע ווערטער דריקט
זיך אויס דער גאַנצער וואָרדסוואָרט, ווי ער איז געוועזן אין זיין
אַלטעגליכען לעבען; סאַרקאַסטישע מיינונגען וועגען אַלע פרעמדע
נאַציאָנאַליטעטען, טענות געגען דער היינטיגער קולטור—דיזעלבע,
מיט וועלכע עס אָפּעריִרען אויך היינט די מאָהמעדאַנער אין
אַזיען,—ד. ה. די מיינונג, אַז דאָס אַלץ איז פערבונדען מיט
דער גרעסטע אונמאָראַלישקייט, דאָס ריהמען די בעדינגטע מאָ-
ראַל, אַלס מיטעל אָבצוהיטען די געזונטע געזעלשאַפט, דער
כעס אויף געטע, וואָס דערמאָהנט דעם כעס פון נאָוואַליס'ן,
און ענדליך די ציטאַטען פון זיינע אייגענע ווערק אַלס פער-
בייסענס!

עמערסאָן גיט אַ רעזומע פון זיינע איינדריקען אין פאָל-
גענדע ווערטער: „זיין געזיכט האָט עטליכע מאָל בעקומען אַנ-

איסדרוק פון אויסגעלעבטקייט, אָבער אים אַלגעמיין האָט זיין געשפּרעך זיך נישט אויסגעצייכענט מיט קיין בעזונדערער קראַפט פון געדאַנק, נישט מיט קיין בעזונדערן שוואונג פון פאַנטאַזיע. ער פערדיענט אַכטונג מיט זיין איינפאַכען גלויבען אין אמת, אָבער אין דערזעלבער צייט איבעררעַשט ער מיט דער בעגרענצטקייט פון זיינע געדאַנקען. ווען מען זאָל אורטיילען נור לויט די געשפּרעכען מיט איהם, האָט ער געמאַכט אַן׳איינדרוק פון אַ בעגרענצטען און אמת-ענגלישען גייסט-מענש, וואָס האָט געהאַט זעלטענע שעה׳ן פון בעגייסטערונג און פיעל שעה׳ן פון טרוקענער פּראָזע".

אין 1843 האָט וואָרדסוואָרט איינמאָל זיך געטראָפען צום ערשטען מאָל מיט דיקענס׳ן. וואָרדסוואָרט האָט געשפּירט אַ גרויסע פעראַכטונג צו אַלע יונגע-לייט, און דער געמיינזאַמער פריינד, ביי וועלכען עס איז פאָרגעקומען דאָס דאָזיגע בעגעגניש, האָט זיך זעהר פעראינטערעסירט צו וויסען, וואָס פאַר אַן׳איינדרוק עס האָט אויף איהם געמאַכט דער בעריהמטער הומאָריסט. אויפהויבענדיג לויט זיין געוועהנהייט זיינע ליפּען אַרויף און פערלעגענדיג איין פוס אויפ׳ן צווייטען, אַזוי אַז די פיס האָבען זיך אויפגעדעקט העכער פון די זאָקען, האָט ער געענטפערט לאַנגזאַם: „אַח! איך בין גאָרנישט געניגט קריטיש זיך בעציהען צו די מענשען, וועלכע איך בעגעגען, נאָר קוים פרעגט איהר מיך, מוז איך אייך אויפריכטיג זאָגען, אַז ער זעהט מיר אויס אַ פּליאַדער און אַ גאַנץ געוועהנליכער יונגער-מאַן... נאָר אים אַלגעמיין איז ער אפשר אויך אַ גאַנץ וואוילער יונג. איהר דאַרפט מיך גוט פערשטעהן,—איך מיין גאָרנישט צו זאָגען עפּיס געגען איהם, ווייל איך האָב נישט איבערגעלייענט קיין איין שורה דערפון, וואָס ער האָט אָנגעשריבען". מיט אַ צייט שפּעטער האָט דער געמיינזאַמער בעקאַנטער פאָרזיכטיג זיך געווענדט צו דיקענס׳ן מיט אַ פראַגע, ווי איז איהם געפעלען דער פּאָעט-לאַוראַט. „געפעלען?—האָט דיקענס געענטפערט: דאָס איז אַן עקעלהאַפטער אַלטער אייזעל!..."

דער לעזער וועט, נאַטירליך, נישט איינשטימען אונטערצו-

שרייבען זיך אונטער דעם אורטייל. אָבער עס איז קלאָר, אַז אין וואָרדסוואָרט'ס מאַניר צו האַלטען זיך האָט געמוזט זיין עטוואָס אַזוינס, וואָס האָט אויפגערעגט געגען איהם. ווען ער פלעגט ריידען, דערצעהלט איינער פון זיין דור, פלעגט ער אַרבייטען, ווי אַ קיט און אַרויסזאָגען אַלגעמיינע אמת'ן (טריוּ-איזמען) מיט אַ טאָן פון אַ נביא. דאָס וואָרט „טריואיזם" (אַנ'אמת, וואָס איז אַזוי קלאָר, אַז ער נויטיגט זיך נישט אין קיין בעווייזען) קאָן אָנגעווענדט ווערען צו פיעל פון זיינע מינדליכע מיינונגען. דאָס איז נוגע דער גאַנצער פילאָזאָפישער און די-דאַקטישער זייט פון זיין פּאָעזיע. אין איהר בעמערקט מען נישט קיין בעזונדער גייסטיגע קראַפט אָדער ליידענשאַפט, נאָר די האַמלעט-שטרעבונג צו בעטראַכטען פון אַלע זייטען די גרויסע פראַגע וועגען זיין אָדער נישט-זיין. געבורט, טויט און צוקונפט, ליידענשאַפטען און זינד פון מענשען אין דעם דאָזיגען לעבען און די האָפנונג אויף אַ צוקינפטיג לעבען, די אונבעדייטענדע מאָס פון דעם גאַנצען קרייז פון אונזער וויסען און די שרעק-אַנוואַרפענדע בעציהונג צו דער איבערנאַטירליכער וועלט—דאָס, זאָגט מאַסאָן, זענען די שטענדיגע און אונפערמיידליכע טהעמאַס פון אַלגעמיין-מענשליכע און, איבערהויפט, וואָרדסוואָרטישע גע-דאַנקען און בעטראַכטונגען. נאָר אַזוי ווי די דאָזיגע געדאַנקען זענען, צום אומגליק, נישט דער צענטר, נאָר די אויסערליכע אַקס פון אונזערע קענטנישען, געהען זיי אויף די וועגען, וועלכע פיהרען צו גאָרנישט, אויף די אַלטע אויסגעטראָטענע און דורכ-געגראָבענע דורך טיפע רעדער וועגען, וועלכע בילדען אַ קרייז, און איבער וועלכע מען קאָן פאָהרען מיט אַ רוהיגען טרויער, פול מיט ווירדע, אָבער אָהן נוצען און ווערטה פאַר זיך און פאַר אַנדערע. דער פאַקט, וואָס וואָרדסוואָרט האָט שטענדיג זיך גע-דרעהט אין דעם דאָזיגען קרייז פון אונזערע קענטנישען, אין דעם קרייז, וועלכען די אָנהענגער פון די אַזוי-גערופענע אָפענע רעליגיעס האַלטען פאַר דעם נאַטירליכען צענטר פון אונזערע אידעען,—דער דאָזיגער פאַקט איז די הויפט-סבה דערפון, וואָס, ווי גרויס עס איז נישט דער רוהם פון וואָרדסוואָרט אין ענגלאַנד,

איז ער נישט בעזונדערס פערשפּרייט געוואָרען אויסערהאַלב די גרעניצען פון זיין פאָטערלאַנד.

ווען קאָלרידזש האָט זיך בעקענט מיט וואָרדסוואָרט'ן, האָט דער לעצטער שוין געהאַט גענוג געשריבען, כדי צו בעקומען אַ בעגריף וועגען דעם, אין וואָס עס בעשטעהט די אָריגינאַליטעט פון זיין טאַלענט. וואָס עס האָט בעזונדערס געריהרט קאָלרידזש'ן אין דער פּאָעזיע פון וואָרדסוואָרט—איז די פעראייניגונג פון טיעפען געפיהל דערמיט, וואָס האָט איהם אויסגעזעהן אַלס טיעפער געדאַנק, דאָס שענע גלייכגעוויכט צווישען אמת אין דער בעאָבאַכטונג און דער פעהיגקייט פון דער פאַנטאַזיע איבערצושאַפען די פאַקטען פון דער בעאָבאַכטונג, און, הויפּטזעכליך, די פעהיגקייט אַרומצורינגלען מיט אַנ'אַטמאָספערע פון אַ העכערער, אידעאַלער וועלט יענע בעשעפענישען, מאָמענטען, בעציהונגען און צופאַלען, וועלכע די געוועהנהייט מאַכט פאַר נישט-אינטערעסאַנט אין די אויגען פון געוועהנליכען בעאָבאַכטער.

די ערשטע געשפּרעכען פון קאָלרידזש און וואָרדסוואָרט האָבען זיך געדרעהט אַרום דעם, וואָס האָט זיי ביידע אויסגעזעהן אַלס די הויפּט-פּונקטען פון פּאָעזיע: אַרום דער פעהיגקייט אַרויסצורופען ביים לעזער אַ סימפּאַטיע דורך נאַטירליכער שילדערונג און דער פעהיגקייט צו צוגעבען זאַכען דעם אינטערעס פון פרישקייט און נייעס, ענדערנדיג די פאַרבען דורך דער קראַפט פון דער פאַנטאַזיע. דער צויבער, וועלכען מיר פיהלען, זעהענדיג דאָס שפּיעל פון ליכט און שאָטען אין דער נאַטור, דאָס נייע און צוציהענדע אויסזעהן, וועלכעס עס בעקומט אַ בעקאַנט אָרט דורך דער לבנה-שיין אָדער זון-אונטערגאַנג, זענען לויט זייער מיינונג געווען אַ בעווייז, אַז מען קאָן פעראייניגען צוזאַמען די ביידע עלעמענטען. דאָ האָבען זיי געזעהן פאַר זיך די אמת'ע פּאָעזיע פון דער נאַטור; די פראַגע איז נור בעשטאַנען דערין, אַז מען זאָל פון די ביידע עלעמענטען מאַכען איינס. זיי האָבען געוואָלט נאָכמאַכען נישט די נאַטור, נאָר די פּאָעזיע פון דער נאַטור.

וואָס געהערען צו צווי פערשיעדענע פאָרמען פון דער קונסט. אין די ערשטע האָבען די האַנדלונג און די העלדען געדאַרפט זיין איבערנאַטירליכע און זייער אייגענשאַפט האָט געדאַרפט בעשטעהן אין דעם דראַמאַטישען אמת פון די בעשרייבונגען פון אַזעלכע גייסטיגע בעוועגונגען, וואָס זאָלען זיין צוגעפאַסט צו דער אָדער יענער לאַגע, ווען זי זאָל פאָרקומען אין דער ווירקליכקייט. אָבער באמת וואָלט אין אַזאַ לאַגע אַריינגעפאַלען יעדער מענש, וועלכער זאָל צוליעב געוויסע אילוזיעס זיך איינבילדען, אַז ער געפינט זיך אונטער'ן איינפלוס פון איבערנאַטירליכע כחות. די דורכפיהרונג פון דער אויפגאַבע איז אויסגעפאַלען אויפ'ן חלק פון קאָלרידזש און עס איז, נאַטירליך, קיין ספק נישט, אַז ער אַליין האָט זיך געשטעלט די דאָזיגע אויפגאַבע. יעדער לעזער, וואָס איז בעקאַנט מיט דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור, וועט גלייך בעמערקען, אין וועלכער נאָהנטער קרובה'שאַפט די אויפגאַבע געפינט זיך מיט די אויפגאַבען, וועלכע עס האָט זיך געשטעלט און דורכגעפיהרט דער דייטשער ראָמאַנטיזם. די ריינענגלישע אייגענשאַפט אין דעם פאַל בעשטעהט דערין, וואָס דאָ האָט מען געלעגט די אויפמערקזאַמקייט הויפטזעכליך נישט אויף דעם איבערנאַטירליכען און פאַנטאַסטישען, נאָר אויף דער געטריישאַפט צו דער נאַטור, אַזוי אַז דער ראָמאַנטיזם איז דאָ פערוואַנדעלט געוואָרען אין איינע פון די פאָרמען פון נאַטוראַליזם.

אַ האַראַקטעריסטישער שטריך. די נייע שולע מיט איהר שנאה צו גלאַנץ און מיט איהר ליעבע צו איינפאַכקייט און גלייכגעוויכט האָט געהאַט אַנ'אמת'ע שוואַכקייט צו אייזלען, אַלס האַרטע, סבל'נישע און אַזוי ווייניג פערשטאַנענע בעשעפענישען, וועלכע טרעטען שטענדיג אָב אויפ'ן צווייטען פלאַן אין פערגלייך מיט אַנדערע, ווייניגער נוצליכע חיות. קאָלרידזש אין זיין בעוואוסטען געדיכט „צו אַ יונגען אייזעל, וואָס זיין מוטער ליעגט געבונדען נישט ווייט פון איהם“, דערגעהט אַזוי ווייט, אַז ער שרייט-אויס מיט התלהבות: „איך בעגריס דיך, ווי אַ ברודער!“— און דריקט אויס זיין ליעבע צו חיות אין דעם וואונש, אַז אין דער נייער, מעהר גלייכבערעכטיגטער און בעסער איינגעאָרדענ-

דער געזעלשאַפט זאָל דער אייזעל האָבען אַ מעהר פרייען פלאַץ אין צו פאַשען, און דעמאָלט וועט דאָס פרעהליכע הירזשען פון אייזעל קלינגען אין די אויערן פון פּאָעט ליעבער, ווי די זיסעסטע מוזיק. עס איז קיין וואונדער נישט, וואָס דער וויצלינג בייראָן האָט זיך אָנגעהאַפּט אָן דער דאָזיגער אויבען-ציטירטער ברודער-ליבער בעגריסונג און עס אויסגעלאַכט אין זיין ערשטער סאַטירע: „די ענגלישע פּאָעטען און שאָטלענדישע קריטיקער." איבעריגענס, ביי קאָלרידזש איז דער דאָזיגער עקסטרעמער נאַטוראַליזם נישט אַריין אין בלוט און פלייש: ער האָט דער ערשטער אַליין חוזק געמאַכט פון די דאָזיגע עקסטרעמען זיינע. דאַגעגען וואָרדסוואָרט, וועלכער איז בטבע געווען געניגט צו שטרענגער אויסגעהאַלטענקייט און דערביי, לויט זיין כאַראַקטער, אַ קעמפּפער, האָט דערפיהרט דעם דאָזיגען ריין-ליטעראַרישען נאַטוראַליזם ביז זיינע לעצטע און עקסטע קאָנסעקווענצען.

ער פלעגט כמעט שטענדיג אויסקלייבען סיזשעטען פון לעבען פון די דאָרפישע איינוואוינער און נידעריגע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט, און דערביי נישט אַזוי, ווי דאָס פלעגען טהון די פראַנצויזען פון פאָריגען יאָהרהונדערט. איבערזעטיגט דורך דער קולטור, האָבען זיי געהאַט גענוס פון דעם נישט-קולטורעלען, האָבענדיג דערביי דאָס בעוואוסטזיין פון זייער אייגענער איבערלעגענהייט. דאַגעגען וואָרדסוואָרט האָט געהאַלטען, אַז די וויכטיגסטע נשמה-איבערלעבענישען געפינען דעם בעסטען באָדען אין די דאָזיגע נידעריגע קלאַסען און דערגרייכען דאָרט מעהר רייפקייט, ווי ביי די געבילדעטע מענשען; אויסערדעם ריידען די נישט-קולטורעלע מענשען, אַלס מעהר פרייע אין זייער האַלטונג, אויף אַן איינפאַכערער שפּראַך. ער האָט געהאַלטען, אַז די גרונד-שטריכען פון דער מענשליכער נשמה טרעטען אַרויס ביי די דאָרפס-איינוואוינער אין אַן איינפאַכערער און מעהר עלעמענטאַרער פאָרם, ווי ביי די שטאָדטישע איינוואוינער און דעריבער לאָזען זיי זיך בעסער בעאָבאַכטען. ער איז געווען איבערצייגט, אַז דאָס לעבען צווישען די שענע און אייביגע פאָרמען פון דער נאַטור, אין צוזאַמענהאַנג מיט די נויטיגע און שטענדיגע דאָרפ-

שע בעשעפטיגונגען, דאַרף צוגעבען אַלע געפיהלען מעהר פעסט־קייט און קראַפט. מיר געפינען דאָ אין אָנהויב פון יאָהרהונדערט די זאָמען פון יענער עסטעטישער אַנשויאונג, וועלכע האָט עקזי־סטירט העכער 50 יאָהר, איז געוועזען זעהר פאָפולער און איז איבער־געפיהרט געוואָרען פון איין לאַנד אין צווייטען: אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך און אין סקאַנדינאַוויען האָט די אַנשויאונג געפיהרט צו דער פויערים־פאָעזיע און צו די ערצעהלונגען פון פויערישען לעבען, און אין אַנדערע לענדער—צו דעם בעזינגען די פאָלקס־טימליכע שפראַך. פונאַנדערלעגענדיג באָטאַניש די דאָזיגע זאָמען אויף זייערע הויפט־טיילען, קאָן מען גרינדליך זיך בעקענען מיט דער נאַטירליכער געשיכטע פון זייער וואַקסען.

דער אויסגאַנגס־פונקט פון וואָרדסוואָרט איז אַ ריין־טאָפאָ־גראַפישער. פייזאַזש־בעשרייבונגען אין ברייטסטען זין פון וואָרט האָט ער נאָך מעהר ליעב, ווי סקאָט. ער האָט זיך געשטעלט אַלס לעבענס־אויפגאַבע צו שילדערן די ענגלישע נאַטור און די ענגלישע כאַראַקטערען אַזוי, ווי זיי האָבען זיך איהם פאָר־געשטעלט. און אַזוי ווי ער האָט געוואָלט בעשרייבען נור דאָס, מיט וואָס ער איז געוועזען גרינדליך בעקאַנט, האָט ער דערפון געדרונגען, אַז פאַר יעדען פאָעט איז נויטיג צו פערבינדען זיך אויף שטענדיג מיט וועלכער־עס־איז געגענד, און ער אַליין האָט פערבונדען זיין נאָמען, אַלס פאָעט, מיט די אָזערעס פון צפון־ענגלאַנד, וועלכע זענען דער שטענדיגער שויפלאַץ פאַר דער האַנדלונג פון זיינע ערצעהלונגען. ער איז געגאַנגען אַזוי ווייט אין דער בעציהונג, אַז ער האָט געהאַלטען דאָס געבורטס־אָרט פון די העלדען זיינע אַלס דאָס פאַסענדסטע אָרט פאַר זייער גאַנצער ווייטערדיגער טעטיגקייט.

אויף אַזאַ אופן איז ער געוואָרען אַ ספעציאַליסט אין שיל־דערן די ענגלישע נאַטור, און זיינע בעשרייבונגען האָבען בע־קומען אַ ריין־אָרטיג אינטערעס. דער בעריהמטער ענגלישער קונסט־קריטיקער דזשאָן רעסקין האָט גאַנץ ריכטיג אָנגערופען וואָרדסוואָרט׳ן „גרויסער פאָעטישער פייזאַזשיסט פון זיין צייט.“ אין דער צייט, ווען בייראָן פערלאָזט דאָס פאָטערלאַנד, כדי צו

בעשרייבען מיט העלע און ברענענדע פאַרבען די נאַטור פון גרי־כענלאַנד און מזרח; אין דער צייט, ווען שעלי ציטערט פאַר דעם ענגלישען קלימאַט, ווי פאַר׳ן טויט, און בעזינגט שטענדיג די ברעגעס און טייכען פון איטאַליען; אין דער צייט, ווען סקאָט בעזינגט שאָטלאַנד, און מור ריהמט אָהן אויפהער די שענקייט פון גרינעם ערין,—איז בלויז וואָרדסוואָרט אַן׳אמת׳ער ענגלענדער פון בלוט און פלייש, וועלכער האָט געלאָזט טיעפע וואָרצלען אין זיין לאַנד און זיך צונויפגעוואַקסען מיט דעם באָדען, ווי אַן אַלטער דעמב מיט זיינע הונדערטער וואָרצלען. זיין אַמביציע איז בעשטאַנען דערין, צו ווערען אַ ריין-ענגלישער בעשרייבער-פּאָעט. ווען ער פלעגט זיך פּערטיעפען אין דער געגענד, אין וועלכער ער האָט זיך געשפּירט ווי ביי זיך אין דערהיים, ווען ער פלעגט שפּאַצירען, שווימען אין אַ שיפעל, געהן אין קירך און אויפנעהמען געסט, האָט ער עס שטענדיג געטהון מיט דער גענויעסטער בעקאַנטשאַפט מיט דעם לעבען פון די נידעריגע קלאַסען פון דער אומגעגענד און פון דאָרפס-לעבען איבערהויפּט. ער האָט אַרויסגעוויזען אין דער היגזיכט אַזאַ ריכטיגע קענטניש, פּונקט ווי יענער גוטער און געעהרטער דאָרפס-גלח, וועלכען ער האָט בעשריבען אין דער „עקסקורסיע". זיין ספּעציאַליטעט זענען געווען יענע געוועהנליכע געשעהעניסען און אומגליקען, וועלכע מען בעגעגענט אין די דאָרפס-געגענדען פון ענגלאַנד: דאָס צוריקקומען אַהיים פון אַ לאַנג-פערגעסענעם איינוואוינער, וועלכער טרעפט זיין הויז חרוב און געפינט די נעמען פון זיינע נאָהנטע אויפ׳ן בית-עלמין; דער גורל פון אַן׳אומגליקליך-פערפיהרטען און פערלאָזענעם יונגען מיידעל; די נאַכט-וואַנדערונגען פון אַ קינד—אַן׳אידיאָט, וואָס געהט זוכען אַ דאָקטאָר און בלאָנדזשעט אויפ׳ן וועג; די וואונדערבאַרע פּאַסירונגען פון אַ קליין בלינד יונגעל; דער צער פון אַ חשוב׳ן פּאַטער צוליעב דער שלעכטער אויפפיהרונג פון זיין זוהן; אַ טרויעריגע ערצעהלונג וועגען דעם, ווי איינער אַ פוהרמאַן פון אַ דיליזשאַנס, וועלכער איז געווען בעליעבט אין דער גאַנצער געגענד, שכּור׳ט זיך אָן און פערליערט די שטעלע.

וואָרדסוואָרט׳ס אויסוואַהל פון סיוזשעטען פיהרט איהם צו דער אָריגינאַליטעט אין ליננוויסטישער הינזיכט, וועלכע קאָן אָנערקענט ווערען אַלס דאָס עקסטרעמסטע ליטעראַרישעס רעזולטאַט פון דעם נאַטוראַליזם. וואָרדסוואָרט האָט געהאַלטען, אַז די שפּראַך, אויף וועלכער ער בעשרייבט די העלדען פון די נידעריגע קלאַסען געזעלשאַפט, איז די בעסטע אויף דער וועלט,— אויב נור מען זאָל זי אָבריינינען פון איינינע פעהלער,—ווייל די מענער און פרויען פון פויערים-קלאַס געפינען זיך אין שטענדיגער נאָהנטקייט מיט די געגענשטענדען, וועלכע האָבען געשאַפען דעם יסוד פון אונזער שפּראַך, און אויך דערפאַר, וואָס צוליעב זייער אָרימער און איינטעניגער וועלט-אַנשויאונג זענען זיי נישט אַזוי אונטערגעוואָרפען דער בייציגקייט, וואָס פיהרט אויסצואַרבייטען און צו שלייפען די אויסדריקען. אַזוי ווי זייער שפּראַך איז די בעסטע, קאָן דער פּאָעט, לויט וואָרדסוואָרט׳ס מיינונג, נישט צוטראַכטען קיין בעסערע פאָרמען פון אויסדרוק, איידער די, וועלכע עקזיסטירען אין דער שפּראַך. דערביי איז אַלץ איינס, ווי אַזוי דער פּאָעט שרייבט, צי אין פּראָזע, אָדער אין ריימען. אויף אַזאַ אופן איז וואָרדסוואָרט געקומען צו זיין בעקאַנטען און אינטערעסאַנטען פּאַראַדאָקס, אַז עס עקזיסטירט נישט און קאָן נישט עקזיסטירען קיין ערנסטער אונטערשיעד צווישען דער פּראָזאַאישער שפּראַך און דעם מעטרישען סטיל. ווען ער זאָל מיט די דאָזיגע ווערטער ווילען אויסדריקען אַ פּראָטעסט געגען יענע לאַנגווייליגע און פּוסטע שפּראַך-פערדרעהענישען, צו וועלכע עס זענען געקומען אפילו אַזוי פיעל אָנגעזעהענע פּאָעטען צוליעב דעם בעדערפניש צו געפינען אַ גראַם און צוליעב דעם מאַנגעל אין ריטמישע פעהיגקייטען, וואָלטען מיר דערמיט איינגעשטימט. טעאָדאָר באַנוויל האָט גאַנץ ריכטיג, הגם צו-שטרענג, אין זיין פּאָעטיק געגעבען אַ קאַפּיטעל, וואָס טראָגט דעם נאָמען „ליצענציאַ פּאָעטיקאַ״ און וואָס איהר אינהאַלט איז פאָלגענדער: אין פּאָעזיע טאָר מען זיך נישט ערלויבען קיין פרייהייטען. אָבער ביי וואָרדסוואָרט׳ן האָט דער דאָזיגער כלל גאָר אַנ׳אַנדער זין. ער האַלט, אַז די שפּראַך מוז, נישט בלויז

אין מעהרסטען טייל פון יעדען גוטען געדיכט אונבעדינגט אין אַלע הינזיכטען, אויסער בנוגע דעם מעטרישען סטיל, זיך נישט אונטערשיידען פון דער פּראָזע, נאָר אַז אויך אין די בעסטע טיילען פון אַלע בעסטע געדיכטען דאַרף די שפּראַך זיך נישט אונטערשיידען פון פּראָזע. ווייל, זאָגט וואָרדסוואָרט, ווי וואָהרהאַפטיג און לעבעדיג עס זאָל נישט זיין די שפּראַך פון פּאָעט, קאָן זי קיינמאָל נישט זיין אַזוי לעבעדיג און אמת׳דיג, ווי די שפּראַך פון דעם העלד, וועלכען דער אויטאָר בעשרייבט; מיט אַנדערע ווערטער: די שפּראַך קאָן קיינמאָל נישט איבערשטייגען דעם פּראָזאַאישען אויסדרוק פון דער ווירקליכקייט, און נור אין זעלטענע פאַלען זיין נאָהנט צו איהר. מיט ריין-ענגלישער עקשנות ענטוויקעלט וואָרדסוואָרט זיין לעהרע געגען אַלע אָנפאַלען, וואָס האָבען זיך אויף איהם געשאָטען פון אַלע זייטען. אַלס מוסטערווערק, וואָס איז געשריבען לויט אַלע געזעצען פון דער נייער פּאָעטיק, ברייגגען מיר פאָלגענדע שורות פון דזשאָנס, זעהר קאָמישע און טריוויאַלע, אָבער דערפאַר עכט-פּראָזאַאישע: „איך האָב גענומען מיין הוט און אָנגעטהון, אַרויסגעגאַנגען אויף דער וואַרימער לופט און בעגעגנט אויף דער גאַס אַ צווייטען מענשען, וועלכער האָט געהאַלטען דעם הוט אונטער די אָרעמס.” מען זאָגט, אַז דאָס איז נישט פּאָעזיע. לאָמיר אָנגעהמען, ענטפערט וואָרדסוואָרט, אַז עס איז אַזוי, אָבער אויך אַלס פּראָזע איז אַזאַ זאַך נישט אינטערעסאַנט און איז דעריבער נישט אימשטאַנד אַרויסצורופען וועלכע-עס-איז געדאַנקען און געפיהלען: „נאָך וואָס בעווייזען, אַז אַ מאַלפּע איז נישט ניוטאָן, ווען זי איז אפילו נישט קיין מענש?” און געגען דער אַלגעמיין-אָנגענומענער מיינונג, אַז אַ שריפטשטעלער, ווען ער פערפאַסט געדיכטען, נעהמט ער אויף זיך די פליכט צו בעפריעדיגען געוויסע גייסטיגע געוועהנהייטען, אויסדריקען אין זיין בוך געוויסע קאַטעגאָריעס אידעען און פלייסיג אויסשליסען אַנדערע אידעען,—געגען אָט דער מיינונג שטעלט ער אַרויס זיין איבערצייגונג, אַז גוטע פּאָעזיע און גוטע פּראָזע איז איינס און דאָסזעלבע. די דאָזיגע איבערצייגונג, וועלכע איז געווען בעגרינדעט אויף דעם עקעל צו פּאָעטישער

אַפעקטאַציע, האָט איהם אין זיינע ווערק בעוואויגען—אַמאָל איינ-
צוהאַלטען זיין, אין פיעל הינזיכטען מוסטערהאַפטען און מייסטער-
האַפטען, סטיל, אַמאָל אינגאַנצען איהם מאַכען פאַרבלאָז.

אויף דעם בעזינגען די שפּראַך פון די דאָרפס-מענשען, וואָס
איז דער הויפּט-געדאַנק פון וואָרדסוואָרט און וואָס איז אין אַ
געוויסער הינזיכט עהנליך צו דעם קולט פאַר דער פּויערישער
שפּראַך, וועלכער איז אין דענעמאַרק בעגרינדעט געוואָרען דורך
גרונדטוויג און אין נאָרוועגיען דורך די אָנהענגער פון דיאַלעקטען,
קאָן מען קודם כל אָבענטפערן, אַז די פּויערישע שפּראַך, אָבגע-
רייניגט, לויט דער פאָדערונג פון פאָעט, פון אַלע פּראָווינציאַ-
ליזמען און איבערגעאַרבייט לויט די כללים פון גראַמאַטיק, וועט
זיך נישט אונטערשיידען פון דער שפּראַך פון יעדען אַנדערן
געבילדעטען מענשען; צווישען זיי וועט עקזיסטירען נור איין אונ-
טערשיעד: די פערלוסטען פון פויער זענען זעלטענער און ווענ-
גער קלאָר. ווייטער וועט ער, אַדאַנק זיין שוואַכערער ענטוויקלונג,
זיך אָבשטעלען הויפּטזעכליך אויף איינצעלנע פאַקטען, וואָס זענען
גענומען פון זיין אָרימער ערפאַהרונג אָדער וועלכע ער האָט
בעקומען דורך דער טראַדיציע, בעת אַן׳ענטוויקעלטער מענש
זעהט דעם צוזאַמענהאַנג צווישען זאַכען און זוכט אַלגעמיינע
געזעצען. וואָרדסוואָרט מיינט, אַז דער בעסטער טייל פון דער
שפּראַך איז געשאַפען געוואָרען דורך די געגענשטענדען, וואָס
רינגלען-אַרום דעם פויער און בעשעפטיגען איהם. אָבער די בע-
גריפען, וועלכע דרעהען זיך אַרום עסען, אַרום דער שטוב, זי-
כערהייט און וואוילשטאַנד, קאָנען נישט אָנגערופען ווערען דער
בעסטער טייל פון דער שפּראַך. עס וועט צו קיין זאַך אויך נישט
פיהרען, ווען מיר וואָלטען צוזאַמען מיט וואָרדסוואָרט׳ן פאָדערן
פון דער שפּראַך נור אַ געוויסע ליידענשאַפטליכקייט און שוין
דערפאַר איהר געבען דעם שענעם טיטול „פּאָעטישע“; ווייל
ליידענשאַפטליכקייט שאַפט נישט—נישט קיין נייע אידעען, נישט
קיין נייע זאַפאַסען ווערטער; דאָס גיט נור צו מעהר לעבען
צום אינהאַלט, וואָס עקזיסטירט שוין, אָבער זי קאָן אויך קיין
פאַל נישט אַריינברייגען פּאָעזיע אין דער אומגאַנגס-שפּראַך.

די שטרעבונג פון וואָרדסוואָרט נאָכצומאַכן די נאַטור פיהרט איהם צו אַ מאָדנעם מישמאַש; ער בענוצט אין איין זין דעם אויסדרוק „אומגאַנגס-שפּראַך” און „פּראָזע”. אַ גוטע פּראָזע איז שטענדיג אָבגערייניגט פון פּוסטע און איבעריגע ווידערהאָלונגען, פון נישט-זיכערע און פערפּלאָנטערטע פּראַזען, וועלכע בעגעגנען זיך אָפט אין דער שפּראַך פון האַלב-געבילדעטע מענשען, וואָס אָריענטירען זיך נישט ווי געהעריג אין זייערע געדאַנקען; און, צום בעדויערן, האָט וואָרדסוואָרט נישט איין מאָל זיי נאָכגעטהון אין דער דאָזיגער הינזיכט אין זיינע ווערק יעדעס מאָל, ווען ער האָט אין זיי אַריינגעפיהרט אַ ראָמאַנטישען עלעמענט. נור די דאָזיגע אומגליקליכע שוואַכקייט צו דער איינפאַכסטער נאָכאַהמונג פון דער נאַטור האָט איהם געבראַכט צו יענע אונערוואַרטעטע און אונאַנגענעהמע איבערגאַנגען פון היכען און שענעם סטיל צו אַזאַ שפּראַך, אין וועלכער עס איז קיין סטיל אינגאַנצען נישטאָ.

די פּאָעזיע, לויט דער מיינונג פון וואָרדסוואָרט, שטאַמט פון יענער אינערליכער בעוועגונג, וועלכע לעבט-אויף אין אונז אין די מינוטען פון רוהיגקייט. די פּאָעזיע בעמיהט זיך נאָכצומאַכן די שפּראַך פון דער נאַטור מיט דער אייגענשאַפט, וואָס, ווען דער פּאָעט שטעלט זיך אַן אויפגאַבע צו פערשאַפען פערגניגען, און נישט זאָגען גלייך דעם אמת, געברויכט ער די געדיכטס-פאָרם, וועלכע גיט דעם לעזער דורך איהר ריטם און ריימען אַ רייה קליינע אַנגענעהמע סיורפּריזען. די פאָרם פון ריימען רייצט און בעפריעדיגט שטענדיג די נייגיריגקייט, אָבער אויף אַזאַ איינפאַכען אופן, אַז אַן- און- פאַר- זיך ציהט עס נישט צו אונזער אויפמערקזאַמקייט. עס ווירקט אויף אונזער בעוואוסטזיין קרעפטיג, אָבער אונבעמערקבאַר, כמעט אַזוי ווי אַ געקינסטעלט-איינגעאָרדענטע אַטמאָספערע, אָדער ווי ווייַן, וואָס גיסט זיך בשעת אַ לעבהאַפטען געשפּרעך. מיט זיין כסדר בענייטער געזעצמעסיגקייט מאַכט דאָס ליעד ווייך דעם ליידענשאַפטליכען אָדער ריהרענדען סיושעט פון דער ערצעהלונג, און מיט זיין אייגענשאַפט אָבצונעהמען ביי דער שפּראַך דעם שטעמפּעל פון

ווירקליכקייט גיט דאָס ליעד צו דער גאַנצער ערצעהלונג אַ חאַראַקטער פון האַלב-בעוואוסטזיניגען געגענזאַץ צו דער ווירקליכקייט. אָבער מיט אַלעם איבעריגען, זאָגט וואָרדסוואָרט, אונטערשיידט זיך די פּאָעזיע אין קיין זאַך נישט פון דער פּראָזע. ער פערגעסט צו שטעלען זיך אַ פראַגע: צי עקזיסטירען נישט פיעל מיטלען פון אויסדרוק, זאַצען און אַלגעמיין-געברויכטע פראַזען, וועלכע זענען אויפ׳ן אָרט ביי דער פּראָזאַאישער ערצעהלונג, גאָר וואָלטען געווירקט זעהר אָבשטויסענד אין דער פּאָעזיע, און צי געפינען מיר נישט אין יעדען געדיכט, וואָס איז געשריבען אין אַ פייערליכען טאָן, אַזעלכע פאָרמען פון זאַץ-געבוי, אָדער אַזעלכע אויסדריקען, וועלכע וואָלטען אין פּראָזאַאישען סטיל געוועזן אינגאַנצען אונמעגליך?

די שפּראַך פון די בעסטע פּאָעטישע ווערק קאָן זיך צוזיפגעהן מיט דער אַלטעגליכער שפּראַך נור אין איין הינזיכט: אַז איינצעלנע פון די הויך-געבילדעטע מענשען קאָנען אין זעהר זעלטענע פאַלען בענוצען דיזעלבע אויסדריקען. אין געוועהנליכען געשפּרעך בלאָנדזשעט די שפּראַך אָהן אַ פּלאַן פון איין זייט אין אַ צווייטע; אין אַנ׳עפּענטליכער לעקציע אָדער רעפעראַט ווערט די שפּראַך קאָנצענטרירט אַרום וועלכען-עס-איז גענוי-בעשטימטען געדאַנקען-גאַנג; אין אַ געדרוקטען בוך ווערען די אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען ערקלערט מיט דער הילף פון פערשיעדענע אַרומיגע וועגען. ענדליך, אין אַ געדיכט קאָן די פאָרם קיינמאָל נישט זיין צו-פיעל געשליפען אָדער צו-איינפאַך. דאָ הערשט דער כלל, וועלכער איז אַרויסגעזאָגט געוואָרען דורך טעאָפיל גאָטיע אין זיין גלענצענד געדיכט „קונסט“:

„יאָ, די קונסט קומט אַרויס שענער, ווען די פאָרם לאָזט זיך שווער בעאַרבייטען, ווען דאָס זענען ליעדער, מאַרמאָר, אָניקס, אָדער עמאַל! קיין שום צוואַנג! אָבער כדי צו געהן גלייך, טהו-אָן, מוזע, אַנ׳איינג קלייד!“

אָבער וויפיעל מען קאָן נישט זאָגען געגען דער דאָזיגער פּאָעטיק אָדער „פּראָזאַאיק“ פון וואָרדסוואָרט׳ן, וויפיעל אַרגומענטען מען קאָן נישט אַרויסשטעלען געגען זיין לעהרע, וועלכע

מען האָט פריהער פערשטאַנען אין דעמזעלבען זין, ווי דאָס אַלטע ליעד פון דער מכשפה אין „מאַקבעט": „דאָס שענע איז מאוס, און דאָס מאוס'ע איז שען."—פאַר אונז האָט די לעהרע אַ גרויס אינטערעס, אַלס אַ געטריער און אויפריכטיגער אויסדרוק פון דער ערשטער ליטעראַרישער עקסטרעמיטעט, צו וועלכער עס האָט געבראַכט דער ענגלישער נאַטוראַליזם.

II

מיר האָבען אויף אַ ווײלע אינגאַנצען אָבגעלאָזט פון אויג קאָלרידזש'ן. ווען וואָרדסוואָרט און ער האָבען איינגעטיילט צווישען זיך די נייע פאָרמען פון פּאָעטישער שאַפונג, האָט זיך אַרויסגעוויזען, ווי מיר האָבען אויבען געזאָגט, אַז אויף זיין חלק איז אויסגעפאַלען די אויפגאַבע, אין געגענזאַץ צו וואָרדסוואָרט'ס אויפגאַבע, צו בעאַרבייטען איבערנאַטירליכע סיוזשעטען אויף אַ נאַטירליכען אופן. ער האָט זיין אויפגאַבע געלעזט אין די צוגאַבען צו די „לירישע באַלאַדען" און, הויפּטזעכליך, אין אַ רייהע קליינע ליעדער, דורך וועלכע ער האָט ערוואָרבען די הויכע רעפּוטאַציע פון אַ פּאָעט.

דאָס יאָהר 1797, דאָסזעלבע יאָהר, אין וועלכען ער האָט זיך בעקענט מיט וואָרדסוואָרט'ן, איז געוואָרען אין פּאָעטישער הינזיכט דאָס דעצידירענדע יאָהר אין זיין לעבען. צו יענער צייט האָט ער עס אָנגעשריבען זיין בעריהמטע באַלאַדע „דער אַלטער מאטראָס" און דעם פּאָעטישען עסקיז „חריסטאַבעל", וועלכער האָט געמאַכט אַן'עפּאָכע אין דער ענגלישער פּאָעזיע.

„חריסטאַבעל" איז אַן'איינלייטונג אין אַ ציקל ראָמאַנען,— אַן'איינלייטונג, וועלכע איז געבליבען אָהן אַ פאָרטזעצונג. דאָס איז, אָהן ספק, דאָס פריהעסטע ענגלישע געדיכט, וועלכעס, זענענדיג דורכגעדרונגען מיט אַ טיעפען פערשטאַנד פון ראָמאַנטישען גייסט, האָט עס דעריבער געמאַכט אַ טיעפען איינדרוק אויף די

הערצער פון די דעמאָלדיגע פּאָעטען מיט דער נייקייט פון טאָן, אינהאַלט, גרונד-חאַראַקטער און פאָרם. זיין נישט-גלייכמעסיגער און קלינגענדיגער ריטם האָט אַזוי שטאַרק געווירקט אויף סקאָט'ן, אַז ער האָט איהם נאָכגעמאַכט אין זיין ערשטען ראָמאַנטישען ליעד „דאָס ליעד פון לעצטען מינסטרעל". ער איז אָפענהערציג מודה, וויפיעל ער האָט צו פערדאַנקען דעם „שענעם עסקיז חריסטאַבעל", מיט וועלכען ער האָט, ווי אַנדערע פּאָעטען פון זיין צייט, זיך בעקענט אין מאַנוסקריפּט, ווייל קאָלרידזש האָט געלייענט זיין ווערק אין פערלויף פון 20 יאָהר אין אַלע סאַלאָנען, איידער עס איז ערשיענען פאַר דער גאַנצער וועלט. בייראָן האָט זיך בעקענט מיט דעם ווערק אויף דעמזעלבען אופן, ווי סקאָט. און, פּונקט ווי ער, האָט ער אויך, אויסהערענדיג דאָס געדיכט, אָנגעשריבען אין איינעם פון זיינע ווערק עטליכע שורות, וועלכע זענען ענליך צו אייניגע געדיכטען אין „חריסטאַבעל", און האָט שפּעטער אויסגענוצט די מעגליכקייט צו זאָגען אין דער אָנמערקונג עטליכע ווערטער לכּבוד דעם „אייגענאַרטיגען, נאָר העכסט אָריגינעלען און שענעם געדיכט". אָבער אַז נישט אַלע האָבען מיטגעמאַכט די ענטציקונג פון די דאָזיגע פּאָעטען און איבערהויפּט די אויסטערלישע בעגייסטערונג פון וואָרדסוואָרט'ן, דאָס קאָן מען זעהן פון דער ביאָגראַפיע פון מור און זיינע בריעף. ער, ווי דזשעפריי, זענען געווען אונאַנגענעהם איבערראַשט פון דער אַפעקטאַציע, מיט וועלכער עס איז דורכגעדרונגען דאָס געדיכט. פאַר די דענער, וועלכע זענען גרינדליך בעקאַנט געוואָרען מיט די פאָרמען פון דער דאָזיגער פּאָעזיע אַדאַנק טיק, שלעגעל און הויפּטזעכליך אינגעמאַן, קאָן קאָלרידזש'עס עסקיז אויף קיין פאַל נישט האָבען אַזאַ גרויסען אינטערעס. די אונגעהויערע נאַאיוויטעט פון דער פאָרם, די גאַנצע בעוואוסטזיניגע קינדישקייט אין דער קאָנסטרוקציע און אין דעם טאָן, זענען פאַר אונז דאָס, וואָס עס קאָן זיין ווייס ברויט פאַר די קינדער פון אַ בעקער. די הויפּט-מעלה פון דעם געדיכט, אויסער זיין מעלאָדישקייט, גלאַטקייט און פולקייט, איז יענע אייגענטימליכע סימפּאַטיע, מיט וועלכער עס ווערט געשילדערט דער חאַראַקטער

פון אַ שלעכטער פּייע, יענער אייגענאַרטיגער דעמאָנישער חאַ-
ראַקטער, וועלכער איז נאָך קיינמאָל נישט אַרויסגעטראָטען מיט
אַזאַ קראַפט אין דער ענגלישער פּאָעזיע. מען דאַרף דערביי גע-
דענקען, אַז אויב דער ערשטער טייל פון געדיכט איז אָנגעשרי-
בען געוואָרען אין 1797, איז דער צווייטער טייל אָנגעשריבען
און דער גאַנצער עסקיז איז איבערגעאַרבייט געוואָרען אין
1800, ד. ה. נאָכדעם, ווי קאָלרידזש האָט בשעת דער גע-
מיינזאַמער רייזע מיט וואָרדסוואָרט'ן איבער דייטשלאַנד זיך בע-
קענט מיט דער דייטשער פּאָעזיע פון יענער צייט, מיט איהר
בעציהונג צום מיטעלאַלטער און מיט איהרע נייעסטע שטרעבונגען.

זיין צווייט הויפּט-ווערק, די באַלאַדע „דער אַלטער מאַ-
טראָס", וואָס איז נאָך מעהר פייערליך-נאַאיוו לויט זיין פאָרם און
איז בעזאָרגט, ווי די מיטעלאַלטערישע באַלאַדען, וועלכע מען
פערקויפט אין די געוועלבלעך פון שמאָלע געסלעך, מיט אַ פּראָ-
זאַאישער ערצעהלונג פון דעם אינהאַלט אויף די קאַנטען פון בוך,
איז געוואָרען דאָס פּאָפּולערסטע פון אַלע קאָלרידזשעס געדיכטען,
הגם עס האָט אַרויסגערופען ביים ערשיינען אויף דער וועלט די
שאַרפסטע אָנפאַלען. נאָך דער אויסערסט-אַפּעקטירטער איינלייטונג
(דריי איינגעלאַדענע געסט אויף אַ חתונה פערגעסען וועגען דער
איינלאַדונג, הערענדיג די ערצעהלונג פון מאַטראָס,—אויף אַזוי
ווייט שען דערצעהלט ער, און דערביי נאָך אויף דער גאַס), געהט
אַ געשיכטע מיט אַ שרעקליך געשפּענסט, וואָס איז פאָרגעקומען
אויף אַ שיף, וואו איין מאַטראָס האָט לייכטזיניג דער'הרג'עט
אַן אַלבאַטראָס, וועלכער האָט זיך געוואָלט ראַטעווען אויפ'ן שיף.
די גאַנצע קאָמאַנדע, אויסער דעם „אַלטען מאַטראָס", געהט אונ-
טער אַלס, שטראָף דערפאַר, וואָס זיי האָבען נישט געהיט די גע-
זעצען פון גאַסטפריינדליכקייט. ווען דאָס דאָזיגע געדיכט איז
ערשיענען, האָט די ענגלישע קריטיק הייס דיסקוטירט וועגען
דער פראַגע, צי אין דעם דאָזיגען געדיכט האָט דער מוסר השכל
(וועלכער בעשטעהט דערין, אַז מען טאָר נישט הרג'ענען קיין
אַלבאַטראָסען) גישט פערנומען צו-פיעל פּלאַץ און געשאַדט דער
פאַנטאַסטישער זייט פון געדיכט, בעת אַנדערע האָבען גע-

פוגען, אַז דער חסרון פון דעם געדיכט בעשטעהט דערין, וואָס איהם פעהלט מאָראַל, צוגעפּאַסס צום ווירקליכען לעבען. אַ לאַנגע צייט האָט די דאָזיגע פראַגע געגעבען מאַטעריאַל אויף אַ דיסקוסיע צווישען פריילּיגראַט און יוליאַן שמידט. אַ מאָדערנער קריטיקער וואָלט גערן מוחל געווען דער באַלאַדע און איהר מתּבר די „מאָראַל”, אַבּי ער זאָל געפינען אונטער דער מאָראַל אַ פּאָעטיש קערנדעל.

פאָלגענדער ביישפּיעל וועט אונז בעווייזען, אין וואָס עס בעשטעהט דער הויפּט-פעהלער. אין אַ זאַמלונג געדיכטען פון דעם עסטרייכישען ליריקער מאָריץ האַרטמאַן געפינט זיך אַ לאַנגעס געדיכט, פון וועלכען עס איז צו זעהן פון ערשטען אויגענבליק אָן, אַז עס איז אַ נאָכאַהמונג פון קאָלרידזש'עס „אַלטען מאַטראָס”, הגם דער אויטאָר דערמאָהנט מיט קיין איין וואָרט נישט, אַז ער איז געווען בעאיינפלוסט פון קאָלרידזש. דאָס געדיכט איז געשריבען אין דערזעלבער מעטרישער פאָרם און איז אויך זעהר עהנליך לויט'ן אינהאַלט. עס הייסט: „דער קאַמאַאָ”. דער פויגעל קאַמאַאָ, וועלכער פערנעהמט דאָ דאָס אָרט פון אַלבאַטראָס ביי קאָלרידזש'ן, פלעגט אין מיטעלאַלטער ערצויגען ווערען אין יעדען הויז אויף דער פירענייאישער האַלב-אינזעל און איז געווען איבעראַל געאַכטעט, אַדאַנק אַ לעגענדע, וואָס איז מיט דעם פויגעל פערבונדען. די לעגענדע דערצעהלט, אַז דער דאָזיגער פויגעל האָט נישט געקאָנט האַלטען זיך אין אַ הויז, וואו די עהרע פון בעל-הבית איז געווען פערפלעקט דורך אַן עבירה: ווי נור עס איז געפאַלען דער מינדעסטער פלעק אויף דעם מאַן צוליעב דער אונטריייקייט פון דער פרוי, איז דער פויגעל געשטאָרבען. געוועהנליך, פלעגט דאָס פראַכטפולע שטייגעל פון דעם פויגעל הענגען אין קאָרידאָר פון הויז. אין געדיכט פון האַרטמאַן דערצעהלט אַן אַלטער, וואַהנזיניגער מאַן, וועלכער איז דאָ צוגעפּאַסט צום אַלטען מאַטראָס פון קאָלרידזש, ווי אַזוי ער, זענענדיג אַ פּאַזש, האָט היים זיך פערליעבט אין דער פרוי פון זיין האַר און ווי יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט אַרויסלויפען פון איהר צימער, אַן'אָבגעשטויסענער און פערצווייפעלטער דורך איהר קאַלט-

קייט, פלעגט ער איבערלעבען יסורים, הערענדיג דאָס געזאַנג פון פויגעל לכבוד איהר טרייקייט, אַדאַנק וועלכער דער פויגעל איז געבליבען לעבען. זיין האַר קעהרט זיך אום אַהיים פון קרייץ-צוג און בריינגט מיט זיך אַ פריינד, אַ יונגען שענעם זינגער און העלד, וועלכען די בעל-הבית'טע פון שלאָס ווייזט אַרויס די האַרציגסטע פריינדשאַפט, בעת דער פאַזש הויבט-אָן שפירען צו איהם אַ שרעקליכען האַס אויס אייפערזוכט. אויסער זיך פון כעס, מסר'ט ער זיי ביידע פאַר זיין האַר, נאָר דער לעצטער ענטפערט איהם גאַנץ רוהיג, אַז דער קאַמאַאָ לעבט און אַז פונקט אין דעם מאָמענט זינגט ער לכבוד דער פרוי. דאַן בעשליסט דער פאַזש, אין אַ צושטאַנד פון בלוטדורשטיגער און אייפערזיכטיגער משוגעת, זיך נוקם צו זיין און הרג'ענען דעם פויגעל; נאָכדעם הרג'עט דער מאַן זיין פרוי, און פון דעמאָלט אָן פאַלט דער פערברעכער אַריין אין אַ שגעון און וואַנדערט פון לאַנד צו לאַנד, נישט געפינענדיג אין ערגיץ קיין מנוחה.

„דער קאַמאַאָ" קאָן, לויט זיין אָריגינאַליטעט פון דער שפראַך און מייסטערשאַפט, אויף קיין פאַל נישט געשטעלט ווערען אין איין רייה מיט דעם „אַלטען מאַטראָס", אָבער וואָס אָנבעלאַנגט דעם פאָעטישען אינהאַלט, איז דאָס דאָזיגע געדיכט נישט בלויז העכער פון זיין ענגלישען מוסטער, נאָר איז אין דערזועלבער צייט אַ פאָלקאָמע קריטיק אויף קאָלרידזש'עס באַלאַדע און אויף די אַלע אַפעקטירטע ראָמאַנטישע בעגריפען פון דער באַלאַדע. דאָ איז דער מאָרד פון דעם פויגעל אַ גאַנץ מענשליכע טהאַט, וואָס איז אַרויסגערופען געוואָרען דורך גאַנץ מענשליכע סבות; דאָ איז די שטראָף פון מערדער נישט קיין פאַנטאַזיע, נאָר אַ גערעכטעס און נאַטירליכעס רעזולטאַט פון זיין טהאַט. דאָ איז דאָס אומגליק, וועלכעס עס בריינגט מיט זיך דער מאָרד פון פויגעל פאַר דער גאַנצער פאַמיליע, פערבונדען מיט דעם דאָזיגען טויט דורך אַ גאַנצער רייה סבות, בעת דער אונטערגאַנג פון די מאַטראָסען צוליעב דער נישט-גאַסטפריינדליכקייט בנוגע צום אַלבאַטראָס זעהט אויס עפּיס ווי אַ בבא-מעשה. דאָ ווערט ענדליך קלאָר אַרויסגעזאָגט דער אונטערשיעד

צווישן אַן׳אמת-פּאָעטישער אויפפאַסונג פון אַן׳אַבערגלויבישער לעגענדע און צווישן איהר ראָמאַנטישער בעאַרבייטונג. אין ביידע געדיכטען איז אַלץ געגרינדעט אויף אַבערגלויבען און אויך האַרטמאַן איז ווייט דערפון צו קריטיקירען די לעגענדע אויף אַ ראַציאָנאַליסטישען אופן; אָבער ער וואַרפט אויך קיינעם נישט אָן זיין אַבערגלויבען; די שענקייט פון זיין געדיכט איז אַבסאָלוט נישט אָבהענגיג דערפון, צי דער לעזער וועט איינפאַך גלויבען אין דער וואונדערבאַרער קראַפט פון קאַמאַאָ אָדער ניין, בעת די ראָמאַנטישע נאַרישקייט בעשטעהט טאַקע דערין, וואָס ׳ פרעדיגט רעספעקט פאַר דעם וואונדערבאַרען און אוננאַטירליכען, אַלס דער סך הכל פון דער גאַנצער בעל הבית׳ישער חכמה און פון דער גאַנצער פּאָעזיע. נאָר אויב דער „אַלטער מאַטראָס” שטעהט נישט הויך אין פערגלייך מיט דער פּאָעזיע פון דער שפּעטערדיגער צייט, וועלכע האָט זיך ענטוויקעלט פון דעם ראָמאַנטיזם, איז יעדענפאַלס דאָס דאָזיגע געדיכט פיעל העכער פון דעם רוב עהנליכע ווערק פון דייטשען ראָמאַנטיזם. נישט קוקענדיג אויף זיין ראָמאַנטישען נעבעלהאַפטען כאַראַקטער, אָטעמט דאָס געדיכט מיט׳ן ים, מיט׳ן אמת׳ן ים, מיט זיך-טוישענדע שטימונגען און גרויזאַמער, אימה׳דיגער גראַנדיאָזיטעט, דער פרישער ים-ווינד, דער שוים פון די חוואַליעס, די אונאַנגענעהמע נעבלען און דער הייסער, ליכטיג-רויטער אָוועגד-הימעל מיט זיין בלוטיגער זון,—די אַלע עלעמענטען געהערען דער נאַטור, און די פּיינליכע, שמערצליכע ערשייגונגען אויפ׳ן ים, די ליידען פון הונגער און דורשט, וואָס ברייגגען דעם מענשען צו זויגען דאָס בלוט פון דער אייגענער האַנד, די בלאַסע געזיכטער, שרעקליכע גסיסה-חראַפּען, עקעלהאַפטערן ריח פון פוילעניש, די אַלע עלעמענטען זענען גענומען פון דער ווירקליכקייט און געשילדערט מיט יענעם טרייען נאַטוראַליזם, וואָס איז די אייגענשאַפט פון די ענגלענדער.

קאָלרידזש האָט געהאַט איין ריין-ענגלישען שטריך: ער האָט געקאָנט אַליין אויף אַ וואונדערבאַרען אופן אונטערשיידען די חסרונות פון אַזאַ ווערק, ווי זיין בעריהמטע באַלאַדע. דער

געאָרג בראַנדעס.

גרונד-שטריך פון זיין נאַציע—הומאָר—גיט איהם צו אין דער אינדילט אַב׳אונגעוועהנליכע גייסטיגע פרייהייט. הערט, וואָס ער אליין דערצעהלט וועגען זיין פעהיגקייט צו זעלבסט-קריטיק. איינער אַ פּאָעטישער דילעטאַנט האָט אויסגעדריקט פאַר איינעם פון קאָלרידזש׳עס פריינד דעם וואונש צו בעקענען זיך מיט׳ן פּאָעט, נאָר אין דער לעצטער מינוט פאַר׳ן פאָרגעשטעלט-ווערען האָט ער חרטה-געהאַט און געזאָגט, אַז „ער מוז זיך מודה זיין, אַז ער איז געוועזן דער אויטאָר פון דעם גיפטיגען עפּיגראַם אויף דעם „אַלטען מאַטראָס", וועלכער האָט, ווי ער האָט זיך דערוואוסט, זעהר אויפגעבראַכט קאָלרידזש׳ן." דער פּאָעט האָט אָבער פערזיכערט דעם פריינד, אַז אויב דער עפּיגראַם איז גוט, וועט עס איהם נור פערשאַפען פערגניגען צו בעקענען זיך מיט׳ן אויטאָר, און געבעטען, אַז מען זאָל עס איהם איבערלייענען. צו זיין גרעסטער איבערראַשונג און פרייד האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דאָס זענען געוועזן עטליכע וויצען, וועלכע ער אַליין האָט אָנגעשריבען און אָבגעדרוקט אין „מאָרנינג פּאָסט". אויב מען וועט נאָך דערצו צוגעבען, אַז קאָלרידזש האָט אַליין אָנגעשריבען דריי סאָנעטען, כדי, ווי ער האָט געזאָגט, אויסצולאַכען די געקינסטעלטע פשטות און וויינענדיגען עגאָאיזם פון דער נייער ליטעראַרישער ריכטונג,—די עקסצענטרישע פראַזען פון די סאָנעטען זענען גענומען געוואָרען אויסשליסליך פון זיינע אייגענע לידער,—וועט מען מוזען מודה זיין, אַז ער האָט מיט אַ זעלטענעם גייסטיגען פערשטאַנד נישט אַריינצולאָזען און פערטיפען זיך אין יענע בעקאַנטע דאָקטרינעס, וואָס זענען די שוואַכסטע זייט פון דייטשען ראָמאַנטיזם.

VIII

עס איז קיין ספק נישט, אַז קאָלרידזש און די איבעריגע מיטגליעדער פון דער אָזערעס-שולע האָבען זיך שטענדיג געהאַלטען פאַר הייסע אָנהענגער פון פרייהייט; עס איז שוין פאַריבער די צייט, ווען די רעאַקציאָנערען האָבען זיך אָנגערופען מיט אַנדערע נעמען. קאָלרידזש האָט אָנגעשריבען איינס פון זיינע בעסטע געדיכטען, די „אָדע צו פראַנקרייך", רעבענענדיג, אַז ער שרייבט אַ הימן צו דער פרייהייט און רופענדיג די הימלען, חוואַליעס און וועלדער אַלס עדות, אַז ער האָט שטענדיג געליעבט די פרייהייט, און וואָרדסוואָרט, וועלכער האָט איהר געווידמעט צוויי גרויסע גרופען פון זיינע געדיכטען, האָט זיך געהאַלטען פאַר דעם אָנערקענטען פערטיידיגער איהרען. ביי אַן איבערפלעכליכען לעזען קאָן מען אָננעהמען די דאָזיגע פּאָעטען פאַר דיזעלבע פרייהייטס-ליעבענדע שריפטשטעלער, ווי מור, שעלי אָדער בייראָן. נאָר אפילו דאָס וואָרט „פרייהייט" בעדייט אין זייער מויל גאָר עפּיס אַנדערש, ווי ביי די לעצטע. כדי צו פערשטעהן גוט דעם דאָזיגען אונטערשיעד, דאַרף מען דאָס אויספאָרשען און ערקלערען מיט דער הילף פון צוויי איינפאַכע פראַגען: פרייהייט—פון וואָס? פרייהייט—צו וואָס?

פאַר די דאָזיגע קאָנסערוואַטיווע שריפטשטעלער האָט די פרייהייט זיך פאָרגעשטעלט אַלס אַ בעשטימט און בויטווענדיג גליק, וואָס ענגלאַנד פערמאָגט שוין און וועלכעס פעהלט אייראָפּאַ: דאָס רעכט פון לאַנד צו רעגירען מיט זיך אָהן אַ זעלבסטהערשענדען רעגירער פון פרעמדער אָבשטאַמונג. אַ לאַנד, וואָס האָט אַזאַ פּריווילעגיע, איז פריי. אונטער דער פרייהייט, אַלזאָ, האָט דער דאָזיגער לאַגער שריפטשטעלער פערשטאַנען די פרייהייט פון פרעמדען פּאָליטישען דעספּאָטיזם; וועגען פרייהייט צו וואָס-עס-איז איז קיין רייד נישט געווען. לאָמיר וואַרפען אַ בליק אויף וואָרדסוואָרט'ס סאָנעטען, וואָס זענען געווידמעט דער פריי-

הייט, און מיר וועלען זעהן, וואָס זיי בעזינגען. זיי בעזינגען דעם קאַמפּף פון די אייראָפּעאישע פעלקער געגען נאַפּאָלעאָנ׳ען, וועלכער שטעלט זיך זיי פאָר, ווי אַ מין אַנטיכריסט („אַ שד אויף דעם טראָהן פון פייער״—האָט איהם אָנגערופען סקאָט).

דער פּאָעט בעוויינט דאָס איינעהמען דורך די פראַנצויזען שפּאַניען, שווייץ, ווענעדיג און טיראָל. ער בעזינגט דעם טאַפּפערן האָפער, דעם מוטיגען שיל, דעם דרייסטען טוסען ל׳אוּבערטיור, וועלכע האָבען געוואַגט צו שטעלען אַ ווידערשטאַנד דעם דעספּאָט, ווי אויך דעם שוועדישען גוסטאַוו IV אַדאָלף, וועלכער האָט מיט אַ ראָמאַנטיש-ריטערליכער טאַלענטלאָזיגקייט געוואָרפען נאַפּאָלעאָנ׳ען די הענטשקע און אָפען אַרויסגעזאָגט זיין טרוים ווידער אַרויפצופיהרען די בורבאָנען אויפ׳ן טראָהן. באַלד נאָכדעם האָבען אויך וויקטאָר הוגאָ און לאַמאַרטין, אַלס די אָנהענגער פון אַ צוריקגעשטעלטער מאָנאַרכיע, אָנגעהויבען בעזינגען איהם צוזאַמען מיט זיין זוהן דעם פּרינץ גוסטאַוו וואַז. די שנאה צו נאַפּאָלעאָנ׳ען האָט באַלד זיך פערוואַנדעלט אין שנאה צו פראַנקרייך. אין איינעם פון די סאָנעטען דערצעהלט וואָרדסוואָרט, ווי אַזוי דער קאַנאַל צווישען ענגלאַנד און פראַנקרייך האָט זיך איהם אויסגעוויזען אויף אַ ווײלע אַזוי קליין, ווי אַנ׳אָזערע, און איהם האָט אָנגעחאַפּט אַ שרעק, אַז ענגלאַנד וועט מיט דער צייט זיך צונויפגיסען אין איין טעריטאָריע מיט דעם דאָזיגען אונטערגעגאַנגענעם לאַנד; נאָר דאָ האָט איהם בערוהיגט דער געדאַנק וועגען דעם, אַז די ענגלישע פאָלקס-נשמה איז גרויס, און די פראַנצויזישע פאָלקס-נשמה—נישטיג. אין אַ צווייטען סאָנעט פרעהט ער זיך, ווען ער דערמאָהנט זיך, וויפיעל גרויסע לייט און וויכטיגע ביכער ענגלאַנד האָט פון זיך אַרויסגעגעבען, און ער איז איבעראַשט, וואָס פראַנקרייך האָט אין געגענטייל צו ענגלאַנד ניט אַרויסגעגעבען „קיין איין בעדייטענד בוך, קיין איין גרויסען קאָפּ... און ווייזט-אַרויס דעמזעלבען גרויסען מאַנגעל סיי אין ביכער, סיי אין מענשען.״

דעריבער קעהרט ער זיך אַלע מאָל אום צו ענגלאַנד; זיינע סאָנעטען זענען אַ לאַנגע ליעבעס-ערקלערונג צו דעם לאַנד, צו

װעלכען ער בעציהט זיך מיט געפיהלען פון „אַ פערליעבטען זוהן", צו דעם לאַנד, װאָס איז איצט דאָס איינציגע, אויף װעלכען „עס זענען קאָנצענטרירט די האָפנונגען פון דער גאַנצער װעלט." אין זיינע ליעדער שפירט ער נאָך דעם קאַמפף אין דעם לאַנד, בעזינגט, װי דער פּאָעט סאָאוטי, יעדען נצחון פון דעם לאַנד, און זיינע סאָנעטען צו דער פרייהייט ענדיגען זיך מיט אַ פראַזעאָלאָגישער „אָדע פון דאַנקבאַרקייט" פאַר דעם זיעג ביי װאַטערלאָאָ. איצט פרעגען מיר זיך, װאָס פאַר אַ פרייהייט האָט דען געבראַכט מיט זיך דער זיעג ביי װאַטערלאָאָ? אָבער מיר פערשטעהען גאַנץ גוט, אַז די גרופּע פּאָעטען, װאָס זייערע נאַציאָנאַלע העלדען זענען געװען פּיט, נעלסאָן און װעלינגטאָן און װאָס האָבען געזונגען ליעב-ליעדער פאַר דער ענגלישער קאָנסטיטוציע, װעלכע האָט, לויט זייער מיינונג, פערקערפּערט אין זיך די פרייהייט, און פאַר ענגלאַנד, אַלס אַ לאַנד, װאָס קאָן דיענען אַלס מוסטער פאַר אַנדערע לענדער,—אַז די דאָזיגע פּאָעטען האָבען ביי דעם מעהרסטען טייל פון פאָלק ערװאָרבען אַזאַ פּאָפּולאַריטעט, װעלכע עס האָט ביז דאַן נישט געהאַט קיין איינציגער פון זייערע גרויסע פּאָעטישע געגנער. פאַר די ערשטע איז דאָס פאָלק געװען אַן'אידעאַל, אין דעם מצב, אין װעלכען עס האָט שוין דעמאָלט עקזיסטירט; די לעצטע האָבען געװאָלט צװינגען דאָס פאָלק צו װענדען זיין אויפמערקזאַמקייט אויף דעם נאָך נישט-דערגרייכטען און אפילו נישט-אָנערקענטען אידעאַל; די ערשטע האָבען גע'חנפ'עט דאָס פאָלק און דערפאַר בעקומען לאָרבער-קרענץ, די לעצטע האָבען ערצוירנט און געשטראָפט דאָס פאָלק און זענען דערפאַר פערטריבען געװאָרען פון זיין סביבה. אין דער צייט, װען דער עהרען-פּלאַץ פון אַ פּאָעט-לאַאורעט איז צוגעזאָגט געװאָרען פאַר סקאָט און דערנאָך פערנומען געװאָרען דורך סאָאוטי און װאָרדסװאָרט, האָט דאָס ענגלישע פאָלק ביז דעמאָלט נישט אַרויסגעװיזען זיין דאַנקבאַרקייט פאַר שעלי און בייראָן. די סבּה דערפון איז, װאָס זייער בעגריף װעגען פרייהייט האָט שטאַרק זיך אונטערשיידט פון די בעגריפען פון דער אָזערס-שולע. פאַר זיי האָט די אידעע װעגען פרייהייט זיך

נישט פערקערפערט אין וועלכען-עס-איז לאַנד אָדער וועלכער-
עס-איז קאָנסטיטוציע און איז ניש׳ט געוועזען קיין פאַרטיגע זאַך; פאַר
זיי האָט דער קאַמפף פאַר פרייהייט זיך נישט פערקערפערט אין
דעם טיעף-עגאָאיסטישען קאַמפף געגען נאַפּאָלעאָנ׳ען. זיי האָבען
טיעף פערשטאַנען, וואָס פאַר אַ גרויסע שקלאַפעריי עס קאָן בלייב-
בען סיי אין פאָליטישען, סיי אין גייסטיגען און סיי אין קירכ-
ליכען זין ביי דער אַזוי-גערופענער פרייער קאָנסטיטוציע. זיי זע-
נען נישט געווען געשטימט צו זינגען לויב-ליעדער וועגען דעם,
וואָס די מענשהייט האָט דערגרייכט איבערהויפּט און דער עיקר
אַדאַנק זייערע נאַציאָנאַלע העלדען, און ביי דעם אַזוי-גערופענעם
פרייען רעזשים האָבען זיי געשפירט אַ טיעף און פייערדיג
בעדערפניש אין פרייהייט און אָנערקענט דעם מאַנגעל פון פריי-
הייט אין פיעל הינזיכטען,—אין דעם, אַז מען זאָל קאָנען דענ-
קען, נישט רעכענענדיג זיך מיט די דאָגמען פון דער אמונה,
אין דעם, אַז מען זאָל קאָנען שרייבען און נישט דאַרפען איינ-
בויגען די פלייצע אונטער דעם יאָך פון דער געזעלשאַפטליכער
מיינונג; אין דעם, אַז מען זאָל קאָנען האַנדלען לויט די אינער-
ליכע בעדערפנישען פון אייגענעם „איך“, אָהן דער קאָנטראָל פון
יענע, וועלכע זענען אַליין נישט זעלבסטשטענדיג און זענען די
שטרענגסטע און גרויזאַמסטע ריכטער איבער די שוואַכקייטען,
וואָס זענען פערבונדען מיט זעלבסטשטענדיגקייט, אָריגינאַליטעט
און זשעני. זיי האָבען געזעהען, אַז דער הערשענדער קלאַס האָט
ביי דער עקזיסטענץ פון „פרייהייט“ פערשפרייט ליגענס און
צביעות, געזויגען בלוט און געראַבעוועט, געדריקט און פערקנעכ-
טעט, געשלאָגען און געשמיעדט אין קייטען פונקט אַזוי גוט, ווי
עס האָבען דאָס געטהון איינצעלנע הערשער ביי דער הערשאַפט
פון אַבסאָלוטיזם, און זענען דערביי אויך נישט געווען גייסטיג בע-
גאַבטער, איידער יענע הערשער. פאַר די פּאָעטען פון דער
אָזערע-שולע איז דער יאָך נישט געווען קיין יאָך, קוים איז ער
נור געווען אַן׳ענגלישער, די גוואַלט-טהאַט—נישט קיין גוואַלט-
טהאַט, קוים נאָר איז די געווען אַ קאָנסטיטוציאָנעל-מאָנאַר-
כיסטישע, די שרעק פאַר ליכטיגקייט—קיין שרעק נישט, קוים

האָט די געשטאַלט פון דער פּראָטעסטאַנטישער קירך. די ראַדיקאַלע פּאָעטען האָבען אָנגערופען דעם יאָך ביי זיין נאָמען, אפילו ווען ער האָט אַרויסגעשטעלט אַן׳ענגלישע פאָהן און בעפּוצט דאָס פּאָליציייאישע היטעל מיט אַן׳ענגלישער קאָקאַרדע; זיי האָבען די אַנטיפּאַטיע צו זעלבסטהערשענדע קיסרים פערשפּרייט אויף קיסרים בכלל; זיי האָבען געוואָלט בעפרייען די וועלט נישט בלויז פון דער ממשלה פון די קאַטוילישע גייסטליכע, נאָר אַלבערהויפּט פון דער השגחה פון די פּאַסטאָרס. ווען זיי האָבען דערזעהן, ווי אַזוי די פּאָעטען פון דער געגנערישער שולע, וועלכע זענען, בשעת זיי זענען יונג געווען, געגאַנגען אַזוי ווייט, ווי זיי אַליין, לויבען איצט די ענגלישע רעגירונג פון די טאָרי מיט דער גאַנצער ליידענשאַפט פון אַ גרופּע רענעגאַטען, האָבען זיי נישט געקאָנט קוקען אויף זיי אַנדערש, ווי אויף פיינד פון דער פרייהייט. דעריבער קלאָגט זיך שעלי אין זיין סאָנעט צו וואָרדסוואָרט דערויף, אַז ער האָט „פערראַטען דעם אמת און פרייהייט"; דעריבער פרובט זיך בייראָן נישט איינמאָל „צוברעכען" סאָאוטי, און דעריבער איבערהויפּט בעמערקט זיך אין דער ליידענשאַפט פון די דאָזיגע פּאָעטען צו דער פרייהייט אַ הייליגער צאָרן, אַן׳ערהאַבען פייער, פון וועלכען עס איז קיין זכר נישטאָ אין דער פּלאַטאָנישער ליעבע צו דער פרייהייט ביי די פּאָעטען פון דער אָזערע-שולע. ווען שעלי זינגט, ווענדענדיג זיך צו דער פרייהייט: „דיין בליק איז העלער פון דעם גלאַנץ פון אַ בליץ, און דיין שטים איז העכער פון דעם דונער פון ערד-ציטערניש. דו פערטויבסט דעם ים-שטורם. ווי אַ העלע וויזיע פערשטעלסטו דאָס פייער פון ווילדען וואולקאַן. די פייערדיגע שיין פון דער זון איז ווי דער גלאַנץ פון אַ לאַמטערן אין פערגלייך מיט דיינע בלישטשענדיגע שטערען",—דעמאָלט פיהלען מיר, אַז די דאָזיגע פרייהייט איז נישט אַזאַ זאַך, וועלכע מען קאָן חאַפּען מיט די הענד, אָדער פערקויפען, ווי אַ מתנה, אין דער פאָרם פון קאָנסטיטוציע, אָדער איינשרייבען אין אוסטאַוו פון דער מלוכה-קירך, נאָר אַז דאָס איז די זייביגע פאָדערונג פון מענשליכען שכל, דאָס קיינמאָל נישט-פערענדיגטע בעדערפעניש, אַ

הימליש פייער , וואָס פראָמעטעאוס האָט אַרייַנגעלעגט ווי
אַ פונק אין מענשליכען האַרץ, בשעת ער האָט עס בעשאַפען,
און אַז דאָס דאָזיגע פייער איז דורך גרויסע מענער צובלאָזען
געוואָרען ביז אַ גרויסער פלאַם, וואָס איז דער קוואַל פון יעדען
שיין און וואַרימקייט פאַר יענע, וועלכע פיהלען, וואָס פאַר אַ
בית-הקברות-פינסטערניש און קעלט עס וואָלט געבלאָזען פון לע-
בען אָהן דעם פייער. דאָס איז דיזעלבע פרייהייט, וועלכע
שווימט-אַרויס אין יעדען נייעם יאָהרהונדערט אונטער אַ נייעם
נאָמען, וועלכע איז אין מיטעלאַלטער פערפאָלגט און אויסגע-
ראָט געוואָרען אונטער דעם נאָמען פון אפיקורסות, אין XVI
יאָהרהונדערט גע׳רודפ׳ט געוואָרען אונטער׳ן נאָמען רעפאָרמאַציע,
אין XVII-טען יאָהרהונדערט געווען פער׳משפט אויף שייטער-
הויפענס אונטער דעם נאָמען פון כשוף און אַטעאיזם, אין XVIII-
טען יאָהרהונדערט פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַנ׳עוואַנגעליום
אונטער דער פירמע פון פילאָזאָפיע, כדי שפעטער, אין דער צייט
פון דער רעוואָלוציע, זיך צו פערקערפערן אין דער פאָרם פון פאָ-
ליטיק, און וועלכע איז ענדליך אין XIX-טען יאָהרהונדערט גע-
שטעמפעלט געוואָרען דורך די פערטיידיגער פון דער פערגאַנ-
גענהייט מיט אַ נייעם זידעל-וואָרט: „ראַדיקאַליזם”.

די פרייהייט, וועלכע עס האָבען בעזונגען די פאָעטען פון
דער אָזערע-שולע, איז געווען אַ בעשטימטער, קלאָרער בעגריף
וועגען געוויסע רעכט, אָבער נישט קיין פרייהייט אין גע-
וועהנליכען זין פון דעם וואָרט. דאַגעגען, די רעוואָלוציאָנערע
פאָעטען האָבען בעזונגען דאָס, וואָס איז געווען ווירקליך אמת׳ע
פרייהייט, אָבער זיי האָבען אויפגעפאַסט די דאָזיגע פרייהייט אַזוי
אַבסטראַקט, אַז זיי האָבען גאַנץ אָפט נישט געטראָפען אין ציעל.
אין דער אָבשוואַכונג פון יעדער עקזיסטירענדער רעגירונג האָבען
די געזעהן נור די אָבשוואַכונג פון אַ שלעכטער רעגירונג, די
האַלב-באַרבאַרישע אויפשטאַנדען פון אונטערדריקטע פעלקער האָט
אין זייער פאַנטאַזיע אויסגעזעהן ווי דער מאָרגענשטערן פון
דער אייביגער פרייהייט. שעלי האָט אַזוי וועניג פערשטאַנען די
מענשליכע נאַטור, אַז ער וואָלט געהאַלטען די שלאַכט פאַר

געוואונען, ווען עס זאָל זיך אײַנגעבען מיט איין קלאַפּ אויסצעוואָרצלען אַלע קעניגען און גלחים, און בייראָן האָט ערשט צושפּעט זיך דערוואוסט דורך ערפאַהרונג, ווי קליין עס זענען די רעפּובליקאַנישע מעלות פון די אייראָפּעאישע רעוואָלוציאָנערען, וועלכע האָבען זיך אָרגאַניזירט אין נאָמען פון דער פרייהייט. די עסקנים פון דער אָזערע-שולע זענען געווען פערזיכערט פון די ערהאַבענע טעותים און עקסטרעמע אידעאַלען פון די ראַדיקאַלע פּאָעטען, אָבער די קינפטיגע דורות האָבען געהאַט מעהר נוצען און פערגניגען פון די עקסטרעמיטעטען פון דער פרייהייטס-ליעבע ביי די ראַדיקאַלען, איידער פון די פרייהייטס-געדאַנקען ביי דער אָזערע-שולע, וועלכע זענען געווען בעגרענצט און פערשמעלערט פון אַלע זייטען.

IX

יצט וועלען מיר זיך ווענדען צו דעם פּאָעט, וואָס האָט געשאַפען דעם ריין-ענגלישען ראָמאַנטיזם אויפ׳ן גרונד פון דער געשיכטע פון פאָלק און זיין כאַראַקטער. ער האָט נישט געהאַט נויטיג, ווי די פאָרשטעהער פון דער אָזערע-שולע, צו ווערען אַ רענעגאַט, כדי צו צושטעהן צו דער קאָנסערוואַטיווער ריכטונג אין רעליגיעזען און אין פּאָליטישען זין, נאָר ער איז געוועז אַ קאָנסערוואַטאָר אָהן שנאה אָדער כעס געגען די טהוער פון דער געגנערישער ריכטונג, ער איז געוועז ריין און רוהיג פון דער נאַטור, מיט אַנ׳אידעלען און פעסטען כאַראַקטער, מיט אַזאַ רייכען קוואַל פון פּאָעטישען טאַלענט, אַז ער האָט אין פערלויף פון העכער 20 יאָהר געגעבען אַלע אייראָפּעאישע לענדער נוצליכען און אַנגענעהמען לעזע-מאַטעריאַל, און ער איז געוועזען אויף אַזוי פיעל טיעף אָריגינעל אין זיין אַנשויאונג אויף דער מענשהייט און וועלט-געשיכטע, אַז זיין ווירקונג אויף דער פאָרם פון שרייבען די געשיכטע פון אייראָפּאַ איז געוועזען פונקט אַזוי שטאַרק, ווי זיין איינפלוס אויף דער ראָמאַנטישער פּאָעזיע אין אַלע ציוויליזירטע לענדער.

וואַלטער סקאָט איז געבוירען געוואָרען אין עדינבורג דעם 15-טען אויגוסט 1771, אַלס ניינטער זוהן אין אַן'אַלטער אַדעליגער פאַמיליע. זיין פאָטער איז געווען אַ יוריסט און, לויט זיין גאַנצער ליעבע צו שטרענגער אָרדנונג, איז ער, ווי עס שיינט, געוויסערמאָסען געווען עהנליך צו געטעס פאָטער. מען זאָגט, אַז דער זוהן האָט איהם בעשריבען אין דעם טיפּ פון אַלטען סוחר אין „ראָב-ראָי". אין דער פאַמיליע האָבען שוין פון אַלטע צייטען עקזיסטירט אַלאונטערטעניגסטע געפיהלען און זענען איבערגעגאַנגען פון דור צו דור, אין דער פאָרם פון איבערגעגעבענקייט, פריהער צו די סטיואַרטס, שפּעטער צום האַנאָווער-הויז. דאָרט האָט אויך עקזיסטירט שטרענגע אונטערטעניגקייט צו דער קירך. דער קליינער וואַלטער סקאָט איז געוואַקסען אַ שטאַרק און געזונט קינד, נאָר אויפ'ן צווייטען יאָהר איז ער פּלוצלונג הינקענדיג געוואָרען אויפ'ן רעכטען פוס. דאָס רוהיגע אינערליכע גלייכגעוויכט, מיט וועלכען ער האָט דאָס גאַנצע לעבען אַריבערגעטראָגען דעם דאָזיגען מום, איז אַ שאַרפער געגענזאַץ צו דער ליידענשאַפטליכקייט, מיט וועלכער עס האָט זיך בעצויגען צו דעמזעלבען פיזישען פעהלער זיין גרויסער ענגלישער קאָנקורענט. ער איז אויסגעוואַקסען אין די צאַרטעסטע געפיהלען צו דער פערטריבענער קעניגליכער פאַמיליע און האָט גלייכצייטיג זיך ענטציקט מיט די פאָלקס-ליעדער, וועלכע בעזינגען די אַלטע קעמפּפער פון די בערג און פון שאָטלאַנד. שוין אין די יונגע יאָהרען האָט ער געקענט אויסווייניג די באַלאַדע וועגען האַרדיקנוט, מיט וועלכער ער האָט אַרויסגערופען טרעהרען ביי בייראָנ'ען אין יאָהר 1815. אַלץ, וואָס האָט געטראָגען אַן'אַנעקדאָטישען חאַראַקטער, איבערהויפּט, אויב דאָס איז אָנגעקליידט געוואָרען אין דער פאָרם פון אַ באַלאַדע אָדער אין ריפמען, פלעגט ער לייכט אויסלערנען; דאַגעגען חראָנאָלאָגיע אָדער אַלגעמיינע כּללים זענען שלעכט איינגעפלאַנצט געוואָרען אין זיין זכרון, און שוין דאָס אַליין האָט אָנגעוויזען אויף דעם חאַראַקטער פון זיין קינפטיגער טעטיגקייט. דאָס קליינע הינקענדיגע יונגעל, וואָס איז שטענדיג אַרומגעפאָהרען רייטענדיג אויף זיין פערדעל, נישט גרעסער פון אַ געוועהנליכען הונד, איז

געווען אַ קענער פון דער זאַמלונג שאָטלענדישע ליעדער און ער־צעהלונגען פון פּערסי; אַממעהרסטען חאַראַקטעריסטיש איז דאָס, וואָס ער האָט געקליבען אַלטע ליעדער, פּונקט ווי אַנדערע קינ־דער קלויבען מטבעות אָדער מאַרקען, און צו 10 יאָהר האָט ער שוין געהאַט עטליכע בענדער ליעדער. זיין גאַנץ לעבען האָט ער אויך ליידענשאַפטליך געקליבען באַלאַדען. ער איז פריה געוואָ־רען עמפּפינדליך צו די שענקייטען פון דער נאַטור, און נישט בלויז אין דער פּאָעזיע. ער פלעגט זיך אָבשטעלען ביי יעדער חורבה, ביי יעדען דענקמאָל, ביי יעדען אַלטען שטיין און מיט אינטע־רעס זיי בעטראַכטען; אָבער ער האָט נישט געקוקט אויף דער נאַטור מיט יענער בעזונדערער האַרציגקייט, מיט וועלכער עס האָט זיך צו איהר בעצויגען וואָרדסוואָרט, וועלכער האָט זיך ענטציקט בלויז מיט דער נאַטור; פאַר איהם איז די נאַטור געווען אינ־טערעסאַנט הויפּטזעכליך פון היסטאָרישען און פּאָעטישען שטאַנד־פּונקט. אַ גרופּע פון צונויפגעוואַקסענע ביימער האָט דעריבער נישט געקאָנט ערוועקען אין איהם דאָסזעלבע געפיהל און עהר־פורכט, ווי ביי וואָרדסוואָרט; אָבער אויב מען האָט איהם גע־זאָגט: אונטער דעם בוים פלעגט זיך אָברוהען קאַרל II, אָדער: מיט דעם בוים איז פערבונדען די ערינערונג וועגען מאַריאַ סטיואַרט,—דאַן פלעגט ער אָבשניידען אַ צווייגעל פון בוים צום אָנדענקען וועגען זיין בעזוך אין דעם אָרט און דאָס קיינמאָל נישט פערגעסען.

צו 15 יאָהר האָט ער זיך בעקענט מיט די שענע שאָט־לענדישע בערג, וועלכע האָבען בעדאַרפט בעקומען אַזאַ גרויסע בעדייטונג פאַר זיין פּאָעזיע און אַרויסרופען זיינע פּאָעטישע ער־צעהלונגען, וואָס זענען געווען פאַר איירָאָפּאַ אַזוי ניי מיט זייער סצענישער אומגעבונג. פון דער מינוט, וואָס סקאָט האָט דער־קענט אין זיך פּאָעטישע פעהיגקייטען, האָט ער אָנגעהויבען ער־לערנען די נאַטור אַזוי, ווי אַ פּייזאַזשיסט מאַכט עטיודען. ווע־לענדיג בעשרייבען וועלכע-עס-איז געגענד, פלעגט ער צו דעם צוועק ספּעציעל אַהין אַוועק, אָנגעצייכענט זיך אויף דעם גענוי־סטען אופן די אויסערליכקייט פון די בערג, די ליניען און פאָרם

פון די וועלדער, דעם כאַראַקטער און די קאָנטורען פון די וואָלקענס אין דער צייט, זאָגאַר די איינצעלנע בלומען און קוסטעס, וואָס וואַקסען ביים וועג אָדער ביים אַריינגאַנג אין הייזל, זיין פּאָעטישע אַנשויאונג אויף דער נאַטור, וואָס איז ענליך אויף די אַנשויאונגען פון די ראָמאַנטיקער אין דייטשלאַנד און אין דענעמאַרק, האָט נישט אויסגעשלאָסען די גרעסטע גענויאיגקייט און פּינקטליכקייט אין די באַשרייבונגען. בשעת עלענשלעגער האָט אַ לאַנגע צייט זיך באַנוגענט מיט די „נישט-פערגעס-מיך" און רויזען, האָט סקאָט געקענט יעדען באַרג, יעדען טהאָל, יעדעס טייכעל, יעדע סטעזשקע, וואָס ער האָט באַשריבען פון שאָטלאַנד, און איז געווען באַקאַנט כמעט מיט אַלע שאָטלענדישע געוויקסען.

איידער סקאָט האָט געקאָנט זיך קלאָר מאַכען זיין פּאָעטישען באַרוף, האָט ער פון זיך אויסגעאַרבייט אַ געשיקטען און אַרבייטספעהיגען יוריסט, וועלכער האָט געשריבען זיינע אַקטען באַפּוצט מיט יורידישע מליצות, מיט אַ געשיקטער האַנד, וועלכע האָט שפּעטער אַרויסגעגעבען אויפ'ן פּאַפּיר די פּאָעטישע שאַפונגען פון זיין פאַנטאַזיע. נישט קוקענדיג אויף זיין פיזישען מום, האָט ער פערמאָגט אַ געזונטען, עלאַסטישען און שטאַרקען קערפּער און זיך אויסגעצייכענט מיט אַזאַ געשיקטקייט אין פיזישע איבונגען, אַז איינמאָל האָט ער אַ גאַנצע שעה מיט דער הילף פון איין שטעקען זיך פערטיידיגט געגען דריי רויבער, וואָס זענען אויף איהם אָנגעפאַלען אין אַן'איינזאַמען געסעל. אָבער אַממערסטען כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין גייסטיגער פיזיאָנאָמיע איז דאָס, וואָס די געזונטקייט האָט זיך ביי איהם נישט פעראייניגט מיט דער ענטשפּרעכענדער ראַפינירטקייט פון די ליידענשאַפטס-אָרגאַנען. ער האָט כמעט נישט געהאַט דעם חוש המישוש, און זיין אונגעוועהנליכער אַפּעטיט איז גאָרנישט געווען צוגעפּאַסט צו זיין גאַסטראָנאָמישען געשמאַק; ער האָט זיין גאַנץ לעבען נישט געקאָנט אונטערשיידען גוטען וויין פון שלעכטען און נישט פערשטאַנען דעם אונטערשיעד צווישען אַ גוטען און שלעכטען מיטאָג. אין באַציהונג צום „שענעם געשלעכט" האָט ער שטענדיג אַרויס-

געוויזען אַ גרויסע קאַלטקייט, צוליעב וואָס ער פלעגט שטענדיג אַרויסרופען אַ געלעכטער מצד די חברים. דאָך האָט ער איינמאָל אין די יונגע יאָהרען איבערגעלעבט אַ ראָמאַנטישע ליידענשאַפט צו אַ יונג מיידעל, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַנ׳אַנדערן. אָבער ער האָט אַזוי גוט זיך בעהערשט, אַז קיינער האָט וועגען דעם נישט געוואוסט. ער איז שנעל צו זיך געקומען פון דעם דאָזיגען אומגליק און נאָך אַ בעשיידענער און רוהיגער יוגענד האָט ער צו 26 יאָהר חתונה געהאַט מיט אַ פראַנצויזיש פראָטעסטאַנטיש מיידעל (קאַרפענטער), וואָס איהר פאָטער איז געשטאָרבען בשעת דער רעוואָלוציע. ווינטער 1796—1797 האָט ער, ווי אַלע ענגלענדער, פערבראַכט אין שרעק פאַר דעם אַנגריף פון די פראַנצויזען און זיך בעשעפטיגט מיט דער אָרגאַניזאַציע פון פרייוויליגע פאָלקען, און אַזוי ווי ער איז מיט לייב און לעבען געווען איבערגעגעבען דער זאַך, האָט מען איהם בעשטימט אַלס קוואַרטירמייסטער און סעקרעטאַר פון איינעם פון די פאָלקען. מיר האָבען שוין גערעדט וועגען זיין ערשטער איבערזעצונג פון דייטש. סקאָט, וועלכער איז אַזוי פיעל יאָהרען געווען אַ לעבעדיגער מאַגאַזין פון ליעדער, באַלאַדען און ערצעהלונגען, האָט אין 1803 אַרויסגעגעבען אַ זאַמלונג שאָטלענדישע פאָלקס-ליעדער, געווידמעט זיין פאָטערלאַנד; דער דריטער טייל פון די „נייעסטע נאָכאַהמונגען״ האָט ענטהאַלטען אין זיך די ליעדער פון אַרויסגעבער אַליין. איינער פון די קריטיקער פון דעם בוך האָט געמאַכט אַ נביא׳ישע בעמערקונג, אַז דאָס בוך ענטהאַלט אין זיך מאַטעריאַל פאַר הונדערטער ראָמאַנען.

נישט קוקענדיג אויף זיין איבערגעגעבענקייט דעם קעניגליכען הויז, האָט סקאָט שטענדיג זיך געשפּירט אַלס שאָטלענדער, און עס איז קיין ספק נישט, אַז דער שטעמפעל פון דער שאָטלענדישער ראַסע איז דער יסוד פון זיין אָריגינאַליטעט. שוין בלויז דער פּאָעטיש-היסטאָרישער אינטערעס, וועלכער ווייזט זיך אַרויס אין זיינע ווערק, איז אַ ריין-שאָטלענדישער. קיין איין שטריך ווייזט זיך נישט אַרויס ביי די שאָטלענדער אין אַלע צייטען מיט אַזאַ מערקווירדיגער קראַפט, ווי דאָס ליידענשאַפט-

ליכע נאַציאָנאַלע געפיהל. ווען מיר זאָלען אויף אַ ווײלע אָבּווענ-דען די אויגען פון די אינערליכע אײנטײלונגען אויף פּאַרטײען אין לאַנד, וואָס שטערען נישט, איבּעריגענס, דעם סאָלידאַרי-טעטס-געפיהל, וואָס הערשט אין שאָטלאַנד, ווען מיר זעהן, אַז אין קײן אַנדער לאַנד קאָן מען נישט געפינען אַזאַ בּע-וואוסטזײן פון אחדות, ווי בּײ דעם דאָזיגען קלײנעם פאָלק, וואָס זײן רעגירונג איז פעראײניגט מיט אַנ׳אַנדער מלוכה, וואָס איז פיעל גרעסער פון שאָטלאַנד, רעדט אויף דערוועלבער שפּראַך וואָס שאָטלאַנד און הערשט איבּער איהר. אויך בּײ די ענגלענ-דער בּעמערקט זיך זעהר אַ לעבּעדיג נאַציאָנאַל געפיהל, אָבּער דאָס געפיהל טרעט בּײ זײ נישט אַרויס מיט אַזאַ שאַרפקײט און קראַפט: בּײ זײ האָט עס אַ רײן-פּאָזיטיווען כאַראַקטער און ענטהאַלט אין זיך אַ מין פּראָקלאַמירונג פון די אַלע אײגענטימ-ליכקײטען, וועלכע אונטערשײדען די ענגלענדער, לויט זײער אײגענער מײנונג, פון אַלע אַנדערע פעלקער. דאָס נאַציאָנאַלע גע-פיהל פון די שאָטלענדער איז, דאַגעגען, שטענדיג וואַכזאַם, שטענ-דיג אויפ׳ן פּאָסטען, ווײל עס איז אײגענטליך אַ געפיהל פון נע-גאַטיווען כאַראַקטער. ווען אַנ׳ענגלענדער זאָגט: איך בּין אַנ׳-ענגלענדער, מײנט ער נור דאָס, וואָס ער זאָגט, נאָר ווען אַ שאָטלענדער זאָגט אָדער טראַכט: איך בּין אַ שאָטלענדער,—בּע-דײטען די דאָזיגע ווערטער אין זײן מויל: איך בּין נישט קײן ענגלענדער.

כּדי גוט צו פערשטעהן דאָס דאָזיגע געפיהל, דאַרף מען געדענקען, ווי קלײן עס איז די צאָהל פון די שאָטלענדער אין פערגלײך מיט זײער שטאַרקען שכן. ווען מיר דערמאָהנען זיך, אַז נאָך אין 1707 האָט די גאַנצע בּעפעלקערונג פון שאָטלאַנד בּעטראָפען קוים עטוואָס מעהר פון אַ מיליאָן, וועלען מיר פער-שטעהן, ווי נויטיג עס איז געווען אַ פעסטע אחדות, אַ טיעפע עקשנות און קריעגס-גײסט, וואָס איז שטענדיג גרײט אַרויסצו-טרעטען פאַר דער פערטײדיגונג פון אײגענעם לאַנד, כּדי אַז די דאָזיגע קלײנע ראַסע זאָל נישט פערליערען איהר אָריגינאַלי-טעט אָדער נישט אַרויסגעשטויסען ווערען דורך די אײנוואוינער

פון דרום. אויף אַזאַ אופן זענען די בירגער דערגאַנגען דערצו,
אַז זיי האָבען אָנגעהויבען אויף אַ בעזונדער פייערדיגען אופן
ליעב האָבען די בייזע און שטרענגע שאָטלאַנד, מיט וועלכער
זיי האָבען זיך ענטציקט אין געגענטייל צו דער גרינער און
פרוכטבאַרער ענגלאַנד, און אָנגעהויבען זיך בעציהען כמעט מיט
אַ קריעגעריש-פאַטריאָטישער ליעבע צו איהרע בערג, לאָנקעס, בלאָ-
טעס און נעבלען. דעריבער איז קיין וואונדער נישט, וואָס אין
דעם לאַנד איז געבוירען געוואָרען אַ פאָעט מיט אַ גרויסען טאַ-
לענט פון אַנ׳ערצעהלער און וואָס פונקט אין דער צייט, ווען
אין גאַנץ אייראָפּאַ האָט דאָס נאַציאָנאַלע געפיהל אָנגעהויבען
אַריינדרינגען אין דער פּאָעזיע, האָט שאָטלאַנד געגעבען די ער-
שטע און שטאַרקסטע ווערק פון היסטאָרישען ראָמאַנטיזם, וואָס
איז געווידמעט דעם ערלערנען די פאָלקס-נשמה. וואָס האָט גע-
קאָנט זיין פאַר דעם פאָעט פון דעם לאַנד נעהנטער צום האַר-
צען, ווי די אויספאָרשונג פון די אָריגינעלע זיטען פון די
בערג-געגענדען און די בעשרייבונג פון די עפעקטפולע קאָסטיומען
איהרע! וואָס האָט געקאָנט זיין נאַטירליכער פאַר אַ מענשען,
וואָס שוין זיין פאַמיליע אַליין איז געווען ווי די פערקערפערונג
פון זיין פאָטערלאַנד, ווי דאָס ווענדען זיך צו דער פערגאַנגענ-
הייט פון לאַנד, צו זיינע לעגענדען און דענקמעלער, און דער-
מיט ווי פערגיטיגען די קליינע צאָהל פון זיינע בירגער און
זייער אונבעדייטענד לעבען דורך בעשרייבען זייער רוהמפול לע-
בען אין דער פערגאַנגענהייט און זייערע היסטאָרישע העלדען-
טהאַטען!

דער האַראַקטעריסטישער שטריך פון שאָטלענדישען נאַציאָ-
נאַלען געפיהל איז קודם כל דאָס געפיהל פון אחדות און סאָ-
לידאַריטעט: די פּראָווינציעלע נאַציע האָט מעהר זיך צוזאַמענ-
געשלאָסען און נישט בעהאַט אַזעלכע שאַרפע אינדיווידועלע
סתירות, ווי די הערשענדע נאַציע. סקאַט האָט אין פיעל ערטער
בעשריבען דאָס דאָזיגע שטאַרקע געפיהל פון פערוואַנדשאַפט ביי
זיינע מיטבירגער, אָבער אַמבעסטען האָט ער עס בעשריבען אין
דריטען טייל פון „עדינבורגער טורמע״, ווען דאָס דאָזיגע גע-

זונטע און שענע געפיהל'ן גיט אַב'אָרים קריסטליך מיידעל די דרייסטקייט זיך צו ווענדען נאָך הילף צום הערצאָג אַרדזשיל, ווי צו אַ נאָהנטען מענשען. דאָס שאָטלענדישע נאַציאָנאַלע געפיהל ענטהאַלט אין זיך נאָך איין גרונד-שטריך: עס איז דורכגעדרונגען מיט דעם פּאַרטיקולאַריזם פון אַ בעזונדערער מלוכה און, אַלס אַזעלכעס, איז עס אַ ירושה-געפיהל און איז אייננ פערבונדען מיט אַלע אַלטע טראַדיציעס. דערפון נעהמט זיך ביי סקאָט'ן די איבערגעטריבענע עהרפורכט פאַר דער קעניגליכער מאַכט, פאַר איהרע סימבאָלען און אַטריבוטען. ווען ער איז בעשטימט געוואָרען אַלס מיטגליעד פון דער קאָמיסיע אויסצופאָרשען די אַלטע שאָטלענדישע קעניגליכע רעגאַליען, האָט דאָס געפינען די רעגאַליען געמאַכט אויף איהם אַזאַ שטאַרקען און עהרפורכטיגען איינדרוק, אַז ווען איינער פון די בעאַמטע האָט געוואָלט אַלס פּראָבע אָנטהון אַ דיאַדעם אויפ'ן קאָפּ פון אַ יונגער דאַמע, האָט סקאָט אויסגעשריען: „ניין, אום גאָטעס ווילען, ניין!"

דאָס בעוואוסטזיין פון אָנגעהעריגקייט צו אַ בעזונדער מלוכה, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט'ן גייסט פון פּאַרטיקולאַריזם, מוז מיט זיך מיטברייננען פיעל אַנדערע אייגענשאַפטען פון פּאַרטיקולאַריזם. אין דער צייט, ווען נור געצעהלטע פעלקער פערמאָגען אַזאַ אחדות, ווי די שאָטלענדער, זענען אויך דאָ נור געצעהלטע פעלקער, וואָס ווייזען אַרויס אַזאַ צובריקעלטקייט אויף פּאַרטייען אָדער לאַגערן. דאָס בעוואוסטזיין ביי דעם איינצעלנעם אינדיווידואום צו פעראייניגען זיך מיט זיין פאָלק איז געבוירען געוואָרען נישט אין דער מלוכה, נאָר אין שבט, קלאַס, זאָגאַר פאַמיליע.

דעריבער געפינען מיר ביי סקאָט'ן, אַלס פּאָעט פון באַלאַדען, אַ בעזונדערע שוואַכקייט צו יענע באַלאַדען, אין וועלכע עס ווערט דערצעהלט וועגען די העלדען-טהאַטען פון די עלטערן אָדער קרובים פון פּאָעט און דעריבער ווייזט ער אַרויס אַלס שאָטלענדער, די טאָמע חאַראַקטעריסטישסטע פאַמיליען-אייגענשאַפטען. ער איז געווען אַ מוסטערהאַפטער זוהן און מאַן, ער איז

געווען, ווי מען קאָן זעהן פון זיינע בריעף צום עלטסטען זוהן, דער ליעבענדסטער פאָטער; ער איז געווען אַ גוטער ערציהער פון זיינע קינדער אין פיזישער און אין מאָראַלישער הינזיכט, אַרויסשטעלענדיג צו זיי די אַלט-פּערסישע פאָדערונג: גוט רייטען אויף אַ פערד און שטענדיג זאָגען דעם אמת; נאָר אפילו אין די דאָזיגע געפיהלען האָט ער זיך נישט אַרויסגעוויזען אַלס מאָדער-נער מענש. סיי אין פריוואַטען לעבען, סיי אין דער פּאָעזיע איז די פאַמיליע, דער שטאַם געשטאַנען ביי איהם העכער, ווי דער איינצעלנער אינדיווידואום. ער האָט געהאַט אַ ברודער, דניאל סקאָט, וועלכער האָט צו-פיעל געהוליעט און, נישט אָבטהוענדיג אייגענטליך קיין שום שרעקליכע זאַך, געבראַכט שאַנדע דער גאַנצער פאַמיליע. וואַלטער סקאָט האָט פערשאַפט זיין נישט-געראָ-טענעם ברודער אַ קליינע שטעלע אין מערב-אינדיען, נאָר אין די בריעף צו זיינע בעלי-בתים פלעגט ער איהם שטענדיג אָנרופען נור „קרוב", געפאָדערט אויך פון ברודער, אַז ער זאָל פאַר קיינעם נישט אַרויסגעבען, אַז ער איז זיינער אַ ברודער, אויף קיין פאַל נישט געוואָלט זעהן זיך מיט איהם, ווען יענער איז צוריקגעקומען קיין שאָטלאַנד, נישט דערמאָהנט קיינמאָל זיין נאָ-מען, נישט געווען אויף זיין לויה, ווען ער איז געשטאָרבען, און נישט געטראָגען נאָך איהם קיין טרויער. דאָס זענען חסרונות, וועלכע זענען אַ רעזולטאַט פון קאָנסערוואַטיווע גוטע מדות. נאָכ-דעם וועט זיך קיינער שוין נישט וואונדערן, וואָס דער מענש, וועלכער איז בטבע געווען זעהר אַ גוטער און האָט געבראַכט אַזוי פיעל קרבנות אויפ'ן מזבח פון דער אָבשטאַמונג, האָט נישט גע-קאָנט ווערען, דער פּאָעט פון דעם איינצעלנעם, פון דער אינדי-ווידואַליטעט, און גלייך פערשטויסען געוואָרען אין דער פערגאַנ-גענהייט, ווי נור אויף דער סצענע איז אַרויסגעטראָטען בייראָן.

אין 1802 איז געגרינדעט געוואָרען די „עדינבורג רעוויו" און סקאָט האָט גלייך אָנגעהויבען צושטעלען אַרטיקלען פאַר דעם אָרגאַן, וואָס זיין רעדאַקטאָר איז געווען דער שאָטלענדער דזשע-פריי, וועלכער האָט אַלס קריטיקער פערנומען זעהר אַ הויכען פּלאַץ אין לעבען פון די פּאָעטען פון יענער צייט, הגם די

איינציגע קריטישע פעהיגקייט זיינע איז געווען דער דרייסטער שכל, אָהן עלאַסטישקייט און שולע. זיין מיטאַרבייטען האָט געדויערט נור 7 יאָהר, ווייל אין 1809 האָט סקאָט, נישט צופריעדען מיט דער צו-ליבעראַלער ריכטונג פון דעם אָרגאַן אין דער קאַטוילישער פראַגע און אויפגעבראַכט פון דער פיינדליכער צו איהם קריטיק פון דזשעפריי אויף זיין „מאַרמיאָן“, געגריגדעט ד „דריי-מאָנאַטליכע איבערזיכט“.

אין 1805 איז ערשיענען דאָס ערשטע עפּישע ווערק פון סקאָט, „דאָס ליעד פון לעצטען מינסטרעל“... דער ערפאָלג איז געווען זעהר גרויס; אַלע האָבען זיך געפרעהט מיט דעם אומקעהרען זיך צו דער פאָלקס-פּאָעזיע און צו דער נאַטור; בעזונדערס האָט מען זיך ענטציקט מיט די נאַטור-בעשרייבונגען. פיס האָט וועגען דעם געזאָגט, אַז סקאָט האָט, לויט זיין מיינונג, אין פיעל ערטער דערגרייכט צו די עפעקטען פון אמת'ער מאָלעריי, און זיין געגנער פאָקס האָט דאָ געמאַכט אַנ'אויסנאַהם און איינגעשטימט צו זיין מיינונג וועגען סקאָט. אין אַ קורצער צייט זענען פערקויפט געוואָרען 30.000 עקזעמפּלאַרען פון דעם ווערק, אין וועלכען עס איז מיט אַ וואונדערבאַרער היסטאָרישער גענויאיגקייט געשילדערט געוואָרען די לאַגע פון לאַנד אין 16-טען יאָהרהונדערט. די לעבענס-בעשרייבונגען פון די העלדען האָבען זיך געלייענט מיט אַ לעבעדיגען אינטערעס און דער ערפאָלג האָט אַרויפגעפיהרט סקאָט'ן אויפ'ן געדאַנק צו פּרובען אָנשרייבען עטוואָס אין פּראָזע. דעם געדאַנק האָט ער שפּעטער פערווירקליכט אין „וואַווערליי“. דאָס אינטערעס פון פּובליקום צו דעם מיטעלאַלטער, צום ריטערטום, קעניגליכער מאַכט, פעאָדאַלער טרייהייט און שאָטלענדישע נאַציאָנאַלע אייגענשאַפטען האָט ערוואַכט. די ענגלענדער, וואָס רייזען אַרום צו-פוס, האָבען אָנגעהויבען מאַכען ראָמאַנטישע רייזען צו די חורבות פון אַלטע שלעסער און צום שלאַכט-פעלד פון קיליאָקראַנקאָ, אויף וועלכען זייערע מיטבירגער פון 17-טען יאָהרהונדערט האָבען געהאַט אַ מפּלה.

ביז איצט פלעגט סקאָט שרייבען אין די אָוונטען, ביז

שפעט ביי-נאַכט; אָבער איצט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען פאַר איהם די אמת'ע מעטיגקייט, האָט ער איבערגעטראָגען זיינע אַר-בייטס-שטונדען אויף אין-דער-פריה. ער פלעגט אויפשטעהן פאַר פינף אַ זייגער, זיך אַראָבלאָזען פריהער אין פערד-שטאַהל, זיך געגריסט מיט זיינע פערד און בעליעבטע הינד און דערנאָך מיט די איבעריגע הויז-חיות; דערנאָך זיך געזעצט שרייבען און גע-אַרבייט אַזוי שנעל און לייכט, אַז ווען ער איז אַרום 9—10 גע-גאַנגען פריהשטיקען, איז דער „עיקר אַרבייט" שוין געווען אָבגע-טהון. 12 אַ זייגער פלעגט ער אַרויסגעהן פון קאַבינעט און פער-ברינגען די איבעריגע צייט פון טאָג מיט דער פאַמיליע און די געסט זיינע. אין די פרישע מאָרגען-שטונדען האָט ער אָנגעשרי-בען אַלע זיינע ווערק, בעת בייראָן האָט געווענליך גע-שריבען זיינע ליעדער ביי-נאַכט. אפי׳ ו דעמאָלט, ווען ביידע פאָ-עטען געהען זיך צונויף זעהר נאָהנט, דאַכט זיך, אַז מען שפירט די פערשיעדענע שטימונג, מיט וועלכער עס זענען דורכגעדרונגען די ווערק פון די ביידע פאָעטען, וואָס ביי איינעם ווערט דער געדאַנק געבוירען אין דער נאַכט, און ביים צווייטען—ביי-טאָג.

נעהנטער פון אַלץ איז סקאָט צו בייראָנ'ען אין דעם גע-דיכט, וועלכעס ער האָט אָנגעהויבען אין נאָוועמבער 1806: „מאַרמיאָן אָדער די שלאַכט אויפ'ן פלאָדענישען פעלד". לויט דער פאַבעל איז דאָס דאָזיגע ווערק זעהר עהנליך צו די אי-בעריגע ווערק פון סקאָט: ער בעשרייבט דאָס 16-טע יאָהרהונ-דערט, שאָטלאַנד, דאָס בערג-לעבען און הויף-לעבען. אָבער דער העלד פון דעם געדיכט איז פון דער קאַטעגאָריע, וועלכע ביל-דעט דעם דירעקטען איבערגאַנג צו די העלדען פון בייראָנ'ען, און דאָס גאַנצע ווערק איז געשריבען געוואָרען אין יענע לייכ-טע, גלאַטיגע, נאָר עטוואָס איינטעניגע יאַמבען, מיט וועלכע בייראָן פלעגט זיך עפטער פון אַלץ בענוצען אין זיינע ליעדער. מאַרמיאָן איז אַ שטאָלצער און טאַפּפער'ער ריטער, אָבער לויט דער נאַטור—אַ פערברעכער. ער האָט פערליעבט אין זיך די יונגע פראַכטפולע מנישקע, קאָנסטאַנציאַ באָווערליי, וועלכע געהט מיט

 איהם נאָך, איבערגעטהון אַלס פּאַזש; נאָר אין גיכען ווערט זי

איהם דערעסען און ער וויל מיט גוואַלט צווינגען איינע אַ יונגע אַדעליגע פרוי חתונה צו האָבען מיט איהם, וויסענדיג, אַז זי האָט ליעב אַ צווייטען. אויס אייפערזוכט און פערצווייפלונג מאַכט קאָנסטאַנציאַ אַנ׳אָנפאַל אויפ׳ן לעבען פון מאַרמיאָן; דאַן גיט ער זי אַרויס מיט קאַלטער אכזריות אַלס אַנטלאָפענע מנישקע דעם מאָנאַסטיר. זי ווערט פער׳משפט צום טויט, און אין אַ ראָמאַנטיש-שרעקליכער סצענע פון דעם סאָרט, וועלכע ער שילדערט אָפט אָהנ׳ברחמנות׳דיג, פייניגענדיג די נערוועז פון דעם לעזער, ווערט זי לעבעדיגערהייד איינגעמויערט אין אַנ׳אונטערערדישער הייהל. דאָ בעמערקט זיך נישט ביי סקאָט׳ן קיין פּראָבע קלאָר צו מאַכען דעם אינערליכען צושטאַנד פון זיינע העלדען; די פראַכט פון די כלי זין, דאָס פינסטערניש פון מאָנאַסטיר און די גענוי-בעשריבענע אַרכיטעקטור פון אַלטען שלאָס איז פאַר איהם וויכטיגער, ווי די פערשיעדענע איידעלע נשמה-איבערלעבענישען. און דאָך האָט ער אין „מאַרמיאָן״ געגעבען עטוואָס אַזוינס, וואָס דערמאָהנט די העלדען פון בייראָן. צי קלינגט דען נישט בייראָנ׳ס לירע אין פאָלגענדע ווערטער:

„מאַרמיאָן, וואָס זיין האַרץ און בליק זענען געבליבען נישט געבראָכען אין מאָמענט פון דער גרעסטער געפאַהר, וואָס האָט נישט אַריבערגעטראָגען קיין גאוה׳דיגען בליק אפילו פון קעניג, וואָס זיין שטים האָט הויך זיך געהערט אין לאַגער, בעפעלענדיג איבער די טאַפּפערסטע מענשען, האָט מיט אַמאָל פערלוירען די פעהיגקייט צו ריידען און דענקען. פערשעמט האָט ער אַראָבגעלאָזט די אויגען; אַ פאַרב האָט זיך בעוויזען אויף זיין שטערן, אויפעפענענדיג די ליידען פון אַ מענשען, וועלכער איז געשטאַנען ווי געטראָפען אין סאַמע מיטען האַרץ, אַ שווייגענדיגער, פערליערענדיג דעם מוטה אונטער דער לאַסט פון חרפה״?

זיינע געוויסענסביסע זענען געשילדערט אין פאָלגענדע ווערטער:

„חרטה! דו דרינגסט אַריין טיעף אין די בעהעלטענישען פון אונזער מוטה, אין אונזער שטאָלצען מוח. דו ביזט די פלאָג

און שרעק פון פערברעכער, די ביזע אין דערזעלבער צייט דער תלין פון מוטיגען!״

די דאָזיגע ווערטער זענען ווי דער פאַר-מוסטער פון יע-נעם בעריהמטען אָרט אין „האַיאור״, ווען דער גייסט, וואָס איז געפייניגט דורך די ליידען און בעוואוסטזיין פון שולד, ווערט פערגליכען מיט אַ סקאָרפיאָן, וועלכער שטעהט אַרומגערינגעלט אין פלאַמען און אין פערצווייפלונג ווענדט ער זיין גיפטיגען שפיץ אין זיין אייגען האַרץ.

פונקט ווי עס עקזיסטירט אַנ׳עהנליכקייט צווישען דער לאַגע און די חאַראַקטעריסטי׳שע אייגענטימ׳ליכקייטען פון מאַר-מיאָן און לאַראַ, אַזוי שטאַרבען זיי אויך אויף דעמזעלבען אופן, שטאָלצע אויך ביים טויט, אונגלויבענדע אין גאָט אויך אין דער לעצטער מינוט פון לעבען.

אָבער דערמיט איז די עהנליכקייט געענדיגט; עס איז דאָך אַ גענוג גרויסע עהנליכקייט, כדי קלאָר פעסטצושטעלען די אָרי-גינאַליטעט פון בייראָנ׳ען. פאַר סקאָט׳ן איז די פערזאָן פון מאַר-מיאָן נישט די הויפט-זאַך; ער בענוצט זיך מיט איהם נור צו-ליעב דעם, כדי צו גרופירען אַרום איהם די איבעריגע העלדען און די סיטואַציעס פון דער פערגאַנגענהייט פון זיין פאָטערלאַנד; די פעהלער פון דעם העלד זענען איהם נויטיג דערויף, כדי צו לאָזען אין גאַנג די האַנדלונג; אָבער זיי אינטערעסירען איהם נישט אַן-און-פאַר-זיך און ער שילדערט זיי גאַנץ נישט אינדי-ווידועל. דאַגעגען, ווען בייראָן שילדערט זיינע פערברעכערישע העלדען, וויל ער פריהער פון אַלץ אַרויסרופען אַנ׳אינטערעס צו זיי. שוין בלויז זייער אויסערליכקייט ערוועקט די אויפמערקזאַמ-קייט און מיטגעפיהל פון יעדען, וואָס האָט זיי בעגעגענט, און רופט-אַרויס אַ פאָרשטעלונג וועגען שטאָלץ, שולד, האַס און עקשנות; זיי לאָזען קיינמאָל נישט אַראָב די אויגען פאַר די בע-שולדיגער, ווי עס טהוט דאָס מאַרמיאָן; זיי לעבען ווי דער סקאָרפיאָן פון דער לעגענדע: אַרומגערינגעלט דורך אַ פלאַם פייער מיט דעם בעוואוסטזיין פון טויט אין זייער האַרצען. נישט געפינענדיג קיין טרייסט נישט אויפ׳ן הימעל, נישט אויף דער ערד, ווערען זייערע הערצער צונויפגעדריקט אין שטאָלץ און

אין לייד, ביז זיי הערען ענדליך נישט אויף צו קלאפען. האטש מארמיאן איז געווען א גרויזאמער, עגאאיסטישער ריטער, איז דאך זיין לעצטער געדאנק און לעצט ווארט געווען „ענגלאנד"; ער איז פערבונדען מיט עטוואס גרעסערעס און גאנצערעס, ווי זיין פערזענליך לעבען. גאנץ אנדערש זעהען אויס די ערשטע העלדען פון ביירָאנ'ען: זיי לעבען אינגאנצען אין זייער איבערליכען „איך", וואס איז א בעזונדער אבגעשלאסענע וועלט, און דער פאעט האט געזארגט וועגען דעם, אז ער זאל פארבייגעהענדיג צווינגען די לעזער צו גלויבען, אז אויך אין דער אייגענער נשמה פון אויטאר לעבט אזא איינגעשלאסענע פינסטערע וועלט. זיין „איך" זעהט זיך ארויס פון אונטער דעם געמאכטען „איך"; מען פיהלט אונטער דעם ווערק א הארץ, וואס ליידעט און זוכט צו פערלייכטערן זיינע ליידען אין א ביסעל השתפכות הנפש און אין פלוצלונג'דיגען טרויעריגען פאטאס. מיט איין ווארט, די פארשטעלונג איז פאלשטענדיג אנ'אינדיווידועלע און דערמיט הויבט זיך אן א גאנץ איבערקעהרעניש אין דער ענגלישער פאעזיע.

אין די ריין-עפּישע ליעדער פון סקאט האבען דעם אינטערעס ארויסגערופען נישט די הויפט-פערזאנען, נאר די געשילדערטע געשעהענישען, איבערהויפט די בעשרייבונג פון די שלאכטען אין דער לעצטער מלחמה, וועלכע די בעגייסטערטע קריטיק האט אנערקענט אלס די בעסטע בעשרייבונג זינט די צייטען פון האמער. און אויב דאס געדיכט איז געווען אנגעשריבען אזוי, אז עס האט געקאנט ארויסרופען ענטציקונג ביי די מעסיגע רוהיגע מיטבירגער פון סקאט, האט עס ארויסגערופען נישט וועניגער ענטציקונג אויך אין הויף. ביירָאן איז געווען גערעכט, זאגענדיג דעם פרינץ און רעגענט, אז סקאט זעהט איהם אויס ווי געבוירען אויף צו זיין דער פאעט פון די קיסרים; זיי האט מען קיינמאל נישט געשילדערט מיט שענערע פארבען, ווי אין „מארמיאן" אדער אין „די יונגפרוי פון דער אזערע". און ווירקליך געפינען זיך אין „מארמיאן" זאגאר אפענע אנצוהערענישען אויפ'ן פרינץ-רעגענט און זיין פרוי. דער פרינץ האט זיכער נישט געקאנט לייקענען אהן איבעריגער אויפרעגונג די בעשרייבונג, ווי

אַזוי דער קעניג דזשען געהט אַרויס אין אַ פּראַכטפולער פּאַראַד-אוניפאָרם.

„ער, דער גרויסער קעניג, איז געגאַנגען פאָראויס אין אַ קעניגליכער אוניפאָרם. זיין באַרכאַט-מלבוש, אַ רויטער, אַ פּראַכטפולער, איז געווען רייך אַרומגעזוימט מיט פוטער. זיין אַטלאַס-קאַפטאַן, אָבשפּיגלענדיג מיט פערשיעדענע שאַטירונגען פון פאַרבען, האָט ענטציקט און פערבלענדט די אויגען.”

אויך די פּרינצעסין אועלס, וועלכע איז אַרויסגעטריבען געוואָרען פון הויף און מיט וועלכער סקאָט האָט זיך בעקענט, ווען ער איז אין יאָהר 1806 געקומען קיין לאָנדאָן און געשפּיעלט אין לאָנדאָנער געזעלשאַפט די ראָליע פון אַ לייב און איז צוגעשטאַנען צו דער פּאַרטיי טאָרי, אויך זי האָט געקאָנט אָנווענדען צו זיך די בעשרייבונג פון דעם איינזאַמען לעבען, וועלכעס עס האָט געפיהרט די פערלאָזענע קעניגין מאַרגאַריטאַ, בעת דער ריטערליכער און לייכטזיניגער מאָנאַרך האָט פערבראַכט די צייט מיט זיינע געליעבטע.

„מאַרמיאָן”, וועלכער איז אָנגעהויבען געוואָרען אין 1806, איז ערשיענען אין 1808, און ווען סקאָט איז אין אַ יאָהר נאָך דעם ווידער געקומען קיין לאָנדאָן, האָט ער בעגעגענט אַזאַ אויפנאַהמע, וועלכע וואָלט אַנ'אַנדערן פערדרעהט דעם קאָפּ ביז שכרות. נאָר ער האָט געשפּיעלט זיין ראָליע פון אַ לייב מיט אַזאַ גוטמוטיגקייט און הומאָר, וועלכע מען בעגעגענט זעלטען ביי מענשען, וואָס מען נעהמט זיי אויף אַלס העלדען אין דער וועלט-רעזידענץ. מען דערצעהלט, אַז איינמאָל, נאָכדעם ווי סקאָט האָט אַ גאַנצען אָווענד געוויילט די גאַנצע געזעלשאַפט מיט זיינע ערצעהלונגען און שאַרפזיניגע איינפאַלען, און שפּעט ביינאַכט נאָכ'ן אָוועקגעהן פון די געסט איז ער געבליבען אַליין מיט עטליכע נאָהנטע פריינד, האָט ער אין שפּאַס איבערדעקלאַמירט אַ ציטאַטע פון שעקספּיר: „איך וויס, אַז איך בין נישט מעהר ווי דער שניידער שנוג, און נישט קיין ווילדער לייב.”

ער איז איבערהויפּט געווען אַזוי בעשיידען, אַז ווען מען האָט איהם איינמאָל פערגליכען מיט'ן פּאָעט בערנס, האָט ער אויפגע-

בראכט אויסגעשריען, אז ער פערדיענט נישט, מען זאל דערמאהנען זיין נאמען צוגלייך מיט׳ן נאמען פון בערנס.

נאר אויב סקאט איז געווען שטיל און בעשיידען אלס לייב, איז ער דערפאר געווען גרויזאם אלס טארי. זיין רייזע קיין לאנדאן האט ער געמאכט הויפטזעכליך צוליעב דעם, כדי צו בעקומען מיטארבייטער צו זיין „דריימאנאטליכער איבערזיכט", וועלכע ער האט געוואלט פיהרען אין א שטרענג קאנסערוואטיווען גייסט, און מעהר פון אלץ האט איהם אינטערעסירט די פראגע וועגען דער עמאנסיפאציע פון די קאטאליקען. ער האט בעהאט אזא מיינונג: אויב א רעליגיעזע סעקטע איז ארגאניש אייגג פערבונדען מיט די פאליטישע שטרעבונגען פון א פרעמדער מלוכה און איז אונטערגעווארפען דער השפעה פון די גייסטליכע, קאן מען נישט בעשולדיגען די מלוכה, ווען זי וויל נישט איבערגעבען די מלוכה-שטעלעס פאר די אנהענגער פון דער סעקטע: „ווען איינער וויל ארומשפאצירען מיט צוויי פונט פולווער אין קעשענע און איך בין צו-גוטמוטהיג, כדי ארויסצוטרייבען איהם פון מיין הויז, איז נאך דערפון נישט געדרונגען, אז איך דארף פאר איהם אבגעבען א פלאץ ביי מיר אין דער-היים." ער איז דאס גאנצע לעבען געבליבען ביי די דאזיגע מיינונגען און נאך מיט עטליכע טעג פאר׳ן טויט האט ער געזאגט זיין איידעם: „איך האלט דעם פאפיזם פאר אזא געפעהרליכען און נידריגען אבערגלויבען, אז איך וואלט זיכער נישט איינגעשטימט אבצושאפען די ענויים-שטראפען, וואס זענען געברויכט געווארען ביז 1780. נאר איצט, ווען מען האט אראבגענומען דעם באנד פון מויל פון דער באבילאנישער זינדערין, ווייס איך נישט, פארוואס מען צערעמאניעט זיך אזוי מיט דער פראגע וועגען צולאזען זי אין פארלאמענט!" זעלבסטפערשטענדליך, אז די ענגלישע געזעלשאפט האט זיך געגויטיגט אין אזעלכע פאעטען, ווי מור, בייראן און שעלי, ווען א מענש מיט אזא שכל און בילדונג ווי סקאט האט געהאט אזעלכע שענדליכע און בעגרענצטע גרויזאמע געדאנקען.

אין 1810 איז ערשינען „די יונגפרוי פון דער זעע". דאס

דאָזיגע געדיכט האָט געהאַט אַזאַ גלענצענדען ערפאָלג, ווי נאָך קיין איינציגעס פון סקאָט'ס ווערק. די פּראַכטפולע וואַלד- און בערג-פרישקייט, מיט וועלכער עס איז דורכגעדרונגען דאָס דאָזיגע פּראַכטפולע ווערק, די ווייכע וואַרימקייט, וואָס איז אויסגעגאָסען דאָרט, די אויפריכטיגקייט פון געפיהלען, וועלכע דערגרייכען אַמאָל ביז אַ שטורמישער ליידענשאַפט, דאָס גאַנצע נאַטור-בילד, וואָס ווערט קיינמאָל נישט פערדונקעלט, ווי ביי וואָרדסוואָרט'ן, דורך אויסדריקען סימפּאַטיע צו די מושב זקנים'ס און דורך מוסר-זאָגען, האָבען ווי בעצויבערט די לעזער-וועלט. די פּאָפּולאַריטעט פון פּאָעט האָט אַזוי ווייט זיך פערשפּרייט, אַז די פּאָסט-הכנסות פון די סטאַנציעס, וועלכע ליעגען נאָהנט צו דער געגענד, אין וועלכער עס קומט-פאָר די האַנדלונג, זענען געוואָרען דאָפּעלט גרעסער.

אַלס אַנ'ערגענצונג צו דעם דאָזיגען פאַקט, דאַרף מען זיך ווענדען צו די געשעהענישען פון סקאָט'ס פּערזענליכען לעבען. ווען עס איז אַרויס זיין ראָמאַן „אַנטיקוואַר”, וואָס איז זיך צוגאַנגען זיבט צוויי טעג אין 6000 עקזעמפּלאַרען, האָט זיך פערשפּרייט אַ קלאַנג, אַז סקאָט האָט אָנגערופען צוויי הינד פון דענדי דינמאָנט „פעפער” און „זענפט” לויט דעם נאָמען פון די הינד פון איינעם אַנ'אַרענדאַר אין לידלסדיל, וועלכער האָט געגעבען זיינע הינד אַזעלכע מאָדנע נעמען. דער דאָזיגער מענש, וועלכער האָט געהייסען דעווידסאָן און איז בכלל גאָרנישט געשילדערט געוואָרען אין דעם ראָמאַן, האָט בעקומען אַדאַנק דעם אַזאַ נאָמען, אַז פיעל זענען ספּעציעל געפאָהרען צו איהם, כדי צו זעהן איהם, און איינע אַנ'אַריסטאָקראַטישע דאַמע, וועלכע האָט געוואָלט בעקומען אַ פּאָר הינטלעך פון זיינע בעריהמטע הינד און נישט געוואוסט זיין פאַמיליע, האָט אַדרעסירט איהר בריעף צו דענדי דינמאָנט און דער בריעף איז אָנגעקומען.

„די יונגפרוי פון דער אָזערע” האָט בעגעגענט דיזעלבע וואַרימע אויפנאַהמע. אין אַ בריעף פון אַ שאָטלענדישען קאַפּיטאַן ווערט, צום ביישפּיעל, דערצעהלט, אַז דער קאַפּיטאַן האָט אין פּאָרטוגאַל אויף די וואַנפּאָסטען אונטער די פיינדליכע קוילען גע-

ליִיענט אויפ׳ן קוי, דאָס דאָזיגע געדיכט, שטעהענדיג אויף די קניה, בשעת זיין אָבטיילונג איז געלעגען מיט׳ן פּנים צו דער ערד, און בשעת ער האָט געליִיענט די בעשרייבונג פון אַ שלאַכט אין זיבעטען געדיכט, איז צווישען זיינע סאָלדאַטען געוואָרען אַ טויטע שטילקייט, וועלכע איז נור פון צייט-צו-צייט איבערגע-ריסען געוואָרען דורך דעם דונער פון די הורא-געשרייען, בעת די פראַנצויזישע קוילען זענען געפאַלען נישט ווייט פון זיי.

דער מאָדערנער אויסלענדישער לעזער וועט איצט געפינען אין דעם דאָזיגען געדיכט, איבערהויפּט אין די קלאָרע, לעבעדי-גע ליעדער, אַ נאַציאָנאַלען שטעמפּעל, אַ לויב-געזאַנג פאַר די נאַציאָנאַלע דענקמעלער און זיטען פון דער פעאָדאַלער עפּאָכע, פון דער קעניגליכער מאַכט, ווי אויך נאַטור-בעשרייבונגען, וואָס זענען בענעצט דורך פרישען טוי, ווי די ערצעהלונגען פון חרי-סטיאַן ווינטער, אָבער אָהן פערטיעפען-זיך אין דעם איבערליכען לעבען פון די געשילדערטע העלדען. דאָרט איז דאָ אַנ׳אַלטער באַרד מיט׳ן נאָמען אַללאַן, אַ ראָמאַנטישער זקן, אַ האַלבער דרו-איד, אַ האַלבער נביא, מיט׳ן נאָמען בריאַנד, ראָמאַנטישע חלומות, וואָס ווערען ערפילט, פּאָרויסזאָגונגען, וועלכע ווערען מקוים. אָבער דאָס אַלץ ווערט בעשריבען נישט ווי עטוואָס געהיימניס-פולעס, נאָר ווי נאַציאָנאַלע ערשיינונגען, וועלכע זענען טייער דעם האַרץ פון פּאָעט. אין סקאָט׳ס ראָמאַנען איז נישטאָ קיין שפּור פון דער ראָמאַנטיק פון שרעקליכע ערשיינונגען, אין וועל-כע סקאָט אַליין האָט אַבסאָלוט נישט געגלויבט. ער אַליין האָט געפונען אַ גרויס פערגניגען אין זיינע ערצעהלונגען וועגען גיי-סטער און רוחות, אָבער אין געגענטייל צו די דייטשע ראָמאַנ-טיקער איז ער געווען ווייט דערפון, זיך אונטערצוגעבען די איינ-דריקען פון שרעקליכע און געהיימניספולע ערשיינונגען. אין איין אָרט דערצעהלט ער, אַז איהם איז אַמאָל אויסגעקומען אין אָווענד אַריינגעהן אין אַ דאָרפישע אכסניה און דאָרט בעקומען אַנ׳ענטפער, אַז אַלע געלעגערס זענען פערנומען.—צי האָט איהר נישט קיין איין ווינקעל, וואו איך זאָל קאָנען איבערנעכטיגען?—

—ניין, עס איז דאָ נור איין-און-איינציג פריי בעט, אָבער עס

שטעהט אין אַ צימער, וואו עס ליעגט אַ טויטער.—דער דאָזיגער
הערר איז געשטאָרבען פון אַן׳אָנשטעקענדער קראַנקהייט?—ניין.—
גוט, גיט-זשע מיר דאָס דאָזיגע פרייע בעט אין זיין צימער.—
איך האָב זיך געלעגט שלאָפען, דערצעהלט סקאָט, און קיינמאָל
רוהיגער נישט געשלאָפען.—שמעלט זיך פאַר דעם פאָעט גאָוואַ-
ליס אָדער האָפמאַן אין אַזאַ לאַגע.

צוזאַמען דערמיט איז דער גייסט פון ראָמאַנטיזם אין דער
„יונגפרוי פון דער אָזערע" ווייט דערפון, וואָס שמעקט מיט אַלט-
קייט און שימעל פון דורות. אָבער דאָס מאַכט דאָס געדיכט פאַר
אונז איצט וועניג סימפאַטיש און די אַפעקטאַציע אין די בע-
שרייבונגען פון די זיטען און מנהגים זעהט אונז אויס טעאַטראַ-
ליש. אין דערזעלבער צייט האָט סקאָט אויך נישט געקאָנט אויס-
קומען אָהן דעם הויפט-עפעקט פון דער ראָמאַנטישער עפּאָפּעע,
דעם באַלעט. אַזוי, צום ביישפיעל, בעווייזט זיך דער באַלעט אויף
דער סצענע אין אויפרוף צו קריעג; נאָך דעם בעשרייבען גענוי
דעם מלחמה-רוף ווערט געשילדערט אַ יונגער בחור, וועלכער
געהט-אַרום איבער׳ן לאַנד מיט אַ ברענענדען פאַקעל. צוליעב
טעאַטראַלען עפעקט ווערט דאָ אַלץ דערפיהרט ביז עקסטרעמיטעט:
דער יונגער בחור בעגעגנט פריהער אַ לויה און רעדט-איין דעם
זוהן, וואָס איז פעהיג צו טראָגען געוועהר, צו פערלאָזען דעם
טויטען קערפּער פון פאָטער, דערנאָך בעגעגענט ער אַ חתונה-
פּראָצעסיע און נעהמט-אָב דעם חתן ביי דער כלה. אונז דאַכט
זיך, אַז מיר זעהען פאַר זיך אויף דער סצענע די פּראָצעסיע און
מיר זעהען דעם איינדרוק אויף דער מאַסע, בשעת דער נאַציאָ-
נאַלער שליח לויפט שנעל אַרויס פון הינטער די קוליסען,
אַלץ קומט דאָ פאַר ווי אויף דער סצענע: אַ פייף—און די פּו-
סטע טהאָלען און בערג ווערען איבערפולט מיט הונדערטער בע-
וואָפענטע מענשען; אַ מאַך מיט דער האַנד—און זיי פערשווינדען
ווידער. דאָס אַלץ זענען מיטלען צו ווירקען אויף דער מאַסע,
און מיר שפירען, אַז דער עיקר פאַר דעם פאָעט איז טאַקע אין
די דאָזיגע מאַסען, און נישט אין די איינצעלנע פערזאָנען. ער
וויל קודם כל און הויפטזעכליך שילדערן, ווי ווייט מעגליך

בולט'ער און קלאָרער, די שענע זייטען פון זיין לאַנד: אַנ'אויסלענדער נעהמט מען אָן גאַסטפריינדליך, נישט שטעלענדיג איהם קיין פראַגען; איינער פון די פיינד טיילט זיך מיט זיין מאַנטעל מיט'ן צווייטען בלויז צוליעב געפיהלען פון ריטערליכער איידעלקייט, בשעת זיין שונא איז שרעקליך אויסגעמאַטערט. ווייטער וויל דער פאָעט איבערראַשען דעם לעזער מיט די אונשולדיגע עפעקטען, מיט דער סצענע פון גלגולים א. אַ. וו. אַ בערגבעגלייטער, וואָס בעגלייט אויפ'ן וועג פיץ-דזשעמס'ן, ווייזט זיך פלוצלונג אַרויס אַלס דער גרויזאַמער אָנפיהרער פון קלאַן ראָדריק דו, און פיץ-דזשעמס ווייזט זיך ענדליך אַרויס אַלס נישט קיין אַנדערער, ווי דער קעניג אַליין. אָבער מיט וואָס פאַר אַ געזונטען, צאַרטען, פרעהליכען און ברייטען שטראָם שטראָמט דאָס דאָזיגע ליעב-געזאַנג לכבוד שאָטלאַנד און די שאָטלענדער! דער קעניג, אַ זעהר גייציגער, איז גובר זיין אייגענע ליידענשאַפט, און די איינוואוינער פון די בערג און טהאָלען, מענער און פרויען, האָבען אַלע די הערצער אויפ'ן ריכטיגען אָרט. מען שפירט אַ פערגניגען, צוזעהענדיג דאָס דאָזיגע בילד פון דער וועלט פון הארמאָניע און עס בענקט זיך נישט נאָך דער שטראָפענדער און מוסר-זאָגענדער פסיכאָלאָגיע פון וואָרדסוואָרט.

ווער עס וויל זיך בעקענען מיט דעם כאַראַקטעריסטישען פאַראַלעל צו דער „יונגפרוי פון דער אָזערע", זאָל איבערלייענען די עפאָפּעע פון וואָרדסוואָרט, וועלכע איז געגרינדעט אויף אַ באַלאַדע אין דער לעגענדען-זאַמלונג פון פערסי: „די ווייסע טויב פון רילסטאָן". די דאָזיגע עפאָפּעע איז אויך אָנגעהויבען געוואָרען אין 1809 און דאָרט געהט וואָרדסוואָרט אַריין אין גבול פון וואַלטער סקאָט, אויס קאָנקורענץ-געפיהל צום פאָעט. קיינער וועט נישט אָבלייקענען, אַז ביי וואָרדסוואָרט'ן איז דאָס געפיהל טיעפער. ביי זיין גאַנצער פעראַכטונג צו אַלע שרייענדע גוטע מדות און גלאַנצענדיגע בייזע מדות האָט ער זיך אויסגעקליבען אַ העלד, וועלכער, זייענדיג אַ געטרייער זוהן און העלדישער ריטער, זאָגט ער זיך אָב נאָכצוגעהן זיין פאָטער און ברודער, ווען זיי הויבען-אויף די פאָהן פון אויפשטאַנד געגען דער

ענגלישער קעניגין עליזאַבעט; פערשטויסען דורך זיינע אייגענע נישט האָבענדיג די מעגליכקייט איבערצולעבען מיט זיי צוזאַמען די אַלע געפאַהרען, מוז ער זעהן זייער מפלה אין שענדליכען טויט. וואָרדסוואָרט האָט בעשאָנקען זיין העלד מיט זעלבסט-אָפּפּערונג, פעסטקייט, האַרציגער גוטסקייט און טיעפער רעליגיעזיטעט, אָבער אין דעם געדיכט איז דאָ צו-פיעל פאַלשע טיעפזיניגקייט, אַפעקטירטע איבערנאַטירליכקייט און סענטימענטאַליטעט. סקאָט האָט געקוקט אויף דער נאַטור און אויף די פאַרצייטיגע זיטען מיט די אויגען פון אַ יעגער, וואָרדסוואָרט—מיט די אויגען פון אַ מאָראַליסט. דאָס שווער-בעלאָדענע פראַכט-שיף פון וואָרדסוואָרט געהט לאַנגזאַם, אָבשטעלענדיג זיך אַויפ׳ן וועג, בעת דאָס פּאָעטישע שיפעל פון סקאָט איז געשוואומען מיט׳ן פולען גאַנג, בעוועגענדיג זיך אויף לייכטע זעגעל, איבערלאָזענדיג אין דער פאַנטאַזיע פון לעזער נור לייכטע וואַסער-בלאָזען. און, ווי עס ווערט געזאָגט אין דריטען ליעד פון געדיכט וועגען שיפעל— עס איז געשוואומען שנעל און ווען עס איז צוגעקומען צום אַנטקעגענדיגען ברעג, „האָט נאָך קיין איינציגע פון די וואַסער-בלאָזען, וואָס ווערען אויפ׳ן וועג פון דורכגאַנג פון שיפעל, נישט בעוויזען צו פּלאַצען, און די בלאָזען האָבען זיך נאָך בעוועגט אויף דעם אויבערפלאַך פון די הוואַליעס”.

עס איז נישט שווער צו פערשטעהן, אַז די פּאָעטישע ווערק פון סקאָט מיט זייער ליידענשאַפט צו די ריטערליכע זיטען, צו דרייסטקייט און טאַפּפערקייט זאָגאַר ביי די רעוואָלוציאָנערע אָנפיהרער פון די קלאַנען, ביי די ים-רויבער, א. אַ. וו.— מיט איין וואָרט, מיט די אַלע סימפּאַטיעס, וועלכע בילדען דעם איבערגאַנג צו בייראָנ׳ס סימפּאַטיע צו דרייסטע און עקסטרעמע ערשיינונגען, האָבען פערמאָגט אין זיך איין זאַך, וואָס האָט זיי געמאַכט נישט אַנגענעהם פאַר די מאָראַליסטישע און רעליגיעזע פּאָעטען פון דער אָזערע-שולע. אַזוי, צום ביישפּיעל, האָט קאָלרידזש זעהר כאַראַקטעריסטיש בעשולדיגט סקאָט׳ן דערין, אַז ער „שטיצט די געפעהרליכע ליידענשאַפט צו אויפרייצענדע מיטלען, שילדערנדיג מיט סימפּאַטיע די פערדאָרבענע און שלעכטע מענ-

שען, אויב נור זיי זענען דרייסטע", און ער פערענדיגט זיין קריטיק מיט פאָלגענדע בייזע ווערטער: „אפילו צוואַנציג שורות פון סקאָט וועלען נישט איבערגעהן צו די קינפטיגע דורות; זיי שטעהען נישט אין צוזאַמענהאַנג מיט קיינעם". זיינע נביאות איז נישט מקוים געוואָרען.

דאָס יאָהר 1812 האָט געבראַכט מיט זיך די צוויי ערשטע ליעדער פון „טשיילד האַראָלד" און באַלד נאָכדעם בייראָנ'ס ריהרענדע בריעף צו סקאָט'ן מיט אויפריכטיגע ענטשולדיגונגען פאַר די מאוס'ע אָנפאַלען אויף איהם אין זיין סאַטירע: „די ענגלישע פאָעטען און די שאָטלענדישע רעצענזענטען". דאָרט האָט דער יונגער היציגער פאָעט בעשאָטען זיין עלטערן קאָלע-גע מיט חוזק און שפּאָט, נישט בלויז דערפאַר, וואָס זיין בע-ליעבטער העלד איז „אַ געמיש פון אַ בראַקאָניער, רויבער און גע-וועהנליכען נידערטרעכטיגען מענש", נאָר אויך דערפאַר, וואָס סקאָט האָט גענומען האָנאָראַר פאַר זיינע ווערק, געשריבען פאַר געלד און „געאַרבייט פאַר זיינע בעלי הבתים". בייראָן האָט אין דער פריהער יוגענד אויס שטאָלץ זיך אָבגעזאָגט צו נעהמען האָנאָראַר פאַר זיין אַרבייט, חאָטש ער האָט זיך דערין גענוי-טיגט, ביז ער האָט זיך ענדליך אויסגעלערנט, נאָך זיין צווייטען אָבפאָהרען פון ענגלאַנד, צו בעקומען גאַנץ בעדייטענדע הכנסות פון זיינע ווערק. אָבער שפּעטער האָט בייראָן פונקט אַזוי הייס בעדויערט זיין נישט-בעטראַכטען אָנפאַל אויף וואַלטער סקאָט, ווי פיעל אַנדערע עהנליכע טהאַטען זיינע, און די קורצע מחלוקת צווישען אָט די צוויי גרויסע מענשען האָט זיך פערענדיגט מיט זעהר הערצליכע בעציהונגען צווישען זיי. אויף דער שאַ-פונגס-טעטיגקייט פון וואַלטער סקאָט האָט „טשיילד-האַראָלד" גע-מאַכט אַ שטאַרקען און טיעפען איינדרוק. ער האָט קלאָר גע-זעהן, אַז אין פאָעטישער ערצעהלונג איז איהם אונמעגליך צו קאָנקורירען מיט בייראָנ'ען, און דעריבער האָט ער בעשלאָסען זיך פערנעהמען מיט אַנ'אַנדער פאָרם פון קונסט, און דאָ האָט ער באַלד איבערגעשטיגען אַלע זיינע קאָלעגען לויט דער מעדער אין גאַנץ איראָפּאַ.

זיינע אייגענע ערקלערונגען וועגען די סבות, צוליעב וועלכע ער האָט זיך גענומען צו אַ נייער פאָרם, ווי אויך זיינע בעמערקונגען וועגען בייראָנ׳ען, וואָס זענען פונאַנדערגעוואָרפען אין דער בעשרייבונג פון זיין לעבען, זאָגען עדות וועגען זיין איידעלער הומאַניטעט און סימפאַטישער גוטמוטיגקייט פון זיין כאַראַקטער. אין 1821 האָט ער געזאָגט זיינעם אַ פריינד: „איך האָב שוין לאַנג זיך אָבגעזאָגט צו שרייבען געדיכטען. איך בין געוועזען אַ זיעגער אויף דעם געביט און נישט געוואָלט דערלעבען צו דער נויטווענדיגקייט אָבצוטרעטען דעם וועג אַנ׳אַנדערן. די לאָגיק האָט מיר אונטערגעזאָגט, אַז איך דאַרף אָראָבלאָזען די זעגלען פאַר בייראָנ׳ס גרעסערן זשעני. ווען איך וואָלט וועלען בעקומען אַ רעפּוטאַציע פון אַ פּאָעט אָדער אייפערזיכטיג היטען די רעפּוטאַציע, וואָלט איך אפשר מיט דערזועלבער טאַפּפערקייט, וועלכע בייראָן האָט אַרויסגעוויזען ביי זיין ערשטער ערשיינונג, זיך געוואָרפען אין קאַמפף מיט איהם, אָדער וואָלט איבערראַשט דאָס פּובליקום, שפּיעלענדיג אַליין די ראָליע פון אַ שטאַרבענדען קעמפּפער; אָבער איך האָב בעסער געוואָלט זיך מודה זיין מיט דער אויפריכטיגקייט, וועלכע איהר זענט געוועהנט צו זעהן אין מיר אין פערלויף פון צוואַנציג יאָהר, אַז איך שפּיר זיך נישט גענוג שטאַרק דערצו.“ און ווען מען האָט איהם מיט אַ יאָהר פאַר זיין טויט געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט זיך אָבגעזאָגט צו שרייבען ליעדער, האָט ער אָפענהערציג געענטפערט: „דערפאַר, ווייל בייראָן האָט מיך בעזיעגט“, און ווען זיין מיטשפּרעכער האָט איהם געזאָגט, אַז ער קען אויסוויינינג אַזוי פיעל געדיכטען סקאָט׳ס, וויפיעל בייראָנ׳ס, האָט ער געזאָגט: „זעהר מעגליך, אָבער ער האָט מיך געצוואונגען אָבצוטרעטען פון דער אָרענע דורך זיינע בעשרייבונגען פון ליידענשאַפטליכע געפיהלען און דורך זיין טיעפער קענטניש פון מענשליכען האַרץ“. אויב דאָס דאָזיגע בעוואוסטזיין האָט אין דער ערשטער מינוט געקאָנט אַרויסרופען אַ ביטער געפיהל ביי סקאָט׳ן, האָט ער מיט פאָלקאָמען רעכט געקאָנט זוכען פאַר זיך אַ טרייסט אין דעם געדאַנק, וועלכען ער האָט אַרויסגעזאָגט אין אַ צווייטען פאַל: „אויב איך

האָב געהאַט אַ סבה זיך נעהמען צום האַרצען דעם פאַקט, וואָס די ענטוויקלונג פון זיין זשעני האָט מיך געצוואונגען אָבצוטרעטען אויף אַ צווייטען פּלאַן, האָב איך זיך שטענדיג געטרייסט מיט דעם געדאַנק, אַז דערפאַר אָבער האָט די נאַטור מיך בעשאָנקען מיט מעהר פעהיגקייט צו אמת'ן גליק".

פון „וואָווערליי", וואָס איז ערשיענען אָהן נאָמען פון אויטאָר אין פעברואַר 1814, הויבט זיך אָן אַ לאַנגע רייה פון בעריהמטע ראָמאַנען, וואָס האָבען געמאַכט סקאָט'ן און זיין פאָטערלאַנד בעריהמט אין דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט. דאָס ערשיינען פון די ראָמאַנען איז אויסגעפאַלען אין דער צייט, ווען די ענטוויקלונג פון נאַציאָנאַלען שטאָלץ האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה, אַדאַנק דעם שליסען שלום מיט פראַנקרייך און די האָפנונגספולע פּערספּעקטיווען אויף דער צוקונפט. די דאָזיגע ווערק זענען נישט געווען, ווי די ווערק פון גרעסערע פּאָעטען, געטע און שילער, פּראָדוקטען פון פערשיעדענע שטופען פון ענטוויקלונג אָדער פון פערשיעדענע סטאַדיען פון ציוויליזאַציע; זיי זענען אויך נישט געווען קיין פּראָדוקטען פון גרויסע, פּערזענליך-דורכגעלעבטע געשעהענישען; דאָס זענען געווען גאַנץ געוועהנליכע פּראָדוקטען פון אַנ'אונערשעפּטער דערצעהלערישער בעגאַבונג און אויסערגעוועהנליכער פעהיגקייט צו חאַראַקטעריסטיקעס. זיי וויזען-אָן אויף אַן אונגעוועהנליכען פּראָגרעס אין צוויי ריכטונגען: אין אויפנעהמען היסטאָרישע ערשיינונגען און אין שילדערן דאָס לעבען פון מיטעלשטאַנד.

בעת די היסטאָריקער פון 18-טען יאָהרהונדערט, וואָס זייער אידעאַל איז געווען צוגעפּאַסט צו דעם אידעאַל פון זייער עפּאָכע, האָבען געמיינט, אַז זייער ענטוויקלונג געהער-אָן מעהר צום געביט פון רעדנער-קונסט, איידער צום געביט פון פּאָעטישער קונסט, און האָבען דעריבער מיט פאָלקאָמען רעכט זיך פערנומען מיט בעשרייבען די לאַגע פון דער מלוכה און דער ציוויליזאַציע, נישט לעגענדיג קיין אַכט אויף די קלימאַטישע בעדינגונגען, אויף דער ווירקונג פון די געאָגראַפישע בעציהונגען און אויף די עטנאָגראַפישע סבות, ווייל דאָס פאָלק, אַלס פאָלק אַליין, האָט

זיי אַבסאָלוט נישט אינטערעסירט,—האָט וואַלטער סקאָט, אַלס היסטאָרישער ראָמאַניסט, געשטרעבט קודם כל צו געבען אַ קלאָר בילד פון אַ בעשטימטער עפּאָכע און פון די אייגענאַרטען פון אַ בעשטימט לאַנד, און נישט געהאַט קיין שום תאוה אויסצופּוצען זיינע העלדען אין מאָדערנע קליידער, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס טיעף אין האַרצען האָט ער שטענדיג מעהר ליעב געהאַט דאָס פאַרביגע לעבען פון דער פערגאַנגענער צייט, איידער דעם אונפאַרביגען חאַראַקטער און שכל הישר פון זיין אייגענער עפּאָכע.

שאַטאָבריאַן האָט נאָך מיט עטליכע יאָהר פריהער, אין „די מערטירער”, געמאַכט די ערשטע פּראָבע צו מעסטען יעדע עפּאָכע מיט איהר אייגענער מאָס און בעשרייבען דעם חאַראַקטער פון דער אַלטער צייט אין העלע, לעבעדיגע בילדער. אָבער דאָך איז וואַלטער סקאָט דער ערשטער ערפינדער און מאַלער פון יענע אָרטיגע קאָלאָריטען אין דער פּאָעזיע, וועלכע האָבען געדיענט אַלס יסוד פאַר דער גאַנצער ראָמאַנטישער עפּאָכע אין פראַנקרייך, און האָט שוין פון דער ערשטער בעקאַנטשאַפט אָן געהאַט אַ בעצויבערנדען איינפלוס אויף מערימע, הוגאָ און גאָטיע. אַדאַנק זיין היסטאָרישען זין איז ער נישט בלויז געוואָרען דער אָנפיהרער פון אַ גאַנצער פּאָעטישער שולע, נאָר דורך זיינע איינפאַכע ראָמאַנען געהאַט אויך די גרעסטעווירקונג אויף דער היסטאָריאָגראַפיע פון 19-טען יאָהרהונדערט. מען דאַרף נישט פערגעסען, אַז טאַקע וואַלטער סקאָט'ס ראָמאַן „אַייוועגגאָ” מיט זיין שילדערן דעם קאַמפף צווישען די נאָרמאַנען און די זאַקסען האָט אַרויסגעפיהרט דעם היסטאָריקער טיערי אויף דעם געדאַנק, אַז אונטער די העלדען-טהאַטען פון הלאָדוויג, קאַרל דעם גרויסען און הוגאָ קאַפּעט האָט זיך בעהאַלטען, אַלס די אמת'ע סבה פון די דאָזיגע אַלע געשעהענישען, דער ראַסען-קאַמפף צווישען די גאַלען און פראַנקען. דער דאָזיגער פּאָעט, וואָס זיין בליק איז נישט אַריינגעדרונגען אין דער טיעפעניש פון יעדער בעזונדערער מענשליכער נשמה און וועלכער איז אין דער עפּאָכע פון דער בעפרייאונג פון דער פּערזאָן געווען אין פיעל הינזיכטען געבונ-

זיען און בעגרענצט דורך זיין ליעבע צום פאָטערלאַנד, איבער-
געגעבענקייט צום קעניג און טיעפער רעליגיעזיטעט, האָט אָבער
אַדאַנק זיין שטאַרקען נאַטוראַליזם בעזעסען אַ ריעזיגע פעהיגקייט
צו בעאָבאַכטונג און צו ענטדעקען דעם הויפט-נערוו פון די לע-
בענס-ערשיינונגען, ווי נור ער האָט גענומען דעם מענש נישט
אַלס פערזאָן, נאָר אַלס מיטגליעד פון שבט, פאָלק, שטאַם אָדער
ראַסע. זעענדיג שטענדיג געוועהנט צו דענקען וועגען די גע-
גענזעצען צווישען די שאָטלענדער און די ענגלענדער, האָט ער
ווי דורך אַ רוח הקודש לייכט בעשטימט די בעדייטונג פון די
ראַסען-געגענזעצען צווישען די אַנגלאָ-זאַקסען און נאָרמאַנען און
דעריבער האָבען זיינע בעשרייבונגען דיזעלבע גרויסע בעדייטונג
פאַר דער ערקענטניש פון דער פאָלקס-פסיכאָלאָגיע, פונקט ווי די
בעשרייבונגען פון בייראָנ'ען האָבען אַ בעדייטונג פאַר דעם פאָר-
שער פון דער פסיכאָלאָגיע פון אינדיווידואום.

דערביי דאַרף מען נאָך נעהמען אין אַכט די וויכטיגע בע-
דייטונג פון די דאָזיגע בילדער, אַלס בעשרייבונג פון אַלע פער-
שיעדענע שיכטען פון דער בירגערליכער געזעלשאַפט, לויט ווי
זיי שפּיגעלט זיך אָב אין זייערע אָנגעזעהענע און טיפּישע פאָר-
שטעהער. בעת די ראָמאַנען פון פאָריגען יאָהרהונדערט זענען
פול מיט טראַקטיר-סצענעס, ווערט דאָס פּריוואַטע לעבען פון די
בירגער ביי סקאָט'ן געשילדערט אין דער ברייטסטער איינפאַכ-
קייט. די בעדייטונג פון זיינע ווערק האָט זיך נאָך פערגרעסערט
אַדאַנק דער אונגעוועהנליכער קראַפט פון רעאַליזם, מיט וועלכער
עס איז געשילדערט יעדע פּערזאָן. די ענגלענדער האָבען שטענ-
דיג צוגעגעבען אַ בעזונדערע בעדייטונג דער פעהיגקייט פון
פּאָעט צו שילדערן מיט העלע קלענסטע דעטאַלען, אַזוי אַז דאָס
בילד זאָל בולט שטעהן פאַר די אויגען. זייער געזונטען פער-
שטאַנד געפעלען די שאַרפע, בולט'ע אויסדריקען. זיי האָבען
ליעב, אַז די פּאָעטישע בילדער זאָלען זיין געשילדערט מיט הע-
לע פאַרבען און זיך וואַרפען אין די אויגען, ווי הערבען, וואָס
זענען אויסגעמאָלט אויף די שלעמען. די דאָזיגע ליידענשאַפט
זייערע האָט סקאָט, אַלס ראָמאַניסט, פאָלקאָם בעפריעדיגט. מען

האָט איהם גערן מוחל געוועז די לאַנגווייליגע אריכות פון זיינע בעשרייבונגען און דיאַלאָגען, ווייל אַדאַנק דעם קאָנצענטרירען איין שטריך נאָכ'ן צווייטען, אָדער אָהן אויפהער איבער'חזר'ן דיזעלבע כאַראַקטעריסטיקעס, זענען די בילדער געוואָרען מעהר רעליעף. אויב די פאָרם פון דער ערצעהלונג איז אפילו לאַנג-ווייליג, איז ער דאָך איינער פון די גרעסטע קינסטלער, וואָס האָבען ווען-עס-איז געלעבט אויף דער וועלט. אַזאַ פרויען-בילד, ווי דיאַנאַ ווערנאָן אין „ראָב-ראָי" אָדער דזשעני דינס אין „עדינבורגער תפיסה", אַזאַ היסטאָרישע פערזאָן, ווי לודוויג XI אין „קווענטין דיורוואַרד" שטעהען אויף דער הויך דערפון, וואָס איז ביז איצט דערגרייכט געוואָרען אויפ'ן געביט פון ראָמאַנען.

אָבער אין דער פאָרם פון ערצעהלען פון די דאָזיגע ראָמאַנען בעמערקט זיך פון אָנהויב אָן איין פעהלער, וועלכער איז שפּעטער איבערגעגאַנגען צו אַ גאַנצער רייה טאַלענטפולע ראָמאַניסטען: די נישט-קינסטלערישע שנעלקייט פון דער אַרבייט, ביי וועלכער די פּאָעטישע שאַפונג, וואָס האָט געהאַט אין זין די ריעזיגע האָנאָראַרען, איז געוואָרען אַ מין פאַבריקאַציע. שוין אין 1809 איז סקאָט אַריינגעטרעטען אין בעציהונג מיט אַ שאָטלענדישער פירמע, באַלאַנטין, וועלכע האָט געדרוקט און אַרויסגעגעבען פאַר איהם די „דריימאָנאַטליכע איבערזיכט"; אַלס ראָמאַניסט איז ער אַריינגעטרעטען אין אַ פאָרמעלע קאָמפּאַניע מיט דער דאָזיגער דרוקעריי און פערלאַגס-פירמע, וועלכע איז צום אומגליק געוועזן מעהר אונטערנעהמעריש, ווי פאָרזיכטיג. פון דעמאָלט אָן האָט ער אָנגעהויבען שרייבען מיט אַ לעגענדאַרישער שנעלקייט. „גיואי מאַנערינג" איז אָנגעשריבען געוואָרען און אָבגעדרוקט אין 25 טעג; נאָכדעם האָט סקאָט זיך פערפליכטעט צו צושטעלען יעהרליך דורכשניטליך צו 12 בענדער; פערענדיגען ביז מיטאָג 40 זייטען איז געוועזן פאַר איהם אַ געוועהנליכע פאַר-מיטאָג-אַרבייט. דער אָבזאַץ איז געוועזן אַזוי גרויס, ווי די פאַבריקאַציע: 10.000 עקזעמפּלאַרען פון „ראָב-ראָי" זענען אויספערקויפט געוואָרען אין 5 וואָכען, און די איבעריגע ראָמאַנען זענען נאָך מעהר פערקויפט געוואָרען. אין איין 1822 האָט סקאָט

אַרויסגעלאָזט 145.000 עקזעמפּלאַרען פון זיינע פריהעריגע און נייע ראָמאַנען. די האָנאָראַרען זענען געוואַקסען צוזאַמען מיט'ן אָבזאַץ: פאַר די ערשטע צוויי אויפלאַגען פון „נאַפּאָלעאָנ'ס ביאָגראַפיע" האָט סקאָט בעקומען 18.000 פונט שטערלינג, און זיין יעהרליכע הכנסה פון האָנאָראַרען האָט אין 1826 בעטראָפען ווע־ניגסטענס 200.000 דענישע קראָנען. ער האָט פערנוצט דאָס דאָזיגע געלד אויף צו פערגרעסערן זיין גוט אַבאָטספאָרד און אויף אויסבויען אַנ'אמת'ן פּאַלאַץ, וואו ער האָט מיט פירשט־ליכער גאַסטפריינדליכקייט אויפגענומען מאַסען בעזוכער, וועלכע האָבען פערפולט זיין הויז און פלעגען זיך בעזעצען ביי איהם אויף אַ לאַנגער צייט. זיין נאָמען און פּאָפּולאַריטעט זענען אַלץ געוואַקסען.

בשעת זיין טריאומף־רייזע קיין לאָנדאָן אין 1815, ווען מען האָט איהם אַרויסגעוויזען גרויס כבוד נישט בלויז אַלס פּאָעט, נאָר אויך אַלס פּאַטריאָט, אַלס אַנ'אָנגעזעהענעם בירגער פון עדינבורג, וועלכער האָט זיך בעריהמט געמאַכט מיט זיין פייערדיגער שנאה צו נאַפּאָלעאָנ'ען, איז ער פאָרגעשטעלט געוואָרען פאַר דעם פּרינץ־רעגענט, וועלכער האָט איהם בעשאָטען מיט מתנות און ליעב. וועגען דעם דאָזיגען וויזיט איז פערבליבען אַנ'אַנעקדאָט, וועלכער גיט אַ געוויסע פאָרשטעלונג וועגען דעם, דורך וועלכען מין שאַרפזין האָט דער פּרינץ געקאָנט אויף אַ קורצער צייט קויפען די סימפּאַטיע און צוציהען צו זיך די הערצער. איינמאָל האָט דער פּרינץ־רעגענט געגעבען אַנ'אָוועגד, אויף וועלכען סקאָט, אַלס חשוב'ער גאַסט, האָט בעדאַרפט, נישט אָבשטעלענדיג זיך, דערצעהלען עפּיס, בשעת דער פּרינץ האָט זיך בעמיהט דורך וויצען דעמאַסקירען איהם און צווינגען זיך מודה צו זיין, אַז ער איז דאָס וואַלטער סקאָט. סקאָט האָט געשיקט זיך אויסגעדרעהט און, ענדליך, כדי אויסצומיידען ווייטערדיגע פראַגען, אָנגעהויבען דערצעהלען אַ ווירקליכען פאַקט, וואָס איז געשעהן מיט זיינעם אַנ'אַלטען בעקאַנטען, הויפּט־ריכטער בראַקספילד, וועלכער פלעגט בשעת זיינע סעסיע־רייזען זיך שטענדיג אָבשטעלען נעכטיגען ביי איינעם אַ רייכען גוט־בעזיצער, וואָס

איז געווען, פונקט ווי דער ריכטער, אַ ליידענשאַפטליכער שאַכמאַטיסט און פלעגט אַמאָל אָבלעגען אַ נישט-פערענדיגטע פּאַרטיע פון איין יאָהר אויפ׳ן צווייטען. דער גוט-בעזיצער איז בעגאַנגען אַ שווער פערברעך און אויפ׳ן גורל פון בראַקספילד איז אויסגעקומען די פליכט צו ערקלער׳ען דעם טויט-אורטייל איבער זיין פריינד און פּאַרטנער. ער האָט אָנגעטהון אויפ׳ן קאָפּ דאָס שוואַרצע היטעלע און איבערגעלייענט דעם טויט-אורטייל, וועלכער ענדיגט זיך מיט די ווערטער: „און וועסט אויפגעהאַנגען ווערען פאַר׳ן קאָפּ, און וועסט בלייבען הענגען, ביז דו וועסט נישט שטאַרבען.״ ער האָט אַרויסגעזאָגט די דאָזיגע טרויעריגע ווערטער מיט דער נויטיגער פייערליכקייט, דערנאָך אַראָבגענומען פון קאָפּ דאָס ריכטער-היטעלע און צוגעגעבען מיט אַ ביטרע שמייכעלע, שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ צו זיין פּאַרטנער: „און איצט, דאָנאַלד, מיין פריינד, האָב איך, דאַכט זיך, שוין אויף אייביג דיך געמאַכט שאַך און מאַט!״ אין דערזעלבער מינוט האָט דער פרינץ-רעגענט אויסגעשריען: „זאָל לעבען און זאָל לעבען און זאָל נאָכאַמאָל לעבען דער אויטאָר פון „וואַווערליי״! לאָמיר אויסטרינקען פאַר׳ן געזונד פון אויטאָר פון „מאַרמיאָן״!״ דערנאָך, וואַרפענדיג אַ בליק אויף סקאָט׳ן, וועלכער איז געזעסען אין פערלעגענהייט, האָט ער צוגעגעבען: „און איצט, וואַלטער, מיין פריינד, האָב איך, דאַכט זיך, אויף אייביג דיך געמאַכט שאַך און מאַט!״

„עדינבורגער תפיסה״—אַ פעריל צווישען די ווערק פון וואַלטער סקאָט—איז ערשיענען אין 1818; דאָס דאָזיגע בוך האָט איהם דערפיהרט צו דער העכסטער שטופע. דערנאָך איז ערשיענען „אַייווענגאָ״, וועלכע האָט אַרויסגערופען אַ גאַנצען שטורם פון קאָמפּלימענטען. ווי וועניג סקאָט האָט געדאַרפט נעהמען פון דער וועלט פון דער ווירקליכקייט, כדי צו שאַפען זיינע היסטאָרישע ווערק, קאָן מען זעהן פון דעם דאָזיגען מייסטערהאַפטען ראָמאַן. אַ געוויסער סקען, וועלכער איז צוריקגעקומען אַהיים פון זיין רייזע איבער דייטשלאַנד, האָט דערצעהלט סקאָט׳ן אייניגע זאַכען וועגען דער יודישער לאַגע אין דייטשלאַנד, וועגען די 186

אָריגינעלע יודישע מלבושים און זיטען, וועגען דער אכזריות'דיגער בעהאַנדלונג צו יודען. דאָס איז פאַר סקאָט'ן געווען גענוג, כדי צו שאַפען אַ קלאָר בילד פון די העלדען יצחק און רבקה. אויב ער האָט אין פריוואַטען לעבען אַרויסגעוויזען עקסטע בעגרענצטקייט, ווי נור עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען די פּאָליטישע רעכט פון די פעלקער, וועלכע האַלטען זיך נישט ביי דער הערשענדער רעליגיע, איז עס פאַר איהם, אַלס פּאָעט, נאָך מעהר כבוד, וואָס ער האָט אויסגעקליבען אַ יודישע טאָכטער אַלס העלדין פון זיין ראָמאַן און האָט זי בעשאָנקען מיט אַזאַ אונדערגרייכבאַרער, אידעאַלער און דאָך נאַטירליכער שענקייט.

אין 1823 האָט ער אָנגעשריבען „קווענטין דורוואַרד", מיט וועלכען ער איז צום ערשטען מאָל אַרויסגעטראָטען אויף פאַר דער פרעמדער וועלט. דער דאָזיגער ראָמאַן האָט פערגרעסערט דעם רוהם, וועלכען סקאָט האָט שוין געהאַט אין ענגלאַנד און אין אַמעריקאַ, פערשפּרייטענדיג זיין נאָמען אויך איבער פראַנקרייך, דייטשלאַנד און איטאַליען. פאַר סקאָט'ן איז געווען גענוג סקען'ס טאָגבוך פון פראַנקרייך, כדי צו מאַכען דערפון אַ גלענצענדען ראָמאַן.

סקאָט'ס נאָמען איז איצט געווען בעריהמט איבעראַל: ער איז געווען בעקאַנט אפילו צווישען די סאַמע אונגעבילדעטסטע ענגלענדער. בשעת דעם שרעקליכען געדראַנג, וואָס איז פאָרגעקומען אויף די גאַסען צוליעב די קרוין-פייערונגען, איז דאָס לעבען פון סקאָט עטליכע מאָל געשטאַנען אין סכנה, איבערהויפּט וויל ער איז געווען אַ הינקענדיגער. קומענדיג אויפ'ן פּלאַץ, וואו עס איז געשטאַנען אַ קאָרדאָן שאָטלענדישע גוואַרדיע-דראַגונער, האָט סקאָט זיך געווענדט צו איינעם פון די אונטער-אָפיצירען מיט אַ ביטע דורכצולאָזען איהם אויף אַ פריי אָרט אונטער דעם קאָרדאָן. דער אונטער-אָפיציר האָט איהם האַרט געענטפערט, אַז ער האָט שטרענגע בעפעהלען און אַז דאָס איז אונמעגליך. אין דעם מאָמענט האָט איינער פון די בעגלייטער פון פּאָעט, בעמערקענדיג, אַז עס קומט-אָן אַ נייע וואַליע צושויער, אויסגעשריען: „סער וואָלטער סקאָט, זעגט פּאָרזיכטיג!"

אי נור דער דראגונער האט דערהערט דעם דאזיגען נאמען, האט ער אויסגעשריען: „ווי? סער וואלטער סקאט! ער קאן פריי דורכגעהן אומעטום!"—און, ווענדענדיג זיך צו די חברים, האט ער געזאגט: „מאכט א וועג, ברידער, פאר סער וואלטער סקאט! זאל איהם גאט בענשען!" שווער זיך פארצושטעלען א גרעסערע שמחה פאר דעם פאעט, ווי אזא פערעהרונג פון פראסטע מענשען.

אינ׳ם יאהר 1826 איז פארגעקומען אנ׳איבערקעהרעניש אין לעבען פון פאעט. די פערלאגס-פירמע, אין וועלכער ער איז געווען א שותף, האט באנקראטירט און צו דער שרעק פון סקאט, וועלכער האט זיך שטענדיג אויסגעצייכענט מיט גרויסער פינקטליכקייט אין עקאנאמישע און אין פריוואטע זאכען, האט זיך ארויסגעוויזען, אז זיין חוב בעטרעפט א ריעזיגע סומע פון 117.000 פ. שטערלינג. ער האט מוטהיג אריבער־געטראגען זיין קראך. די קעניגליכע באנק האט איהם צוגעשיקט א דעפוטאציע מיט א מעלדונג, אז זי שטעהט איהם אין אלע הינזיכטען צו דיענסט. סקאט האט דעם פארשלאג נישט אנגענומען. איהם האט מען דערלאנגט אנ׳אנאנימע מתנה—30.000 פ. שטערלינג, ער האט נישט געוואלט אננעהמען. מיט א העלדישען מוטה האט ער בע-שלאסען צו מאכען א פערצווייפעלטע פראבע—בעצאהלען מיט דער פעדער דעם גראנדיעזען חוב און נישט רוהען אזוי לאנג, ביז איהם וועט זיך נישט איינגעבען צו ערפילען אלע התחיבות׳ן, וועלכע מען האט איהם אנגעווארפען אויף זיינע פלייצעס אדאנק דער לייכטזיניגקייט און אונארדנונג פון אנדערע. עס איז באכ-דעם שוין קיין וואונדער נישט, וואס די ווירדע פון זיינע ווערק האט פון דאן אן אנגעהויבען אלץ שטייגען! דער אומגליקליכער שריפטשטעלער האט געשלאסען קאנטראקטען אויף ביכער—אזוי פיעל און אזוי פיעל ראמאנען אין א יאהר,—וואס נישט זייער אינהאלט און נישט זייער נאמען זענען איהם נאך בעקאנט געווען.

פונקט אין דער דאזיגער אומגליקליכער צייט, אין עטליכע מאנאטען נאך זיין באנקראט, איז געשטארבען זיין הייס-געליעבטע פרוי; זיינע געשעפטען האבען איהם נישט ערלויבט אפילו זיצען ביי איהר קראנקען-בעט. ער האט געשריבען און געשריבען,—

אַ האַלבער באַנד פון זיין בוך „וואודסטאָק" איז געענדיגט געוואָרען אין פיער טעג — בשעת די קרעדיטאָרען האָבען איהם געשטורמט פון אַלע זייטען. וואַלטער סקאָט, וואָס זיין הויז איז פריהער געווען פול מיט געסט פון אין-דער-פריה ביז ביי-נאַכט, האָט איצט פערבראַכט די צייט אין פאַלקאָמער איינזאַמקייט. קאַפּיטאַן באַזיל האַל שילדערט דעם שווערען איינדרוק זיינעם פון זיין בעזוך ביים אָרימען שריפטשטעלער, ווען ער האָט דערזעהן, אַז דערזעלבער מענש, וועלכער איז ערשט נישט לאַנג געזעסען ביים טיש מיט זיין פרוי ווי-זאַ-ווי, אַרומגערינגעלט מיט אַ גאַנצער רייה אייגענע און בעקאַנטע, איז איצט געזעסען ביי זיין טישעל איינגאַנצען איינזאַם.

ווען מיר זאָלען פון דער הויך פון אונזער צייט אַראָבקוקען אויף דעם צווייטען פעריאָד פון וואַלטער סקאָט'ס קינסטלערישער טעטיגקייט, אויף דעם פעריאָד פון פּראָזע, און דער לאַנגער רייה אָנגעשריבענע ראָמאַנען, וועלען מיר נישט זיין אימשטאַנד צו זעהן זיי אין דער שיין, אין וועלכער זיי האָבען זיך בעוויזען פאַר די מענשען פון יענער צייט. מיר פערשטעהען, אַז די ראָמאַנען האָבען בעדאַרפט זיי בעפריעדיגען, ווייל מיר ווייסען, אַז זיי האָבען נישט ערוועקט אין קיינעם קיין אונאַנגענעהמע געפיהלען, נאָר זענען שטענדיג מיט פרייד בעגריסט געוואָרען, נישט בלויז אַלס פּאָעטישע ווערק, נאָר אויך אַלס ווערק פון מאָראַלישען איינהאַלט. אָבער טאַקע דערין איז די סבה, פאַרוואָס פאַר אונז האָבען זיי ווייניגער אינטערעס. וועגען דער היינטיגער ליטעראַטור קאָן מען אָהן שום גוזמא אָננעהמען דעם כלל, אַז אַ שריפטשטעלער דאַרף געהאַלטען ווערען פאַר אונמאָראַליש און אַרויסרופען אויפרעגענדע געפיהלען ווייניגסטענס אין איין דור פון זיינע צייט-גענאָסען, אַנדערש וועט ער אויסזעהן לאַנגווייליג און בעגרענצט אין די אויגען פון די קומענדיגע דורות. די פעהלער פון סקאָט'ס ראָמאַנען וואַרפען זיך אונז איצט אין די אויגען, זיי געפעלען דעם לעזער מיט דער געוויסענהאַפטיגקייט פון זייער כאַראַקטעריסטיק, מיט דער לעבעדיגקייט פון די דיאַלאָגען, אָבער זיי בעפריעדיגען נישט דעם שכל, בריינגען ניש די גע-

פיהלען אין שטאַרקער בעוועגונג, שטרענגען זאָגאַר נישט אַן די
ביגירדיגקייט. זיי זענען ליריש, אָבער אָהן אַנ׳אידעע. מען שפירט,
אַז סקאָט, אַלס פּאַטריאָטישער פּאָעט, האָט זיך געשטעלט די
אויפגאַבע צו דערוועקען דאָס אינטערעס צו זיין לאַנד, נאָכדעם
ווי מאַקפערסאָן און ביאָרנס האָבען געהאַט צוגעצויגען די אויפ-
מערקזאַמקייט פון פּובליקום צו דעם לאַנד. דעריבער שרייבט ער
אַזוי, אַז ער זאָל נישט אָבשטויסען קיינעם פון די לעזער, אפילו
דעם בעגרעניצסטען. אַזוי ווי עס פעהלען איהם קינסטלערישע
תאוות, בעריהרט ער די געשלעכטס-בעציהונג אַזוי פּאָרזיכטיג,
אַז ביי איהם זענען כמעט נישטאָ קיין עראָטישע בעשרייבונגען.
און אַזוי ווי דער מוסר השכל איז פאַר איהם געווען וויכטיגער,
ווי די קונסט, האָט ער, שילדערנדיג די אַלטע גוטע צייט, אַזוי
שטאַרק ווייך געמאַכט די בייזע, גראָבע עלעמענטען פון דער
צייט, אַז ער האָט אָפט געזינדיגט געגען דער היסטאָרישער ריכ-
טיגקייט. דער קינסטלערישער זשאַנר, וועלכען ער האָט איינגע-
פיהרט און וואָס איז געווען אַזאַ בעדייטענדער פּראָגרעס אין
פערגלייך מיט די פריהערדיגע ראָמאַנען, איז שוין פאַר אונזער
צייט צו-אַלט; אין גאַנץ אייראָפּאַ הערשט די מיינונג, אַז דער
היסטאָרישער ראָמאַן איז, נישט קוקענדיג אויף אַלע זיינע מעלות,
שוין אַנ׳אָבגעלעבטע זאַך, דערפאַר ווייל ער איז אָדער צו-פיעל
בעלאַסטעט מיט דעם היסטאָרישען מאַטעריאַל, אָדער, פערקעהרט,
בעגעהט זיך מיט די היסטאָרישע פאַקטען אַזוי פריי, אַז דער
צוזאַמענמיש פון אמת׳ע און אויסגעטראַכטע עלעמענטען מאַכט
אַנ׳איינדרוק פון זעהר אַ נישט-האַרמאָנישען גאַנצען. אַזוי אונ-
אַנגענעהם ווירקט אויך די פאָרם, לויט וועלכער, צום ביישפּיעל,
אין צעהנטען פּרק פון דריטען טייל „עדינבורגער תפיסה" זענען
צונויפגעקלעבט צוזאַמען די היסטאָרישע און אויסגעטראַכטע רעפּ-
ליקעס פון אַרגיילישען הערצאָג. מען דאַרף אויך צוגעבען, אַז
פאַר אונז ווערט אַלץ קלאָרער, ווי ווייט עס איז דאָס בילד,
וואָס סקאָט האָט אונז דאָ געשילדערט, פון אמת׳ן כאַראַקטער פון
יענער ווייטער עפּאָכע, וואָס וואָלט פאַר אונז געבליבען אונ-
פערשטענדליך און נישט אַרויסגערופען קיין מיטגעפיהל, ווען עס

זאָל נישט געשילדערט ווערן בעפאַרבט און בעפוצט. סקאָט׳ס ראָמאַנען „די קמיץ״ און די „קריין-צוגען״ זענען אַ גאַנצע ביבליאָטעק פון ראָמאַנען וועגען לעגענדאַרישע לענדער און פאַנטאַסטישע געשעהענישען פון די קריין-צוגען, זעהר ווייט פון דער ווירקליכקייט.

ווי דען אַנדערש האָט עס געקאָנט זיין ביי אַ פּאָעט, ווי סקאָט, וועלכער האָט קיינמאָל נישט איבערגעלייענט נאָכאַמאָל און פערריכט די אָנגעשריבענע בלעטלען, נישט געקאָנט קיין זאַך בעשרייבען קורץ און זיך שטעלען ערנסטע פאָדערונגען בנוגע דער קורצקייט און קאָמפּאָזיציע! נאָך וועניגער פאָדערונגען שטעלט ער דעם לעזער זיינעם בנוגע דער אויפמערקזאַמקייט און סובטילער אויפפאַסונג. ער חזר׳ט זיך איבער שטענדיג און לאָזט זיך איבער׳חזר׳ן אויך זיינע העלדען, שטעלט זיך פּלוצלונג אָב אין מיטען דער ערצעהלונג, כדי אַ ביסעל אַליין צו פּלוידערן, ווייזט אָן מיט די פינגער, איז מסביר און בעגנוגענט זיך נישט דערמיט, וואָס ער זאָל צוגעבען דעם העלד אַ בעשטימטע פיזיאָגנאָמיע, נאָר ווען עס איז נויטיג, לאָזט ער דעם העלד זיך אַליין פערטיידיגען, למשל, דורך אַזעלכע אויסרופען: „איך רייד איצט רוהיג, אָבער דאָס איז געגען מיין תאַראַקטער,״ אָדער דורך אַזעלכע רעפּליקעס, אין וועלכע דער העלד מאַכט אַליין דעם מוסר השכל פון זיינע שלעכטע מעשים, שרעקענדיג זיך, אַז דער לעזער אַליין וועט עס נישט פערשטעהן. צוליעב אַזעלכע גרויסע חסרונות אין די איינצעלהייטען בלייבט שוין אָהן נוצען דאָס, וואָס די גרונד-שטריכען פון דער קאָמפּאָזיציע אין די בעסטע ראָמאַנען זענען אויסגעצייכענט און גרופּירען זיך לייכט אַרום איין אָדער עטליכע גרויסע דראַמאַטישע האַנדלונגען. כדי אַז אַ בוך זאָל אָבהיטען זיין רוהם אין פערלויף פון אַ רייה יאָהרהונדערטען, איז וויכטיג, אַז עס זאָל האָבען נישט בלויז אַ פּאָעטישען סיוזשעט, נאָר אויך קינסטלערישע זיין דורכגעפיהרט אין יעדען איינציגען פונקט, אָבער דערויף האָט סקאָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין צייט, זינט ער האָט אָנגעהויבען שרייבען פּראָזע. אפילו די דראַמאַטישסטע סצענעס ביי סקאָט׳ן, אפילו די גלענצענדע,

האַרצרייסענדיגע) סצענע פון געריכט אין „עדינבורגער תּפיסה", ווען דזשעני, ביי וועלכער עס בלוטיגט דאָס האַרץ פון ווערטאָג, זאָגט זיך דאָך אָב צוליעב געפיהל פון אמת עדות צו זאָגען לטובת איהר שוועסטער, פּערליערט אויף אַ העלפט אין איהר עפעקט צוליעב דער צוזיגענקייט און צוקראַכענקייט, מיט וועלכע די סצענע איז געשילדערט. פון די מעמואַרען פון טהאָמאָס מור זעהט מען, אַז דער הויפּט-סיוזשעט פון בוך איז אַווירקליכער פאַקט, וועלכען מען האָט סקאָט איבערגעגעבען אין אַנ׳אַנאָנימען בריעף: אַ יונג מיידעל האָט זיך אָבגעזאָגט עדות צו זאָגען אין געריכט לטובת איהר שוועסטער און דערנאָך פאַרגענומען אַ לאַנגע רייזע, כדי אויסצובעטען אַ בעגנעדיגונג פאַר דער שוועסטער. סקאָט האָט פערשטאַנען די מאָראַלישע שענקייט פון דער טהאַט, אָבער נישט דעם דראַמאַטישען חאַראַקטער דערפון. וואָלט ער געהאַט אַ קלענערן טאַלענט, אָבער אָנשטאָט דעם זיין דאָפּעלט געבילדעט און פערמאָגען די פעהיגקייט קריטיש זיך צו בעציהען צו זיך, דאַן וואָלט ער, אמת, נישט געווען געמאַכט אַזאַ רעש, אָבער דערפאַר וואָלט ער געשאַפען ווערק פון גרעסערן און וויכטיגערן ווערטה. ער אַליין האָט געפיהלט, אַז טאַקע דער מאַנגעל אין בילדונג שטערט איהם צו דערגרייכען אַ הויכע שטופע אויפ׳ן געביט פון פּאָעטישער שאַפונג. אין איין אָרט פון זיין טאָג-בוך געפינט זיך אַ מערקווירדיגע בעמערקונג וועגען זיך אַליין: „ווי וואונדערבאַר מיין לעבען האָט זיך אויסגעבילדעט! מיין בילדונג איז נישט געווען קיין פאָלקאָמע, מיינע וויסענשאַפטליכע קענטנישען זענען געווען פערנאַכלעסיגט און איך אַליין האָב זיי געדאַרפט ערווערבען. און אָט האָב איך זיך אָנגעשטאָפּט אַ קאָפּ מיט פערשיעדענע נאַרישקייטען און בין לאַנג נישט אָנערקענט געוואָרען דורך מיינע קאָלעגען. אָבער דאָך האָב איך זיך דורכגעשלאָגען און מען האָט מיך איינגעפונען פאַר אַ קלוגען און טיכטיגען, צו דער חרפּה פון די, וועלכע האָבען מיך גערופען טרוימער... און איצט מוז איך מיט דורכגעשאָסענע פליגלען זיך וואַרפען מיט׳ן קאָפּ אַראָב פון דער הויך פון מיין שטאָלץ, איינפאַך דערפאַר, ווייל די לאָנדאָנער בערזע איז פון זינען אַראָב, און

אין, דער אָרימער עהרליכער לייב, מוז דעריבער אויסשטעהן צרות מצד די אָקסען.״

אַ מאָדערנער פּאָעט קאָן נישט אונבעשטראָפט בלייבען אויסערהאַלב דער ענטוויקלונג פון דער מאָדערנער וויסענשאַפט. קיים האָט ער נישט געקאָנט, ווי בייראָן, מיט דער קראַפט פון רוח הקודש פאָראויסזעהן דאָס, וואָס עס זוכט און געפינט די וויסענשאַפט, האָבען זיינע ווערק אונבעדינגט געמוזט אַרויספאַלען פון די הענד פון די געבילדעטע מענשען און אַריינפאַלען אין די הענד פון די, וועלכע זוכען נור פערוויילונג, אָדער בלייבען אין די הענד פון די געבילדעטע מענשען נור אַלס ביכער, וועלכע מען בינדט-איין, מען שטעלט אַוועק און מען דערלאַנגט עס אַלס מתנה די זיהן און טעכטער צום טאָג פון געבורט אָדער קאָנפירמאַציע. אָט דאָס איז דער גורל, וואָס איז אויסגעפאַלען איך סקאָט׳ן. דער פּאָעט, וואָס האָט אין צווייטען און דריטען צעהנדליג פון 19-טען יאָהרהונדערט געהערשט איבער דעם ביכער-מאַרק, אין פראַנקרייך געהאַט אַזעלכע נאָכאַהמער, ווי אַלפרעד-דע-וויני, דוגאָ, מערימי, באַלזאַק און, דיומאַ דעם עלטערן, אין איטאַליען—אַזאַ שילער, ווי מאַנצאָני, אין דייטשלאַנד—אַזעלכע גייסטיג-פערוואַנדטע שריפטשטעלער, ווי פוקע, אין דענעמאַרק—פערעהרער און שילער, ווי מעלער, אינגעמאַן און אַאוך, איז הייגט, אַדאַנק דער שטומער, אָבער גוטער קריטיק פון דער צייט, געוואָרען דער בעליעבטער שריפטשטעלער פון מיידלעך און יונגלעך פון 14-יעהריגער עלטער,—אַ פּאָעט, וועלכען אַלע דערוואַקסענע האָבען שוין געלייענט, אָבער וועלכען קיין דערוואַקסענער לייענט מעהר נישט.

X

אין נאָוועמבער 1825 האָט וואַלטער סקאָט געשריבען אין זיין טאָג-בוך: „טהאָמאַס מור איז דאָ... אין זיין חאַראַקטער פעראייניגט זיך מוטיגע אויפריכֿטיגקייט מיט טאַדעללאָזער העפליכקייט און גוטער ערציהונג. ער איז אַבסאָלוט נישט עהנליך אויף קיין פּאָעט אָדער פּעדאַנט... אין זיין געריכֿט איז נישטאָ קיין אונגעוועהנליכעס, נאָר זיינע געזיכֿטס-שטריכֿען זענען אַזעלכע לעבעדיגע,—איבערהויפּט ווען ער רעדט אָדער זינגט,—אַז ער זעהט אויס פיעל מעהר סימפּאַטישער, ווי ער וואָלט געקאָנט זיין ביי רעגעלמעסיגער שענקייט. איך האָב געדענקט, אַז בייראָן האָט סיי מינדליך, סיי אין זיין טאָג-בוך אָפּט דערמאָהנט וועגען מור און מיר גלייכצייטיג, און דערביי מיט גלייכער אַכֿטונג, און מיר האָט זיך געוואָלט וויסען, וואָס מיר האָבען געמיינזאַמעס, ווייל מור האָט שטענדיג געלעבט צווישען אַ העכֿערער געזעלשאַפט, בעת איך האָב שטענדיג געלעבט אין דאָרף צווישען פּראָסטע מענשען, ווי אויך אָפּט אין געזעלשאַפט פון פּאָליטיקער; ווייל מור איז געווען אַ געלעהרטער און איך נישט; ער איז געווען אַן׳אויסגעצייכֿענטער מוזיקער, בשעת איך האָב קיין איין נאָטע נישט געקענט; ער איז געווען אַ דעמאָקראַט, איך—אַן׳אַריסטאָקראַט, שוין נישט ריידענדיג וועגען דעם, וואָס ער איז אַן׳אירלענדער, און איך—אַ שאָטלענדער. איין זאַך נור איז געווען צווישען אונז אַ געמיינזאַמע, עפּיס אַזוינס, וואָס איז דער העכ-

סטער פונקט פון געמיינזאַמקייט: מירביידע זענען געווען גוט־מוטיגע מענשען, וועלכע האָבען גענאָסען פון מאָמענט, נישט זאָרגענדיג זיך וועגען דערהאַלטען די ווירדע, און ביידע האָבען גענוג געקענט די וועלט, כדי צו פעראַכטען פון גאַנצען האַרצען יענע בעלי־גאוה׳ניקעס, וועלכע דערמאָהנען מיט זייער ליטעראַרישער פּאָזע יענעם מענש, וועלכען דזשאָנסאָן האָט אַמאָל בעגעגענט אין אַ האָטעל; ער האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט אַלס דער גרויסער טואָלמי, דער ערפינדער פון פלעט־אייזען אין דער פאָרם פון שליוזען". „עס וואָלט זיין אַ פריידיגע הוספה צו מיין גליק, ווען מור זאָל האָבען אַ גוט צוויי מייל ווייט פון מיינעם.—מיר זענען צוזאַמען געגאַנגען אין טעאַטער און אַזוי ווי, צום גליק, איז אין יענעם אָוועגד אין טעאַטער געווען אַ גוט פובליקום, האָט עס מיט בעגייסטערונג אויפגענומען טהאָמאַס מור׳ן. איך בין געווען גרייט צו קושען דערפאַר דאָס פובליקום, ווייל דערמיט האָט עס ווי בעצאָהלט דעם חוב מיינעם פאַר דער גוטער אויפנאַהמע, וואָס מען האָט מיר געמאַכט אין אירלאַנד."

אין די דאָזיגע האַרציגע, גוטמוטיג־פרעהליכע ווערטער האָט דער גרויסער פאָרשטעהער פון שאָטלאַנד דורכגעפיהרט אַ פּאַראַלעל צווישען זיך און דעם נאַציאָנאַלען פּאָעט פון אירלאַנד. די עהנליכקייט אין זייער לאַגע, אַלס אָנערקענטע און טיעף־געאַכטעטע פאָרשטעהער פון צוויי מלוכות, וואָס זענען געווען פעראייניגט און אָבהענגיג פון ענגלאַנד, מאַכט נאָך מעהר בולט דעם אונטערשיעד צווישען זיי. דער דאָזיגער אונטערשיעד האָט, ערשטענס, זיך גענומען פון דעם אונטערשיעד אין דער לאַגע פון אירלאַנד און שאָטלאַנד בנוגע דעם הערשענדען פאָלק. די לאַגע פון שאָטלאַנד איז געווען אַן׳אָבהענגיגע, אָבער דאָך גענוי בעשטימט דורכ׳ן געזעץ, און די שאָטלענדער האָבען געשיקט אין ענגלישען פּאַרלאַמענט זייערע פאָרשטעהער. דאַגעגען די אירלענדער האָבען, טיילוויז צוליעב דעם טיעפערן ראַסען־אונטערשיעד, טיילוויז צוליעב זייער רעליגיע, וועלכע אונטערשיידט זיך שאַרף פון דער אַנגליקאַנישער, זיך געפונען אין פערלויף פון 600 יאָהר אונטער דער הערשאַפט פון ‎ רעגירונג, אבער וועלכער זיי האָ־

בען געהאַט דאָס רעכט פון קאָנטראָל, פונקט װי די אינדוסען אָדער סינגאַלעזער איבער זײער רעגירונג. דער פּראָטעסטאַנטישער פּאַרלאַמענט איז אַ בעװיסע צײט געזעסען אין קאַטױלישען אירלאַנד נור אַלס אַ פײנדליכער גאַרניזאָן אין בעזיעגטען לאַנד. ער איז בעשטאַנען פון אַ גרופּע דיקטאַטאָרס, װאָס האָבען רעגירט אין נאָמען פון אַ פרעמדער מלוכה מיט דעם פולען רעכט צו אונטערדריקען, און װי נור זײ פלעגען פּרובען אַרױסװײזען די קלענסטע פּראָבע פון װידערשטאַנד, האָט מען זײ בערוהיגט דורך חאַבאַר אָדער דערשטיקט דורך געװאַלט-מיטלען. דער אירלענדישער פּראָטעסטאַנטישער געגנער איז באמת געװען נישט אין קײן בעסערער לאַגע, װי זײנע קאַטױלישע לאַנדעס-גענאָסען; ער האָט געקאָנט ערװערבען די גנאָד פון זײן האַר נור אָפּפערנדיג מיט די בעקװעמליכקײטען פון זײן לאַנד און געהאַט נור אײן טרױעריגע פּריװילעגיע—„זײן גלײכצײטיג אַ שקלאַף און אַ הערשער".

דעם ענגלישען פאָלק האָט אָבגעגליקט אין דער היגזיכט, װאָס סײ זײנע מעלות, סײ זײנע חסרונות האָבען איהם מיטגעהאָלפען צו זיעגען אין קאַמפּף פאַר דער פּאָליטישער מאַכט און זעלבשטענדיגקײט; זײן עגאָאיזם און זײן גאוה האָבען איהם געבראַכט אפשר נישט װעניגער נוצען, װי זײן געזונטער פערשטאַנד און ענערגיע. דאַגעגען, דאָס אירלענדישע פאָלק, פונקט װי די גאַלען, איז, סײ צוליעב זײנע מעלות און סײ צוליעב זײנע חסרונות, געװען, װי עס זעהט אױס, פער'משפט אױף פּאָליטישע קנעכטשאַפט. מען דאַרף, זעלבסטפערשטענדליך, בעהמען אין אַכט, אַז דער זיעגער שילדערט שטענדיג דעם כאַראַקטער פון בעזיעגטען אין אַ פאַלשער בעלײכטונג, אָבער דאָך מוז מען מודה זײן, אַז די לײכטזיניגקײט, לעבעדיגקײט, היציגקײט און חנו'דיגקײט פון די אירלענדער, זײער אינרוהיגע העלדישע טאַפּפערקײט, זײער בונטאַרישער ריטערליכער כאַראַקטער, זײער ליעבע צו פרײהײט און געװיסע נײגונג צו אױפשטאַנדען, װאָס פעראײניגט זיך בײ זײ מיט דער תאוה צו גלאַנץ און פּראַכט פון קעניגליכער מאַכט, זײנען זעהר װײט פון יענע אײגענשאַפטען, װעלכע

זענען מיט׳ן פאַר אַ רוהיג און אונאָבהענגיג מלוכה-לעבען. זיי פעהלען די בירגערליכע מעלות פון דער נייעסטער צייט, און די מעלות, וועלכע זיי האָבען, געהערען שוין צו דער פערגאַנגענהייט: זייער רעליגיעזיטעט דערגעהט ביז בלינדען אַבערגלויבען, זייער לאָיאַליטעט בעשטעהט, פונקט ווי די לאָיאַליטעט פון זייערע ברידער אין ברעטאַן, אין וואַסאַלער איבערגעגעבענקייט צום אַלטען אַדעל פון זייער לאַנד, זייער גלענצענדע טאַפּפערקייט איז נישט דיסציפּלינירט און דריקט זיך אויס אין פּלוצלונג׳דיגע אַרויסטרעטונגען. ענדליך האָט אויך די לאַנגע אונטערדריקונג אַרויפגעלעגט איהר שטעמפּעל אויף זייער נשמה. זיי פעהלט גלויבען אין זייערע כחות, זיי פאַלען לייכט אַריין אין אָבגאַרען זיך און אין פערשלעפערן זיך; זיי זענען צו-פיעל אונפאָרזיכטיג בנוגע אַ סכנה און ווערען צו-פיעל דערשראָקען, ווען די געפאַהר קומט אָן; זיי קאָנען נישט אויסנוצען די פרייהייט, אפילו ווען זיי בעקומען זי אויף אַ קורצע צייט, ווייל נור דורך אַ לאַנג-דויערנדער ערפאַהרונג לערנען זיך מענשען אויס, ווי אַזוי צו בעגעהן זיך מיט דער פרייהייט.

עס עקזיסטירען נישט-פּראַקטישע פעלקער, פונקט ווי עס עקזיסטירען נישט-פּראַקטישע מענשען. די אירלענדער פערמאָגען איין אייגענשאַפט, מיט וועלכער זיי זענען זעהר עהנליך צו די פּראַנצויזען, וואָס רופען ביי זיי אַרויס די לעבעדיגסטע סימפּאַטיע; מיט אַ צווייטער אייגענשאַפט דערמאָהנען זיי די פּאָליאַקען, מיט אַ דריטער — די מזרח-פעלקער. צווישען די לעצטע „אירלענדישע מעלאָדיעס” פון מור געפינט זיך אַ ליעד „אַ פּאַראַלעל”, אין וועלכען מור ענטפערט אויף אַ בראָשור, וואָס איז געווען געווענדעט געגען די אירלענדער און וועלכע בעווייזט, אַז זיי שטאַמען פון יודען. ער מאַכט אַ פּאַראַלעל צווישען גורל פון די אירלענדער מיט׳ן גורל פון יודישען פאָלק:

„פונקט ווי דו, איז אונזער נאַציע צוקלאַפּט, בעזיעגט און
פון איהר קאָפּ איז אַראָבגעפאַלען די קעניגליכע קרוין; אויף
איהרע גאַסען, אין איהרע הייזער הערשט דער טרויער, און

האַטש דער טאָג איז נאָך נישט צו ענדע, איז איהר זון שוין אונטערגעגאַנגען."

אפילו די אירלענדישע נאַציע אַליין טראָגט אַ מזרח-חאַראַקטער. „די אירלענדער, זאָגט אין איין אָרט בייראָן, ריידענדיג וועגען מור'ן, שטאָלצירען מיט זייער מזרח-אָבשטאַמונג. און, ווירקליך, די עקסטרעמיטעט, צערטליכקייט און העלע פאַרבען פון זייער פאַנטאַזיע, דער היציגער און בעגייסטערטער כאַראַקטער פון זייערע מענער, די שענקייט און אַזיאַטישע פראַכט פון זייערע יונגע מיידלעך זענען לטובת דער מיינונג." אַ נאַציע מיט אַזעלכע גרונד-שטריכען פון כאַראַקטער האָט געמוזט שנעל ווערען דער רויב פון דער פעסטער און איינגעהאַלטענער ענגלישער הערשאַפט.

אַ קורצע איבערזיכט פון דער געשיכטע פון אירלאַנד אין פעריאָד פון טהאָמאַס מור'ס יוגענד איז נוצליך צוליעב דעם, כדי צו זעהן, ווי אַזוי דער דאָזיגער צאַרטער, ווייכער פּאָעטישער גייסט האָט דער ערשטער געצוואונגען די ענגלישע פּאָעזיע, וואָס האָט זיך אָבגעשטעלט אין רוהיגער בעטראַכטונג פון דער נאַטור, איבערצוגעהן אין לאַגער פון די פרייהייטס-אידעען און האָט דער ערשטער געגעבען דעם סיגנאַל צו פּאָליטישער פּאָעזיע. ער איז געבוירען געוואָרען אין מאַי 1779 און האָט אין די ערשטע יאָהרען פון דער יוגענד דורכגעלעבט אַלע שרעקען פון יענער צייט. פון זינט די ענגלישע רעגירונג האָט בעשטימט אַלס וויצע-קעניג פון אירלאַנד דעם לאָרד קעמדען און דערמיט אַרויסגעוויזען די כונה אָבצוזאָגען זיך פון דער מענשען-פריינדליכער פּאָליטיק פון 1782, האָט די פּאַטריאָטישע געזעלשאַפט „פעראייניגטע אירלענדער", וועלכע איז געווען פערשפּרייט איבער דעם גאַנצען לאַנד און ביז איצט געקעמפפט פאַר דער בעפרייאונג פון אירלאַנד דורך געזעצליכע מיטלען, בעקומען אַ נייעם כאַראַקטער: זי האָט זיך געשטעלט דעם צוועק אָבצוטיילען אירלאַנד פון ענגלאַנד און געטרוימט וועגען אַן אירלענדישער רעפּובליק. די אירלענדישע בעפעלקערונג אַליין איז דערווייל געווען צושפּאָלטען אויף בעזונדערע טיילען, וואָס זענען געווען פיינדליך איינער צום צווייטען, און אַ הייסע

שנאה האָט בעוואָפענט איינע געגען די אַנדערע די נידריגע קלאַסען פון די פּראָטעסטאַנטען און קאַטוילּיקען. כדי צו מאַכען אַ סוף מיט די שטענדיגע אונרוהען און צוזאַמענשטויסען, וואָס זענען אַרויסגערופען געוואָרען דורך די דאָזיגע אינערליכע ריי־בונגען, האָט די רעגירונג געגרינדעט אַ פּראָטעסטאַנטישען זשאַנדאַרמען־קאָרפּוס פון 37.000 מאַן, וועלכער האָט, אונטער דעם אויסרייד צו זוכען בעהאַלטען געוועהר, געהאַט דאָס רעכט צו אַרעסטירען, פּייניגען און הרג'ענען יעדען, אויף וועלכען איינער אַנ'אויסוואורף וועט אָנגעבען אַ מסירה. הונדערטער אומגליקליכע, וואָס זייער גאַנץ פּערברעכען איז בעשטאַנען דערין, וואָס זיי האָבען זיך געהאַלטען ביי דער רעליגיע פון זייערע עלטערן, זענען געפּייניגט געוואָרען דורך שמיץ, ביז זיי האָבען נישט פּערלוירען דאָס בעוואוסטזיין; אַמאָל האָט מען זיי געצוואונגען צו שטעהן מיט איין פוס אויף אַ שאַרפען פּלאָקען, אָדער אויף אַ העלפט געהאַנגען (ד. ה. געהאַנגען און דערנאָך באַלד אַראָבגענומען פון דער תליה), אָדער סקאַלפּירט. דערצו זענען נאָך צוגעקומען די רעוויזיעס אין לאַנד מיט'ן פולען רעכט צו ראַבירען, פּערגוואַלטיגען און, אין פאַל פון ווידערשטאַנד, אויך הרג'ענען. די העכערע אָפיצירען האָבען זיך בעריהמט, אַז אויף גרויסע שטרעקעס איז נישט געבליבען קיין איין הויז, וואו די פרויען זאָלען בלייבען אונשולדיג, און ווען מען האָט דערויף געענטפערט, אַז מסתמא צייכענען זיך די אירלענדישע פרויען איבערהויפּט נישט אויס מיט צניעות, האָבען זיי געענטפערט, אַז „דער באַגנעט פערטרייבט די צניעות".

עס איז דערום שוין מעהר קיין וואונדער נישט, וואָס די פּערצווייפלונג האָט בעוואויגען פיעל פון די רוהיגסטע און פּערנינפטיגסטע אירלענדער אַרייגצוטרעטען אין די רייהען פון אַ געהיימער געזעלשאַפט, וואָס איהר דעלעגאַט, לאָרד עדוואַרד פיצדזשעראַלד, איז אַוועק קיין פראַנקרייך, כדי צו אונטערהאַנדלען מיט דעם פראַנצויזישען גענעראַל האָש וועגען אַ דעסאַנט פון די פראַנצויזען גלייכצייטיג מיט אַן'אַלגעמיינעם אירלענדישען אויפשטאַנד. דער אַלטער, קאַלטבלוטיגער אָנפיהרער פון פאָלק, גראַ-

סאַן, וועלכער האָט נישט געוואָלט האָבען קיין געשעפטען מיט אויסלענדער, האָט אין פולער פערצווייפלונג זיך אָבגעזאָגט צו צושטעהן צו די לעצטע פלענער סיי פון די אונטערדריקער, סיי פון די אונטערדריקטע. דאַן איז אין אירלאַנד געוואָרען אַן׳אמת׳ע בעהיימע דעמאָקראַטיע לויט׳ן פראַנצויזישען מוסטער, וועלכע איז אריינגעטראָטען אין בעציהונגען מיט פראַנקרייך וועגען בעקומען אַ הלואה און וועגען מיליטערישער שטיצע. אָבער פלוצלונג זענען אַלע פלענער צו-נישט געוואָרען אַדאַנק דעם פערראַט פון איינעם אַ קאַטוילִיק, אַנ׳אילענדער, ריינאָלדס.

עדוואַרד פיצדזשעראַלד איז נאָך געלעגען אין בעט, ווען אין דעם הויז, וואו ער האָט זיך אויסבעהאַלטען, האָט מען זיך אריינגעריסען, כּדי צו אַרעסטירען איהם. זיין קאָפּ איז געווען אָבגעשאַצט אויף 1000 פונט שטערלינג. הגם ער איז געלעגען אין בעט און געווען בעוואָפענט נור מיט אַ שווערד, האָט ער דאָך מוטיג זיך פערטיידיגט געגען דריי גוט-בעוואָפענטע ענגלישע אָפיצירען און איינעם פון זיי געמאַכט צוויי-דריי וואונדען, אַ צווייטען—גאַנצע 14 וואונדען, ביז אַ דריטער האָט דורך אַ שאָס פון אַ רעוואָלווער איהם ענטוואָפענט און דאַן האָט מען איהם אָבגעפיהרט אין טורמע. פיצדזשעראַלד איז געווען בעקאַנט מיט די גרעסטע אָנפיהרער פון דער רעוואָלוציע, געווען בעפריינדעט מיט טהאָמאַס פיין און זיין פרוי איז געווען די שענע טאָכטער פון פיליפּ עגאַליטע. ער איז געשטאַנען אין שפּענדיגע שריפטליכע בעציהונגען מיט פראַנקרייך און נור דער טויט אין תפיסה האָט איהם בעפרייט פון הינריכטונג. הגם מור האָט געלעבט אין דעם קרייז געזעלשאַפט, וועלכער האָט געקוקט אויף פיצדזשעראַלד׳ן, ווי אויף אַ פערמעטער פון פאָטערלאַנד און וואַהנזיניגען מענש, האָט דאָך דער אירלענדישער פּאָעט געהאַט גענוג מוטה און זעלבשטענדיגקייט אָבצוגעבען דעם געהעריגען כבוד פאַר דעם העראָאיזם פון אירלענדישען פּאַטריאָט.

דורך דעם דאָזיגען קלאַפּ, וואָס דער אירלענדישער אויפשטאַנד האָט בעקומען, איז די רעגירונג פטור געוואָרען פון דער בעפאַהר פון אַ פלוצלונג׳דיגען אָנפאַל, אָבער [illegible] איינצעלנע

רעוואָלוציאָנערען, וואָס זענען געווען צושפּרייט איבער'ן לאַנד, האָט די רעגירונג אַרויסגעוויזען אַן אַכזריות, וואָס איז דערגאַנגען ביז משוגעת. עס איז איינגעפיהרט געוואָרען בעלאַגערונגס-צושטאַנד מיט קריעגס-געריכטען און די מיטגליעדער פון די דאָזיגע געריכטען ווערען דורך די ענגלישע היסטאָריקער אַליין חאַראַקטעריזירט אַלס אַ „באַנדע פינסטערע און בלוטדורשטיגע שאַרלאַטאַנעס, וועלכע האָבען דורך פייניגען און דורך צוזאָגען בעגנעדיגונג אַרויסבעקומען ביי די קאַטוילישע עדות פאַלשע ערקלערונגען געגען די בעשולדיגטע, כדי דערנאָך זיך צו ערלויבען בנוגע זיי די שאַרפסטע מיטלען”. דער ערשטער פּאָפּולערער מענש, וואָס איז געפאַלען אַלס קרבן פון אַזאַ געריכטס-אויספאָרשונג, איז געווען איינער אַ פריעדליכער אַנהענגער פון דער פּאַרטיי פון לעגאַלער רעפאָרם (סער עדוואַרד קראָסבי); איהם האָט מען געהאַנגען און דערנאָך ערשט צוקאַליעטשעט. נישט דער אונטערשיעד פון רעליגיע האָט צופלאַקערט די אכזריות פון די דאָזיגע תליינים, וייל די אָנגעזעהענסטע אָנפיהרער פון די „פעראייניגטע אירלענדער” זענען געווען פּראָטעסטאַנטען (פיצדזשעראַלד, אָ' קאָנאָר, האַרווי, טהאָמאַס עמעט), וואָס זענען געווען געטרייע פערטיידיגער פון זייערע קאַטוילישע מיטבירגער; ניין, דאָ האָט געווירקט די אַלטע ראַסען-שנאה פון די אַנגלאָ-זאַקסען צו דער קעלטישער נאַציע.

אַלס הויפּט-ווערקצייג האָט די רעגירונג אויסגעקליבען אַ מענש, וואָס איז געווען בעקאַנט אַלס דער גראָבסטער און היציגסטער געגנער פון די אירלענדישע רעוואָלוציאָנערען, אַזוי אַז מען האָט פון איהם געקאָנט ערוואַרטען די פערשיעדענסטע גוואַלט-טהאַטען. דאָס איז געווען אַ קליינער ערד-בעזיצער מיט'ן נאָמען טהאָמאַס דזשעדקין פיצדזשעראַלד. אין 1799 איז ער בעשטימט געוואָרען אַלס עלטסטער שעריף. כדי צו פערדיענען גנאָד ביי זיין העכערער מאַכט, האָט ער זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו חאַפּען יעדערן, אויף וועמען עס וועט פאַלען אַ חשד אַלס אַנטייל-נעהמער אין אויפשטאַנד, און דערנאָך דורך שמיץ און דורך צוזאָגען צו בעגנעדיגען צווינגען דעם אומגליקליכען זיך מודה

צו זיין אָדער צו בעשולדיגען אַנדערע. ביי דער ידיעה וועגען
זיין אָנקומען קיין אירלאַנד איז אַלעמען בעפאַלען אַזאַ שרעק,
אַז די אָרימע פויערים, וועלכע האָבען געוואוסט, אַז זיי זענען
אינגאַנצען אין זיין מאַכט, פלעגען פאַלען אויף די קניה, ווען
ער איז דורכגעפאָהרען. אָט זענען עטליכע ביישפּיעלען פון זיין
טעטיגקייט. די דאָזיגע פאַקטען זענען ענטדעקט געוואָרען, צווי-
שען אַנדערן, בשעת דעם פּראָצעס וועגען איהם אַלס בעשול-
דיגטען אין מיסברויכען מיט זיין מאַכט—דער פּראָצעס, אויף
וועלכען ער איז נאַטירליך גלענצענד בעפרייט געוואָרען. אייגעם,
אַנ׳אָרימען שפּראַכען-לעהרער מיט׳ן נאָמען ראַיט, וועלכער איז
געקומען אין געריכט, נאָכדעם ווי ער האָט ערהאַלטען אַ ידיעה,
אַז מען איז איהם „חושד", האָט ער בעגעגענט מיט די ווער-
טער: „שטעל זיך אויף די קניה און הער-אויס דיין אורטייל.
„דו ביזט אַ רעוואָלוציאָנער, האָט ער איהם געזאָגט, דיר וועט
מען געבען 500 שמיץ און דערנאָך אויפהענגען." דער אָרימער
לעהרער איז געוועזען אַזוי אונפאָרזיכטיג, אַז ער האָט אָנגעהויבען
בעטען וועגען אָבלעגען דעם פּסק-דין און אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט
„אויספאָרשונג". איהם האָט מען גלייך איבערגעגעבען אין די הענד
פון די תליינים, אָבער נאָך איידער די לעצטע האָבען בעוויזען צו
נעהמען איהם, איז דער ריכטער אַליין אָנגעפאַלען אויף איהם,
געחאַפּט איהם ביי די האָהר און אָנגעהויבען שלאָגען מיט׳ן
שווערד. ווען ראַיט האָט שוין בעקומען 50 שמיץ, איז אָנגעקו-
מען אַנ׳ענגלישער מאַיאָר און געפרעגט, אין וואָס בעשטעהט זיין
פערברעכען. אַלס ענטפער האָט מען איהם דערלאַנגט אַ צעטעל
אויף פראַנצויזיש, וואָס מען האָט געפונען אין קעשענע פון פער-
ברעכער און וועלכעס מען האָט אויף קיין פאַל נישט געקאָנט
איבערלייענען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דאָס איז געווען
אַנ׳ענטשולדיגונג דערפאַר, וואָס ער קאָן נישט קומען אויף דער
לעקציע צום בעשטימטען טערמין. דער מאַיאָר האָט פערזיכערט
דעם ריכטער, אַז דאָס איז אַ גאַנץ אונשולדיג בריוועל, אָבער
די ענויים זענען נאָך פאָרטגעזעצט געוואָרען, ביז פון אונטער די
אָבגעריסענע שטיקער לייב פון קרבן האָט זיך אָנגעהויבען בע-

ווייזען דאָס אינווייניגסטע. דעמאָלט האָט מען דעם תלין געגעבען אַ בעפעהל, ער זאָל אָנהויבען קלאַפּען איבער די טיילען קערפּער, וועלכע מען האָט נאָך נישט בעריהרט.

דער דאָזיגער פאַל האָט געמאַכט דעם גרעסטען איינדרוק בשעת דעם פּראָצעס געגען דעם אירלענדישען הויפּט-ריכטער—דער פּראָצעס, וועלכער איז נאָך ערגענצט געוואָרען דורך דער שבועה פון איינעם אַ פּראָטעסטאַנטישען גלח, וואָס איז אַרויס:עטרעטען אַלס עדות לטובת דעם בעשולדיגטען און געשוואוירען, אַז דער דאָזיגער בלוטדורשטיגער תלין, וועלכער איז געווען בעריהמט אין גאַנץ אירלאַנד מיט דעם נאָמען פיצדזשעראַלד-תלין, איז געווען אַ גוטהערציגער, הומאַנישער מענש. פון אָנהויב אָן האָט מען, פון זיין טובה וועגען און געגען דער קאָנסטיטוציע, אַרויסגעגעבען אַ געזעץ, לויט וועלכען עס ווערט ווידער איינגעפיהרט שמיץ. אויף דעם גרונד איז איהם נישט שווער געווען אָבצוּוואַרפען אַלע בעשולדיגונגען. מיט אונגלויבליכער גראָבקייט האָט ער זיך בעריהמט, אַז אין פיעל פאַלען האָט ער זיך בענוצט מיט פיעל ערגערע ענויים, איידער די, וועגען וועלכע מען האָט איצט געמאַכט אַזאַ רעש, און האָט אַליין דערצעהלט, אַז איינער האָט זיך געשאָכטען, כדי בעפרייט צו ווערען פון די שמיץ און פון דער חרפּה, וואָס איז דערמיט פערבונדען. מען דאַרף בעמערקען, אַז אַלס בעלוינונג פאַר זיינע פערדיענסטען האָט מען איהם געגעבען אַ גרויסע פּענסיע, און שפּעטער, ווען קעסטלערי'ן האָט זיך איינגעגעבען דורכצופיהרען די אוניאָן פון אירלאַנד מיט ענגלאַנד, האָט מען איהם בעשאָנקען מיט'ן טיטול: „באַראָן פון פעראייניגטען קעניגרייך".

איך וועל ברייגען נאָך אַ ביישפּיעל פון דער טעטיגקייט פון די ענגלענדער בשעת דעם דערשטיקען דעם אויפשטאַנד: ער וועט אונז ווייזען, אונטער וועלכע איינדריקען טהאָמאַס מור, וואָס איז דעמאָלט געווען אַלט 18 יאָהר, איז געוואָרען פון אַ יונגעל אַ דערוואַקסענער מענש. אין הערבסט 1798 האָבען זשאַנדאַרמען, אונטער דער אָנפיהרונג פון אַ געווויסען וואָלאַגאַן, זיך אַריינגעריסען אין דאָרף דעלבאַרי אין הויז פון אַן אַרבייטער דאַ-

גערטי, וועלכען די מאַכט האָט חושד געוועזען, און זיי האָטען געפרעגט, צי בעהאַלט זיך נישט ביי איהם איינער פון די רעוואָלוציאָנערען. אין הויז איז דעמאָלט נור געוועזען די פרוי פון דאָלגערטי און אַ קראַנק יונגעל, זיין זוהן. וואָלאַגאַן האָט געפרעגט דאָס יונגעל, צי ער איז דער זוהן פון דאָגערטי און, בעקומענדיג אַנ'ענטפער: „יאָ", האָט ער אויסגעשריען: „טאָ שטאַרבזשע, דו הונד!" דאָס יונגעל האָט אָנגעהויבען בעטען חסד. אַרויסלאָזענדיג אַ רייה זידלערייען, האָט דער אונטער-אָפיציר געפרובט אַ פּאָר מאָל אויסשיסען, נאָר נישט געקאָנט. דאַן האָט איינער פון די קאָלעגען איהם דערלאַנגט אַנ'אַנדער ביקס, די מוטער האָט זיך געוואָרפען פאָראויס און פערדעקט מיט זיך דאָס קינד. נאָר די קויל האָט דורכגעשאָסען דעם יונגעל די האַנד. ער איז געפאַלען און די מערדער זענען אַרויס פון שטוב. נאָר וואָלאַגאַן האָט זיך אומגעקעהרט צוריק און דערזעהענדיג, ווי די מוטער שטעהט איינגעבויגען איבער דעם קינד, האָט ער אויסגעשריען: „ווי, דער הונד איז נאָך נישט געשטאָרבען?"—„אַח, גאָט, ער איז שוין געווען טויט", האָט געענטפערט די אָרימע פרוי.—„איך האָב מורא, אַז נאָך נישט געווען—האָט געזאָגט וואָלאַגאַן—אָט וועט ער האָבען נאָך!" ער האָט אויסגעשאָסען צום פיערטען מאָל און דאָס יונגעל איז געפאַלען טויט אין די אָרעמס פון דער מוטער. ווען וואָלאַגאַן איז געשטאַנען פאַר'ן געריכט אַלס בעשולדיגטער אין איבערהאַפּען די מאָס פון זיין מאַכט, האָט די פערטיידיגונג זיך פעררופען דערויף, וואָס דער בעשולדיגטער מיט זיינע קאָלעגען „זענען געשיקט געוואָרען מיט דעם אַלגעמיינעם בעפעהל צו שיסען וועמען זיי וועלען וועלען". דאָס געריכט האָט נישט געפונען קיין אונגעזעצליכעס אָדער אונפערגינפּטיגעס אין אַזאַ בעפעהל. דאָס געריכט האָט אָנערקענט, „אַז דער בעשולדיגטער האָט געשאָסען אין טהאָמאַס דאָגערטי, אַ רעוואָלוציאָנער, און איהם דער'הרג'עט", אָבער פריגעשפּראָכען דעם בעשולדיגטען דערין, אַז ער האָט אויסגעפיהרט „אַ שענדליכען און בעוואוסטזיניגען מאָרד".

דורך צוזעלכע מיטלען איז אין אירלאַנד צוריקגעשטעלט

געוואָרען די רוהה און דאָס פאָלק איז צוגעגרייט געוואָרען צו
יענער מלוכה-געשעהעניש, אין וועלכער קאַסטלערי האָט מיט דער
קאַלטער דורכדרינגליכקייט פון אַ דיפּלאָמאַט געזעהן דעם איינ-
ציגען אויסוועג צו דערשטיקען דעם אויפשטאַנד: די פאָלקאָמע
פערניכטונג פון דובלינער פאַרלאַמענט און זיין פעראייניגונג מיט
דעם לאָנדאָנער. מען האָט געדאַרפט בייקומען נאָך איין ווידער-
שטאַנד—דעם אירלענדישען פאַרלאַמענט; און אַזוי ווי דער לעצ-
טער, הגם ער איז געוועזן דורך און דורך פערדאָרבען, האָט
דאָך נאָך נישט אַרויסגעוויזען גענוג נאָכגיביגקייט, איז קעסטלערי,
וועלכער האָט דעמאָלט פערנומען דעם פאָסטען פון שטאַטס-סע-
קרעטאַר פון אירלאַנד און נישט געהאַט קיין איבעריג גוטע מיי-
נונג וועגען זיינע לאַנדסבירגער—פּראָטעסטאַנטען, געפאַלען אויף
אַ פשוט'ע המצאה: אונטערקויפען איינציגווייז די נויטיגע צאָהל
פון דער אָפּאָזיציע. אין יעדער דעפעשע, וואָס ער האָט געשיקט,
אָנהויבענדיג פון 1799 ביז 1800, ווען די אוניאָן איז אָנגענומען
געוואָרען, האָט ער אָהן אויפהער איבערגע'חזר'ט זיין פאָרשלאָג,
און, ענדליך, בעקומען אַלס ענטפער פון דער רעגירונג $1^1/_2$ מי-
ליאָן פונט שטערלינג, וועלכע זענען צוטיילט געוואָרען מיט די
גלענצענדסטע רעזולטאַטען. דעמאָלט האָבען די געצעהלטע איר-
לענדער פאַטריאָטען, וואָס זענען פערבליבען אין פאַרלאַמענט,
בעשלאָסען אויספּרובען דאָס איינציגע מיטעל, וואָס האָט נאָך
געקאָנט האָבען אַ געוויסע בעדייטונג: זיי האָבען צוגעטראַכט,
אַז גראַטאַן, וועלכער איז נאָך אַלץ פערגעטערט געוואָרען דורכ'ן
פאָלק, הגם ער איז שוין לאַנג געוועזן בעזייטיגט פון אַרבייט
פאַר זיין פאָטערלאַנד און איז איצט געלעגען געפעהרליך קראַנק,
זאָל פּלוצלונג ערשיינען אין פאַרלאַמענט אין מאָמענט, ווען עס
וועט אַריינגעטראָגען ווערען דער פּראָיעקט וועגען דער אוניאָן.
דער דאָזיגער פּלאַן איז דורכגעפיהרט געוואָרען מיט דער ריין-
אירלענדישער נייגונג צו עפעקטען. אַזוי ווי מיט עטליכע טעג
פאַר דעם איז אין פאַרלאַמענט פריי געוואָרען איין פּלאַץ, איז
גראַטאַן שטילערהייד אויסגעוועהלט געוואָרען, און דער אייגענטי-
מער פון שטעדטיל, וואו עס זענען פאָרגעקומען די וואַהלען, אַ

געוויסער טיג, איז געלאָפען קיין דובלין, אָנזאָגען וועגען די רע-
וואָלטאַטען. גראַטאַן, וועלכער איז געוועזען אויסגעמאַטערט פון דער
שווערער קרענק, איז אויפגעהויבען געוואָרען פון בעט, איינגע-
וויקעלט אין אַ קאָלדרע און איבערגעטראָגען געוואָרען אויף אַ
שטוהל אין פּאַרלאַמענט. די דעבאַטען האָבען זיך שוין געצויגען
15 שעה, אין פערלויף פון אַ גאַנצער נאַכט, און 7 אין-דער-פריה
איז דער פּאַרלאַמענט ערוואַכט געוואָרען פון זיין דרימלען דורך
דעם ערשיינען פון גראַטאַן. עס איז געוועזען דער מענש פון 1782,
דער מענש, וועלכער האָט די אירלענדער געמאַכט פאַר אַ פאָלק
און וואָס איז איצט, ווי דאָס שטאַרבענדע געוויסען פון זיין
פאָלק, אַרויסגעקראָכען פון קבר, כדי אַרויסצוזאָגען דעם לעצטען
פּראָטעסט פאַר דער אונאָבהענגיגקייט פון די אירלענדער. ער
האָט געענדיגט זיין רעדע מיט די ווערטער: ווען ער זאָל
שוין אפילו ליעגען אַ גוסס׳ער, וואָלט ער נאָך אַלץ מיט
דעם לעצטען ציה פון זיין אָטעם אַרויסגעזאָגט זיין פּראָטעסט
געגען דעם איצטיגען פּראָיעקט. און ווען דער רייכס-קאַנצלער
גאָרי האָט געוואַגט צו ענטפערן אויף די דאָזיגע ווערטער מיט
אַ בעשולדיגונג אין מלוכה-פעררעט, האָט גראַטאַן איהם גלייך
אַרויסגערופען אויף אַ דועל, וועלכער איז פאָרגעקומען אין אַ
פּאָר טעג אַרום און פון וועלכען גאָרי איז, צו זיין גליק, אַרויס
פערוואונדעט אין אָרעם; וואָלט ער אין דועל געזיעגט, דאַן
וואָלט איהם זיכער דאָס פאָלק צוריסען אויף שטיקער. אָבער
אפילו גראַטאַן איז נישט געוועזען אימשטאַנד אויפצוטהון עפּיס
געגען דעם געוועהר, וועלכעס די רעגירונג האָט בענוצט. יענער
גרויסער רעדנער-טאַלענט, וועלכען מור האָט פערגליכען מיט דעם
גלאַנץ און פעסטקייט פון אַ בריליאַנט און וועלכען בייראָן האָט
געהאַלטען גרעסער פון דעמאָסטענעס׳עס טאַלענט, האָט קיין אָב-
קלאַנג נישט געפונען. אין דעם טאָג, ווען די אוניאָן איז אָנגע-
נומען געוואָרען, זענען די גאַלעריעס און טריבונעס געוועזען אי-
בערפולט דורך אַ פערזאָרגטער און געשפּאַנטער פאָלקס-מאַסע.
אָבער קאַסטלערי, וועלכער איז געוועזען זיכער אין אויסגאַנג פון
דער אָבשטימונג, האָט רוהיג און מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען

אָבגעוואָרט דאָס רעזולטאַט. ווען דער פּאָרזיצענדער האָט מיט אַ לאַנגזאַמער שטים אויסגערופען: „זאָלען די, וואָס זענען פאַר דער אוניאָן, אויפהויבען די הענד!" און אַ האַנד נאָך אַ האַנד האָבען לאַנגזאַם און פערשעמט זיך אויפגעהויבען, איז ער אַ ווײַלע געבליבען שטעהן צומישט, פערגליווערט ווי אַ סטאַטוע, דערנאָך אויסגערופען: „די אוניאָן איז אָנגענומען", און מיט אַנ'אויסדרוק פון עקעל און פעראַכטונג זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין שטוהל. שוין בשעת די דאָזיגע שטורמישע דעבאַטען, ווען אירלאַנד'ס בעסטע מענשען האָבען ערקלערט, אַז איצט איז געקומען די שעה פון ווידערשטאַנד און רעוואָלוציע, בשעת קיינער פון זיי אָבער האָט דאָך נישט געטראַכט צו טהון אַזוי, ווי ער האָט געזאָגט, איז אויף דער טריבונע געזעסען אַ יונגער-מאַן מיט אַ בלייכען געזיכט און גלאַנצענדיגע אויגען, פאַר וועלכען די פוסטע ווערטער פון אַנדערע זענען געווען אַ שטיק ווירקליך לעבען און וואָס האָט אין הארצען געשוואוירען צו ווערען דער בעפרייער פון זיין פאָטערלאַנד. דער דאָזיגער יונגער-מאַן איז געווען דער איידעלסטער און שענסטער זוהן פון אירלאַנד, ראָבערט עמעט, וועמען די וועלט האָט, לויט מיין מיינונג, צו פערדאַנקען פאַר דער קראַפט און ליידענשאַפט, וואָס געפינען זיך אין טאָמאַס מור'ס בראַכטפולע „אירלענדישע מעלאָדיעס".

דער זעלטענער אירלענדישער פּאָעט איז געווען אַ זוהן פון אַ קליינעם ווייַן-הענדלער אין דובלין, האָט געהאַט אַ טיכטיגען פאָטער, אַ ליעבע און ענערגישע מוטער (אַ הייסע קאַטוילי-קין) און זיין גליקליכע יוגענד האָט ער פערבראַכט אין שויס פון זיינע עלטערן. פון די פריהסטע קינדהייטס-יאָהרען איז ער געווען אונגעהויער בעגאַבט און טאַלענטפול. ער האָט דעקלאַמירט, געשפּיעלט קאָמעדיעס, געשריבען פּאָעזיע און געזונגען מיט אַנ'אונגעוועהנליך שענער שטים, וועלכע איז ביי איהם פערבליבען אויפ'ן גאַנצען לעבען. ווען ער איז נאָך נישט אַלט געווען קיין פופצעהן יאָהר, איז ער אַריינגעטראָטען אין דובלינער אוניווערזיטעט, און די פּאָליטישע רעוואָלוציאָנערע שטימונג, וועלכע האָט דאַן אָנגעהויבען אַרומהאַפּען גאַנץ אירלאַנד, האָט זיך אַרויס-

געוויזען אויך אין די ווענד פון אוניווערזיטעט, נאכדעם ווי א יונגעל, וועלכען עס איז פארגעשטאנען א גרויסע און טרויעריגע צוקונפט, האט אויף זיך געצויגען די אויפמערקזאמקייט סיי פון זיינע שול-חברים און סיי פון די פראפעסארען, — דער אויבענדערמאהנטער ראבערט עמעט, וועלכער האט שוין צו זעכצעהן יאהר בעקומען א גרויסען נאמען אדאנק זיינע גלענצענדע שטודיען אויפ'ן געביט פון מאטעמאטיק און פיזיק, צוזאמען מיט פאליטישער רעדנער-קונסט פון העכסטען גראד און אויסערגעוועהנליכער זעלטענער ריינקייט. איך האב שוין דערמאהנט וועגען דעם טיעפען איינדרוק, וואס זיינע רעדעס האבען געמאכט אויף מור'ן, וואס איז געווען פון דערזעלבער עלטער, אבער פיעל וויינער און ווענייגער ענטוויקעלט. הגם מען האט איהם געווארענט, אז ער זאל זיך ניט ווייזען עפענטליך אויף די גאסען צוזאמען מיט עמעט, האט ער אבער אין גיכען דערשפירט, אז ער איז מיט איהם פערבונדען דורך טיעפער ענטציקונג און הארציגער פריינדשאפט. קיין וואונדער! דאס איז געווען דער יונגער נאציאנאלער העלד פון אירלאנד, וועלכען דער יונגער דיכטער האט געטראפען אויף זיין וועג נאך אין די יונגע יאהרען. קיינער פון זיי האט דעמאלט נאך נישט געהאט פארויסגעזעהן די קינפטיגע גרויסקייט פון צווייטען, אבער דער אינסטינקט, וועלכער פיהרט צונויף גייסטער, וואס הארמאנירען צווישען זיך, האט זיי פעראייניגט נאך א סך פריהער, איידער דער דיכטער האט בעקומען די ווידמונג פון דעם העלד. „ווען מען זאל מיך פרעגען, זאגט מור, ווער פון די מענשען, וועלכע איך האב געקענט, האט מיר אויסגעזעהן צו פעראייניגען אין זיך די בעסטע פעהיגקייטען צוזאמען מיט דער גרעסטער מאראלישער הויכקייט, וואלט איך, נישט טראכטענדיג, אנגערופען ראבערט עמעט.‟

ראבערט עמעט איז געבוירען געווארען אין 1780; זיין עלטערער ברודער, טהאמאס איז געווען איינער פון די הויפט-אנפיהרער פון דער רעוואלוציע אין 1798 און נאך איהר דורכפאל

איז ער צודערשט איינגעזעצט געוואָרען אין געפענגניש און דער-נאָך פערטריבען געוואָרען פון לאַנד. די ערשטע געפיהלען פון ראָבערט זענען געווען: האַס צו דער ענגלישער טיראַניע און ליעבע צו די מאַרטירער פון אירלאַנד. שוין אַלס יונגעל האָט ער אַרויסגעוויזען האַראַקטער-פעסטקייט, וועלכע איז געווען דער אָנזאָג פון זיין נשמה-גרויסקייט אין די שפּעטערדיגע יאָהרען. ער איז געווען אַ מוסטער קודם כּל פאַר טאָמאַס מור. די איינפאַכקייט און רוהיגע גלייכמעסיגקייט, וועלכע איז געווען אויסגעגאָסען אויף זיין גאַנץ וועזען און פערבונדען מיט צאַרט-פיהלענדער געלאַסענקייט, איז גלייך פערשוואונדען געוואָרען, ווי נור עס איז אָנגעריהרט געוואָרען די סטרונע, וועלכע האָט בעוועגט זיינע געפיהלען, און דאַן האָט ער בעקומען אַ שטעמפּעל פון אַזאַ גייסטיגער איבערלעגענהייט, וועלכע האָט געמוזט ענטציקען דעם יונגען דיכטער. „צוויי מענשען, זאָגט מור, קאָנען נישט זיין מעהר פערשיעדען איינער פון אַנדערן, ווי דער דאָזיגער יונגערמאַן אין מאָמענט פאַר זיין ריידען און נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעהויבען ריידען. דער בליק, וואָס האָט ערשט פריהער אויסגעזעהן אַזוי מיעד און כמעט אָהן לעבען, האָט פּלוצלונג אויפגעשטראַהלט מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין טאַלענט. זיין געזיכט, זשעסטען און זיין גאַנץ אויסזעהן האָבען דאַן בעקומען אַ כאַראַקטער פון רוח הקודש. וועגען דער קראַפט פון זיין ריידען קאָן איך אורטיילען נור לויט מיינע יוגענד-ערינערונגען. אָבער איך האָב קיינמאָל שפּעטער נישט געהערט אַזוינס, וואָס זאָל אויסזעהן ריינער און ערהאַבענער". מור בעמערקט אויך, אַז עמעט האָט בעהערשט די אומגעבונג סיי דורך דער ריינקייט פון זיין לעבען, מילדקייט און ליעבליכקייט פון זיין כאַראַקטער, ווי אויך דורך זיינע קענטנישען און רעדנער-קראַפט.

קיין ספק נישט, אַז ראָבערט עמעט האָט, ביי זיין גאַנצער סימפּאַטיע צו מור'ן, געשפּירט, אַז מור איז נישט פון דעם מעטאַל, פון וועלכען עס דאַרף געשמיעדט ווערען דער מענש, וועלכער דאַרף שטעלען אויף דער קאָרט פון דער רעוואָלוציע זיין צוקונפט און זיין לעבען, אָבער ער האָט פיעל געהאָפט פון דעם

יונגען פּאָעט און איהם אָפּט בעזוכט; ער האָט געוויס בעמערקט, וואָס פאַר אַן אונגעוועהנליכען באָדען פון אָבקלאַנג עס האָבען געפונען זיינע אידעען און טרוימען אין דער האַרפע, וועלכע מור האָט געטראָגען אין זיין נשמה. ער פלעגט געוועהנליך זיצען ביים קלאַוויר פון מור, בשעת דער פּאָעט האָט געשפּיעלט די מעלאָדיעס פון די אירלענדישע ליעדער, און מור האָט נאָך אויף דער עלטער געדענקט, ווי אַזוי ראָבערט עמעט האָט איינמאָל אויסגעשריען, בשעת מור האָט פאַר איהם געשפּיעלט די מעלאָדיע פון אירלענדישען רעוואָלוציאָנערן הימן: „אָ, ווען איך זאָל שטעהן אָן דער שפּיץ פון 20,000 מאַן, וואָס מאַרשירען ביי די קלאַנגען פון דער דאָזיגער מעלאָדיע!‟

דאָס איז געווען אין יאָהר 1797 נאָכ'ן ענטדעקען די גרויסע אירלענדישע פערשווערונג. דאַן איז געקומען די נקמה מיט אַלע איהרע שרעקליכע מעשים. איינס פון די ערשטע רעזולטאַטען איז געווען די פאָרמעלע אינקוויזיציע אין די ווענד פון דער אוניווערזיטעט. די סטודענטען האָט מען איינציגווייז אַרויסגערופען לויט די פאַמיליעס און אויסגעפאָרשט. דאָס רוב פון זיי האָט גאַנץ וועניג, אָדער גאָרנישט געוואוסט וועגען די פּלענער פון די אָנפיהרער; ערשט דאָס פּלוצלונג'דיגע פערשווינדען פון אייניגע פון זיי, דערונטער אויך פון ראָבערט עמעט, האָט בעוויזען זייערע חברים, ווי טיעף זיי זענען געווען אַריינגעצויגען אין די פּלענער פון די פערשווערער. די טויטע שטילקייט, וואָס האָט געהערשט יעדען טאָג נאָכ'ן אַרויסרופען די סטודענטען, האָט געמאַכט אויף טאָמאַס מור אַ טיעפען איינדרוק. ער אַליין, בשעת מען האָט איהם אויסגעפאָרשט, האָט זיך אַרויסגעוויזען אַלס אַן אמת'ער סטודענט: ער האָט ערקלערט אין די אויגען דעם שרעקליכען לאָרד פיצגיבאָן, אַז די שבועה, וועלכע מען האָט פון איהם געפאָדערט, איז ער גרייט צו געבען נור מיט דעם בעדינג, אַז אויף קיין איינע פון די פראַגען וועט ער נישט ענטפערן, אויב ער זאָל דאַרפען דורכדעם אַריינציהען עמיצען פון די חברים אין אַן'אומגליק. און מיט מענליכען מוטה האָט ער איבערגעטראָגען די צאָרנדיגע ווערטער נאָך זיין דאָזיגער ער-

קלערונג. אַזוי ווי ער איז נישט געווען קיין מיטגליעד פון דער „אירלענדישער פעראייניגונג" און האָט ווירקליך נישט געוואוסט וועגן איהרע פּלענער, האָט מען איהם אין גיכען אַרויסגעלאָזט.

אין די נאָהנסטע יאָהרען איז אויסגעפאַלען מור'ס ערשטער אויפטריט אַלס פּאָעט. די שרעקליכע געשעהענישען, וואָס זענען געווען פערבונדען מיט דעם איינשטילען די פערשווערונג, האָבען איהם נישט געגעבען קיין מאַטעריאַל פאַר זיין פּאָעטישער שאַפונג, ווייל זיי זענען געווען צו-נאָהנט. עמעט איז אָבגעפאָהרען, זיין איינפלוס אויף מור איז אויף לאַנג פערשוואונדען געוואָרען און אים אַלגעמיין איז אין אירלאַנד די פּאָליטישע פּאָעזיע אויף לאַנג געוואָרען אונמעגליך. דעריבער איז דער יונגער פּאָעט, וועלכער האָט פון דער נאַטור געהאַט אַ דראַנג צו שאַפען פרעהליכע און לייכטע ליעדער, אַוועק מיט דעם וועג, וועלכער איז געווען אָפען פאַר זיין טאַלענט און יאָהרען: ער האָט צוערשט בעאַרבייט די אַנאַקרעאָנטישע ליעדער, האָט זיי פערעפענטליכט, ווען ער איז נאָך קיין צוואַנציג יאָהר נישט אַלט געווען, מיט אַ ווידמונג דעם פּרינץ-רעגענט, וועלכער איז דאַן געווען די האָפנונג פון די ליבעראַלען, און איז אין 1801 אַרויסגעטרעטען מיט אַ באַנד פּאָעמען, מעהרסטענס עראָטישע, יוגענדליך-ליידענשאַפטליך און עטוואָס לייכטזיניג.

ערשט אין 1807 ערשיינט דער ערשטער באַנד פון מור'ס „אירישע מעלאָדיעס'"—זיין יחוס-בריעף אויף אונשטערבליכקייט. אַלץ, וואָס זיין אומגליקליך פּאָטערלאַנד האָט אין פערלויף פון די יאָהרען פון שמאַך געליטען, זיינע שמערצען און זיפצען, זיינע מאָמענטען פון בעגייסטערטען שוואונג, קריעגערישער דרייסטקייט און געלעכטער דורך טרעהרען—דאָס אַלץ בליצט אַרויס דאָ און דאָרט פון צווישען די ליעדער, וואָס זענען אָנגעשריבען אין גלאַנצענדיגען, האַלב-מעלאַנכאָלישען לייכטזין און עראָטישער טרוימערי. דאָס איז געווען אַ קראַנץ, געפלאָכטען פון וועהטאָג, בעגייסטערונג און צערטליכקייט, אַ שמעקענדיגער טרוימער-קראַנץ, וועלכער האָט, ווי לכבוד אַ טויטען, אַרומגערינגעלט דעם שטערן פון זיין פּאָטערלאַנד. מיר הערען דאָ גאַנץ אָפט און מיט צו-

גרויסער בעגייסטערונג דערמאָהנען אירלאַנד׳ס נאָמען; איבער־הויפּט קומען אין די דאָזיגע געדיכטען זעהר וועניג נעמען—עס האָלט געווען אונפּאָרזיכטיג אָנצורופען אירלענדישע נעמען. אָבער באַלד האָט דער דיכטער פערהערליכט זיין געליעבטע אין אַזעלכע אויסדריקען, אַז מען האָט אין איהרע שטריכען לייכט דער־קענט די שטריכען פון ערין; באַלד האָט די געליעבטע אָנגעהויבען ריידען מיט אַזאַ שפּראַך, אַז מען האָט געשפּירט, אַז קיין ערדישע פרוי קאָן דאָ נישט געמיינט ווערען און די מיסטישע פאָרם האָט, ווי אין די אַלטע קריסטליך־אַלעגאָרישע ליבּ־געזאַנגען, נאָך פערגרעסערט די פּאָעטישע ווירקונג. וואָס איז פאָרגעקומען אין דער צווישען־צייט צווישען דעם ערשיינען פון מור׳ס לייכטע געדיכטען און דער אויפנאַהמע פון די דאָזיגע וואונדערבאַרע ליעדער? עס איז אַ לאַנגע און טרויעריגע געשיכטע. שוין דאָס פיערטע ליעד פון דעם באַנד הויבט זיך אָן:

זאָגט נישט אַרויס זיין נאָמען, זאָל ער רוהען אין דער שטיל
און אָהן בעעהרען זאָל ליעגען דער טויטער אין קבר;
פינסטער און שטום זאָל זיין זיי טרעהר, וואָס פליסט,
ווי דער טוי אויף דעם בערגעל אין דער פינסטערער נאַכט.

עס האַנדעלט זיך אַלזאָ וועגען איינעם, וואָס זיין נאָמען טאָר נישט דערמאָהנט ווערען, וואָס זיינע ביינער ליעגען נישט בעעהרט אין קבר, און וועלכען מען קאָן בעוויינען מיט שווערע, שטילע טרעהרען נור אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט.

אין דעם פאָלגענדען געדיכט ווערט ווידער געזאָגט, נישט דערמאָהנענדיג קיין נאָמען:

וועז איהם, דער דיך ליעבט, איז געבליבען נור
דער נאָמען פון שולד און פון פיין,
זאָג, צי וויינסטו, ווען זיי בעפלעקען אַ לעבען,
וואָס איז נור דיר אַליין געווידמעט געווען?
יאָ, וויין! ווי ביטער די פיינד זאָלען מיך שענדען,
דיין טרעהר וועט מיך רייניגען;

דען אויב איך מוז זיך שולדיג פאַר זיי אָנערקענען,
איז מיין שולד נור מיין אייביגע טרייהייט צו דיר!

אַז די דאָזיגע געליעבטע איז אירלאַנד, דאָס דערקענט מען שוין פון ערשטען בליק; אָבער אַ טרויער-קרעפּע פּערדעקט ווי-דער דעם העלד, וואָס זיין רוהם איז פערדונקעלט געוואָרען דורך זיינע פיינד און וואָס, חאָטש זיי האָבען איהם אָנערקענט פאַר שולדיג, איז ער געבליבען טריי זיין געליעבטער.

מיר בלעטערן אַ ביסעל ווייטער אין דער זאַמלונג, און מען שטויסט זיך אָן אויף אַ געדיכט, וואָס שטעהט אין נאָהנטער פערבינדונג מיט דיביידע אויבענדערמאָהנטע געדיכטען און וואָס שילדערט מיט זאַנפטע פאַרבען די פערלאָזטע געליעבטע פונ'ם ניט-דערמאָהנטען העלד:

זי איז ווייט פון קבר פון העלדען-יונגעל,
און פון ליעבהאָבער איז זי אַרומגערינגעלט,
דאָך זי שוויגט און וויינט און קעהרט זיך אָב,
דען אין קבר ליעגט איהר האַרץ, איהר לעבען.

זי זינגט פון דער היימאַט ווילדע געזאַנגען,
יעדע נאָטע, וואָס האָט זיס פאַר איהם געקלונגען;
אַח, עס פערשטעהט ניט דער, וואָס הערט דאָס ליעד,
אַז דאָס האַרץ פון דער זינגערין האָט לאַנג שוין געפּלאַצט.

ער האָט געלעבט פאַר דער געליעבטער, געשטאָרבען פאַר זיין לאַנד.
זיי זענען געווען פאַר איהם די שטערען פון לעבען;
ניט געווען קיין אויג, וואָס זאָל פאַר איהם ניט וויינען,
און ניט אומזיסט וואַרט ער אויף דער געליעבטער.

דאָרט, וואו די זון קושט מיט'ן לעצטען שטראַהל דאָס בערגעל,
דאָרט זאָלט איהר פאַר דער ערד מתפלל זיין,
אַז אַ שמייכעל פון מערב זאָל זיס מאַכען איהר שלאָף,
ווי אַ גרוס פון די היימישע ערטער.

דער לעזער האָט זיך שוין אָנגעשטויסען, אַז דער יונגער העלד, וועגען וועלכען עס הערען זיך אַזוי פיעל ריהרענדע קלאָג-טענער, איז נישט קיין אַנדערער, ווי מור׳ס אַמאָליגער אוניווערזיטעט-חבר, ראָבערט עמעט. איך האַלט פאַר זיכער, אַז מר זיין שיקזאַל האָט געגעבען מור׳ן די בעגייסטערונג פאַר זיינע שענסטע פרייהייטס-ליעדער צווישען די „אירלענדישע מעלאָדיעס״. ווען צוליעב דער רעוואָלוציע פון 1798 איז דער עלטערער עמעט געפאַנגען געוואָרען אויף דעם פאָרט סט. געאָרג און נאָכדעם אַרויסגעטריבען געוואָרען פון לאַנד, איז ראָבערט׳ן בעלונגען אויסצומיידען דעם אַרעסט, אָבער זיין פרייהייט האָט ער אויסגענוצט גלייך און אויסשליסליך אויף צו דיענען דער זאַך, וועלכע האָט זיין ברודער אַריינגעצויגען אין אַנ׳אומגליק און וועלכער ער האָט אַליין געווידמעט זיין לעבען. אין 1802 איז ער אַוועק קיין פאַריז און האָט געהאַט אַ געשפרעך מיט דעם ערשטען קאָנסול, וועלכער האָט, איבעריגענס, געמאַכט אויף איהם אַזאַ איינדרוק, אַז „ער זאָרגט זיך וועגען אירלאַנד אַזוי פיעל, ווי פיעל וועגען דער רעפובליק און דער פרייהייט״, און אויך עטליכע מאָל זיך געזעהן מיט טיילעראַנ׳ען, וואָס איז איהם נישט מעהר געפעלען, איידער דער קאָנסול, כּדי צו צוגרייטען דורך אונטערהאַנדלונגען מיט זיי דאָס שאַפען אַנ׳אונאָבהענגיגע אירלענדישע רעפובליק, געשטיצט אויף אַ פערבאַנד מיט פראַנקרייך. דאָס איז געשעהן אין דעם מאָמענט, ווען די גוטע בעציהונגען צווישען פראַנקרייך און ענגלאַנד, וואָס זענען אויף אַ קורצער צייט צוריקגעשטעלט געוואָרען דורך דעם שלום אין אַמיען, האָבען געהאַלטען ביי געבראָכען ווערען. באָנאַפאַרט האָט, דאַכט זיך, אַ קורצע צייט ווירקליך געטראַכט וועגען אַ דעסאַנט אין אירלאַנד—נאָך אויף דער אינזעל סט. העלענאַ האָט ער בעדויערט, וואָס אָנשטאָט קיין עגיפטען איז ער נישט געגאַנגען קיין אירלאַנד—און ראָבערט עמעט איז אין נאָוועמבער 1802 צוריקגעקומען אַהיים מיט קאַטעגאָרישע הבטחות, אַז דער דעסאַנט פון דער פראַנצויזישער אַרמעע וועט פאָרקומען אין אויגוסט 1803. מיט אונערמיעדליכער דרייסטקייט האָט ער ווידער דורכגעפיהרט

אין אירלאַנד אַ פאַרשווערונג. לויט זיין מיינונג, איז די רעוואָלוציע פון 1798 נישט געראָטן, ווייל עס האָט איהר געפעהלט אַנ׳אָפּעראַציאָנס-באַזיס אין דער הויפּט-שטאָדט. עס האָט זיך געהאַנדעלט קודם כל וועגען פערהאַפּטען דובלין, איבערהויפּט דעם שלאָס, וואָס זיינע טויערן זענען געשטאַנען אָפען אויף ביז אָוונד. טאָג און נאַכט האָט ער געמאַכט פאָרבערייטונגען צום אויפשטאַנד, מען האָט אָפּגעדונגען אַ סך הייזער אין פערשיעדענע טיילען פון שטאָדט, וואו מען האָט אָהן אויפהער אויסגעאַרבייט געוועהר, קוילען און פולווער; ער אַליין האָט שטענדיג געהאַט אַרום זיך אַ קליינעם שטאַב פון פופצעהן פערזאָן, כמעט אַלע מענשען פון פאָלק, וועלכע האָבען געאַרבייט אונטער זיין השגחה, און די קורצע צייט פון אַברוה, וועלכע ער האָט זיך ערלויבט, האָט ער פערבראַכט אין איינעם פון די פולווער-מאַגאַזינען, לעגענדיג זיך אויף אַ מאַטראַץ. הגם אין דער פערשווערונג זענען געווען אַריינגעצויגען ביז טויזענד פערזאָן, האָט זיך נישט געפונען צווישען זיי קיין בוגד און די בלוטדורשטיגע מאַכט האָט פריהער גאָרנישט אָנגעהויבען וויסען, וואָס עס גרייט זיך צו. דער קאַפּיטאַל פון עמעט האָט איינגאַנצען זיך אויסגעשעפּט צוליעב זיינע הוצאות, אָבער די אַרבייטער, וואָס האָבען איהם געדיענט, האָבען פאַר דער אַרבייט קיין בעלוינונג נישט גענומען. דאָ איז אין יולי פאָרגעקומען איינער פון די נישט-פאָראויסגעזעהענע צופאַלען, וועלכען קיין מענשליכע פאָרזיכטיגקייט האָט נישט געקאָנט אויסמיידען: איינער פון די פולווער-מאַגאַזינען איז אויפגעריסען געוואָרען און האָט דער׳הרג׳עט צוויי מענשען, פון וועלכע איינער איז געשטאָרבען אין עמעט׳ס אָרעמס. אויפ׳ן צווייטען טאָג האָט איינע פון די פּראָטעסטאַנטישע צייטונגען מודיע געווען דער רעגירונג, אַז די שלאָפט אויף אַ מינע. מען האָט, אַלזאָ, געמוזט אַרויסטרעטען, חאָטש מען איז נאָך נישט געווען צוגעגרייט, און נישט אָבוואַרטענדיג אויפ׳ן אָנקומען פון די פראַנצויזען, אויב נור מען האָט נישט געוואָלט פערניכטעט ווערען אָהן קאַמפּף. דעם 23-טען יולי איז אויף די ראָגען פון דובלין אויסגעקלעבט געוואָרען אַנ׳אידעלע און ענערגישע פראָ-

קלאַמאַציע צו דער בעפרייאונג פון אירלאַנד, געשריבען דורך ראָבערט עמעט אַליין; אָבער ווי נור עס איז געקומען דער אָווענד און ער האָט אין דער שפּיץ פון אַ קליינעם עולם גע־פּרובט אויספיהרען דעם אַנפאַל אויפ׳ן שלאָס, האָט ער זיך איי־בערצייגט, ווי שווער עס איז געווען צו פערלאָזען זיך אויף דיי־גע לאַנדסלייט אין אַ געפעהרליכען און ענטשיידענעם מאָמענט. ווי נור מען האָט זיך דערנעהענטערט צום שלאָס, איז די צאָהל פון זיינע מענשען אַלץ קלענער געוואָרען; ווען מען איז געשטאַ־נען פאַר דער טהיר, איז געבליבען נור אַ הייפעל פון זיינע טרייע מענשען און יעדע האָפנונג אויף אַ גוטען ערפאָלג געגען דעם וואַכענדען און גוט־בעוואָפענטען פיינד איז איצט פער־שוואונדען געוואָרען. אין דער ערשטער מהומה איז די פיהרער געלונגען אַבצוטרעטען צו די בערג פון וויקלאָוו, און דאָ האָט מען זיך שוין צוזאַמענגעס פערזאַמעלט אין אַ׳ אייניזאַמען טהאָל, כדי צו בעראַטען זיך. די מעהרהייט איז געווען ביי דער מיינונג, אַז עס איז נאָך קיין זאַך נישט פערלאָרען: עס איז גענוג איין סיגנאַל און גאַנץ אירלאַנד וועט אויפשטעהן ווי איין מענש. א. א. וו.; נאָר עמעט אַליין האָט זיך אָבגעזאָגט פון יעדער אילוזיע, בעוויזען דייטליך זיינע פריינד, אַז אַ וויטערדיגער קאַמפּף אין דעם מאָמענט און מיט אַזעלכע קעמפּפער, ווי די נישט־דיסציפּלינירטע פערשווערער, וועט נור ברייגגען צו אַ נייער בלוט־פערגיסונג פאַר דער שוין אַזוי אויך געליטענער בעפעלקע־רונג. ביים פונאַנדערגעהן זיך האָט מען פון אַלע זייטען געבע־טען ראָבערט עמעט׳ן, אַז ער זאָל אַנטלויפען; די איינציגע גע־לעגענהייט דערצו זענען געווען עטליכע פישער, וואָס האָבען אָנגעהערט צו דער פערשווערונג. דאַן האָט ער ערקלערט מיט אַ געוויסער פערלעגענהייט, אַז ער מוז דורכאויס נאָכאַמאָל זיין אין דובלין, כדי זיך צו בעגעגענען מיט אַ פּערזאָן, וועלכע איז פאַר איהם אַזוי טייער, אַז ער קאָן נישט פערלאָזען אויף לאַנג אירלאַנד און פריהער זיך נישט זעהן מיט איהר. „איך מוז זי זעהן, אפילו ווען מיר זאָל אויסקומען צוליעב דעם טויזענד מאָל צו שטאַרבען“.

די סאָלדאַטען האָבען איהם אומעטום געזוכט. זיין טרייע הויז-ווירטין, אַ יונג מוטיג מיידעל, איז אומזיסט געשטאָכען געוואָרען מיט באַגנעטען איבער דעם גאַנצען קערפּער און „אויף האַלב געהאַנגען”—זי האָט נישט פערראַטען און נישט אויסגעזאָגט, וואו ער געפינט זיך. מען האָט איהם ענדליך אויפגעזוכט. אַלע בעמיהונגען צו אַנטלויפען זענען צו-נישט געוואָרען דורך אַ שאָס פון אַ רעוואָלווער אין די פּלייצעס, און מען האָט איהם אַרעסטירט. ווען דער מאַיאָר, וועלכער האָט איהם אָבגעפיהרט, האָט געוואָלט פערענטפערן זיך פאַר'ן שיסען, האָט ער איהם קורץ געענטפערט, אַז אין קריעג איז אַלץ ערלויבט.

דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבען אַרום 10 אין דער-פריה. ווען דער פּראָקוראָר האָט אין זיין רעדע פערזיכערט, אַז די גאַנצע פערשווערונג האָט נישט געהאַט קיין אַנדער ווירקונג, ווי בולט'ער אונטערצושטרייכען די ליעבע פון אירלאַנד צו איהר קעניג, האָט עמעט אַלס ענטפער געבעטען, מען זאָל איהם ערלויבען איבערלעזען נור פאָלגענדען פּאַראַגראַף פון דעם דורך איהם רעדאַגירטען מאַניפעסט פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג: „פון איצט אָן ווערט בטל יעדע אָנווענדונג פון שטראָף דורך שמייסען און פייניגען אויף דעם אירלענדישען באָדען און עס טאָר אויף קיין פאַל נישט ווידער איינגעפיהרט ווערען.” נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבען די רעדע פון דעם עקעלהאַפטען אירלענדישען רענעגאַט, געוועזענער מיטגליעד פון דער אויפשטאַנדס-פאַרטיי, לאָרד פּלונקעט, וועלכער האָט אַלס עפענטליכער אָנקלאָגער בעוואָרפען עמעט'ן מיט זלזולים. דאַן האָט עמעט זיך אויפגעהויבען פון אָרט און געהאַלטען אַ פערטיידיגונגס-רעדע, וועלכע יעדער אירלענדער קען נאָך ביז היינט. ער האָט געזאָגט, אַז ווען ער זאָל, נאָכדעם ווי ער וועט אָנערקענט ווערען פאַר שולדיג, פער'משפט ווערען נור צום טויט, וואָלט ער נישט פערמאַטערט די אויפמערקזאַמקייט פון די אָנוועזענדע; אָבער דער אורטייל, וועלכער וועט אַרויסגעבען זיין קערפּער אונטער דער האַק פון תלין, וועט גלייכצייטיג איבערגעבען זיין נאָמען אויף דעם משפט פון דער עפענטליכער מיינונג, און דעריבער וויל ער ריידען. אויף די

שטורמישע איבעררייסונגען פון ריכטער האט ער געענטפערט מיט פאלקאמער רוה: „איך האב געהערט, מילארד, אז ריכטער האלטען אמאל פאר א פליכט געדולדיג אויסצוהערען און צו ריידען מיט הומאניטעט". און ער האט ווייטער גערעדט אזוי רויק, אז זיין רעדע האט מען דייטליך געהערט אין די אויסערליכע טהירען פון געריכטס-זאל, דערביי איז דאך אין זיין רעדע נישט געווען קיין זכר פון איבערטרייבונג אדער דעקלאמאציע; דאגעגען זיין שטים האט דורכגעמאכט מיט דער שענסטער פיינקייט פערשיעדענע מאדולאציעס. מיט געוויסע בעוועגונגען, וועלכע זענען געווען כאראקטעריסטיש פאר איהם און וואס האבען בעהאט אן׳אייגענטימליכען חן, האט ער זיך בעוועגט ארום דער באריערע און צוריק. נאך מיט 30 יאהר שפעטער האבען די, וואס האבען געהערט די רעדע, נישט געקאנט דערמאהנען זאהן טיעפער ערעגונג די גראציע און דעם שטאלץ, וועלכע ער האט ארויסגעוויזען צו זיינע ריכטער.

דער אורטייל איז ארויסגעגעבען געווארען און האט געלויטעט, אז נאך די נאכט 1 א זייגער דארף ראבערט עמעט פריהער געהאנגען און דערנאך הינגעריכטעט ווערען. עס איז געווען ארום 11 ביי-נאכט, ווען מען האט איהם צוריק אריינגעפיהרט אין געפענגניש. אין די לעצטע שעה׳ן האט מען איהם נישט געגעבען קיין רוה. מען האט איהם ארויסגעפיהרט אויף א פעלד 10 ענגלישע מייל ווייט, מורא האבענדיג, אז מען זאל מיט געוואלד איהם נישט בעפרייען פון תפיסה. ערשט איצט האט א בארמהארציגער טורמע-וועכטער איהם בעפרייט פון די קייטען, אין וועלכע מען האט איהם געשמידעט מיט אזא אכזריות, אז פון זיינע פערוואונדעטע גליעדער האט געשפריצט בלוט, און דערזעלבער וועכטער האט איהם אויך געגעבען א ביסעל עסען, ווייל פון 10 פריה, ווען עס האט זיך אנגעהויבען דער פראצעס, האט ער נישט בעקומען קיין עסען. נאכדעם איז ער אריינגעפאלען אין א קורצען, טיעפען שלאף; ער האט זיך אויפגעחאפט, און די עטליכע מינוט, וואס זענען איהם פערבליבען, האט ער אויסגענוצט צו שרייבען בריעף: איינעם צו זיין ברודער אין אמעריקא, דעם צווייטען—

צום ברודער פון מיס סאַראַ גוראַן, און דעם דריטען—צו איהר אַליין. נאָר דאָ האָט איהם איבערגעריסען אַ פריינד, וועלכער האָט איהם געוואָלט זעהן צום לעצטען מאָל. די ערשטע פראַגע עמעט'ס איז געווען, וואָס עס מאַכט זיין מוטער, און דער פריינד האָט מיט טיעף-אַראָבגעלאָזטע אויגען געמוזט איהם ענטפערן, אַז מיט צוויי טעג צוריק איז זי געשטאָרבען פון אומעט. זי האָט רוהיג צוגעקוקט, ווי מען האָט פריהער נאָך איינעם פון איהרע זיהן אַרויסגעטריבען פון לאַנד, מיט פעסטען מוטה האָט זי שטענדיג אויפגעבונטערט דעם צווייטען זוהן, ראָבערט, אין זיין וועג; אָבער ווען זי האָט געהערט, אַז דער זוהן, וואָס איז געווען דער שטאָלץ פון איהר לעבען, וואָס איז נאָך קיין 23 יאָהר נישט אַלט געווען, איז פער'משפט צום טויט, האָט איהר האַרץ געפלאַצט. ראָבערט האָט אָנגענומען די ידיעה רוהיג און געזאָגט: „אַזוי איז בעסער!" אין'ם בריעף צו מיס סאַראַ גוראַן האָט ער געשריבען: „איך האָב קיינמאָל נישט געשטרעבט צו בעקומען פאַר זיך אַליין כבוד און הויכע שטעלעס, מיר איז קיינמאָל נישט אָנגעגאַנגען וועמענס-עס איז לויב, אָבער איך וואָלט וועל'ען לעזען אין דעם שטראַהלענדען געזיכט פון סאַראַ, אַז איהר מאַן איז געווען געאַכטעט."

אַרום איינס אַ זייגער האָט מען איהם אַרויסגעפיהרט אויפ'ן עשאַפאָט. די מילדקייט און רוה פון זיין וועזען האָבען אַזוי שטאַרק בעהערשט די האַרטע נאַטורען, אַז איינער פון די טורמע-וועכטער האָט מיט טרעהרען זיך געזעגענט מיט איהם, בשעת מען האָט דעם פעראורטיילטען אַרויסגעפיהרט פון תפיסה מיט דעם תלין הינטער איהם; עמעט, ביי וועלכען די הענד זענען געווען געבונדען, האָט זיך אָנגעבויגען צו איהם און אַ קוש געטהון, און דער מענש, וועלכער האָט אין פערלויף פון 20 יאָהר לאַנג זיך איינגעלעבט מיט דער טורמע-אַטמאָספערע, איז געפאַלען פאַר איהם און פערלוירען דאָס בעוואוסטזיין. ראָבערט האָט אַליין אויפגעבונדען דאָס טיכעל אויפ'ן האַלז און געהאָלפען פערציהען דעם שטריק אויף זיין האַלז. דער תלין האָט דעם אָבגעשניטענעם קאָפּ געוויזען דעם פאָלק און הויך אויסגערופען: „דאָס איז דער קאָפּ פון ראָבערט עמעט, דעם מורד במלכות". אַ טויטע

שטילקייט איז געווען דער ענספער.

אויף מאָרגען האָט די אָפיציעלע צייטונג „לאָנדאָן קראָניקל“ געשריבען: „ביז דעם לעצטען מאָמענט איז ער געבליבען דערזועלבער, וואָס נעכטען בשעת דעם פּראָצעס, האָט אַרויסגעוויזען דעמזועלבען מישמאַש פון בטול און חוצפה און אויסגעזעהן, ווי ער לאַכט-אָב פון די שרעקליכע אומשטענדען, אין וועלכע ער האָט זיך געפונען. קיין זאַך קאָן נישט זיין מעהר אונעהנליך צו דער ווירקליך-קריסטליכער רוהיגקייט. גאָט זאָל אונז היטען פון מענשען מיט אַזעלכע פּרינציפּען! דאָך האָבען מיר נישט געזעהן קיין מענש, וואָס זאָל שטאַרבען אַזוי, ווי ער איז געשטאָרבען“...

אַזוי האָט גערעדט די אָפיציעלע פּרעסע; דאָס אונטערדריקטע אירלאַנד האָט געשוויגען ביי דער תליה פון איהר 23-יעהריגען ליעבלינג און, טריי זיין בקשה, האָט מען אויף זיין קבר קיין אויפשריפט נישט געשטעלט.

אָבער ווי נור עס האָבען זיך בעוויזען מור׳ס „אירלענדישע מעלאָדיעס“, האָט מען פּלוצלונג דערהערט, ווי אין די דאָזיגע ליעדער הויבען זיך און פאַלען, פּליסטערן און שרייען, מורמלען און קלאָגען דער שמערץ און דער פּראָטעסט פון אַ גאַנץ פאָלק ווי די חוואַליעס פון ים און מיט דער גוואַלטיגער קראַפט פון אַ נאַטור-עלעמענט. עס איז באַלד דאַן נישט געווען און עס איז אויך איצט נישטאָ קיין אירלענדישער פויער, וואָס זאָל נישט קענען דאָס ליעד „When he who adores thee“. אין אַמעריקאַ לייענט מען נאָך היינט אין אַלע שולען ראָבערט עמעט׳ס לעצטע רעדע. זי איז דאָס עוואַנגעליום פון דער רעוואָלוציע געגען ענגלאַנד.

מור דערהויבט זיך ביז דער העכסטער און איידעלסטער מדרגה אין אַזעלכע סטראָפען:

הויך האָט געשוועבט דיין האָפנונג, ווען אַרום איבער דער וועלט

האָבען אויפגעבליצט די שטראַהלען דון דירך שווערע וואָלקענס;

ווען צאָרניג האָט דער אמת צוריסען זיינע קייטען

און וויינע פּאַהנען, ווי זונען־שיין, האָבען געפלאַטערט
צרום.
אַ, שענער מאָמענט, וואָס ווערט דיך קיינמאָל שוין נישט
אומקעהרען!
ווען אַ הימן פון פריידהייט וואָלט דאַן די פעלקער
פעראייניגט
ווי זיס וואָלט דאַן געקלונגען זיין ליעד, מיין ערין!

און דאָס ליעד ענדיגט זיך מיט קללות געגען די אונ-
טערדריקער, וועלכע האָבען „אויפ'ן רויכערנדען מזבח פון טויט,
ווי פוריען אין בלוט געטריפט די יונגע האָפנונג פון דער פריידהייט".
וואָרדסוואָרט האָט געשריבען אַ ליעבעס־ערקלערונג צו ענג-
לאַנד, ווען זי איז געווען זיעגרייך און גרויס, סקאָט האָט בע-
זונגען שאָטלאַנד, ווען דאָס דאָזיגע לאַנד האָט אין גליקליכער
אויפבליהונג שוין אָנגעהויבען פערנעהמען אַ פלאַץ נעבען דער
בריטערליכער מלוכה, נאָר מור האָט זיינע הייסע ליעדער איבער-
געשיקט דעם לאַנד, וואָס איז געלעגען אונטערדריקט און פער-
בלוטיגט ביי די פיס פון זיין תלין. אין זיין געדיכט זאָגט ער:

דיך געדענקען? יאָ, ווי פערלוירען דו זאָלסט נישט זיין,
קיינמאָל, קיינמאָל וועל איך דיך ניט פערגעסען.
דו מיט דיין טרויער און פינסטערער פיין—טייערער
ביזטו מיר,
איידער די גאַנצע וועלט אין איהר בליהענדסטער צייט.

און ווען דו זאָלסט זיין בליהענד און מעכטיג און
גרויס,
די בלום פון די לענדער, דער פעריל פון ים,
מיט שטאָלצערן האַרץ וואָלט איך דיר ליעדער געזונגען,
אָבער דאַן נישט שטאַרקער וואָלט זיין דאַן מיין
ליעבע.

XI

ווען מען זאָל אין יאָהר 1820 געווען פרעגען אַן׳איינטע־ליגענטען, בעלעזענעם ענגלענדער: „ווער איז שעלי?״ — וואָלט יענער, אויב ער זאָל נור קאָנען געבען דערויף אַן׳ענטפער, אָהן ספק געענטפערט: „עס איז, דאַכט זיך, אַ שלים־מזל׳דיגער פאָעט פון העסליכע אַנשויאונגען און פון מעהר ווי צווייפעלהאַפטען כאַראַקטער״. דער „קוואַרטעל רעווי״, וועלכער פערנעהמט זיך נישט מיט פּאָליטיקעס, האָט וועגען איהם געזאָגט, אַז זיין לעבען איז „צוזאַמענגעמישט פון נידריגער גאוה, קאַלטען עגאָאיזם און אונמענשליכער אכזריות,״ און אַז די כאַראַקטעריסטישסטע אייגענשאַפט פון זיין פּאָעזיע איז דער פאָלקאָמער מאַנגעל פון יעדען זין. באַלד דערויף האָט ער אַרויסגעגעבען אַ פּאָעמע, וואָס זיינע פערזען רופט די „רעווי״ אָן: „מעלאַנכאָליש איבערגעדרעהטע פּראָזע, וועלכע איז דורכגעדרונגען מיט משוגעת.״

און ווען מיט צוויי יאָהר שפּעטער, נאָכ׳ן טויט פון דעם אַזוי נישט־גינסטיג אויפגענומענעם פּאָעט, וואָלט עמיצען געקומען אויפ׳ן געדאַנק זיך צו ווענדען צו איינעם פון די פערלעגער מיט אַ פראַגע, צי זיין פּאָעזיע, וועלכע איז אַזוי פיינדליך אויפגענומען געוואָרען דורך דער קריטיק, האָט וועניגסטענס קונים, וואָלט דער פערלעגער גלייך זיך בעקלאָגט איף דאָס שלעכטע געשעפט און וואָלט ערקלערט דעם פרעגענדען, אַז אין פערלויף פון גאַנצען לעבען פון שעלי זענען זיך נישט פונאַנדערגעגאַנגען אפילו קיין הונדערט עקזעמפּלאַרען פון קיין איינציגער פון זיינע פּאָעמען (אַחוץ „קעניגין וואַב״ און „סענסי״), און פון „אַדאָנאַאיס״ און „עפּיפּסיכידיאָן״ זענען נישט פערקויפט געוואָרען אפילו קיין צעהן עקזעמפּלאַרען.

ווי אַנדערש וואָלט געווען דער ענטפער איצט, ווען מען זאָל איצט פרעגען, ווער איז שעלי. אָבער איצט איז שוין אין ענגלאַנד נישטאָ אַזעלכער, וואָס זאָל שטעלען אַזאַ פראַגע.

דעם 4־טען אויגוסט 1792 איז געבוירען געוואָרען דער

גרעסטער לירייקער פון ענגלאַנד, ער האָט געשטאַמט פון אַנ'אַלט-אַדעליגער און אָנגעזעהענער פאַמיליע. זיין פאָטער איז געווען אַ באַראָנעט און בעזיצער פון אַ גרויס גוט, אַ מענש אַ בעגרענצטער, אַנ'אָנהענגער פון אַלץ, וואָס עקזיסטירט, בלויז דערפאַר, ווייל עס עקזיסטירט. דאָך איז די אונאָרדנונג אין שעלי'ס פאַמיליע געווען פונקט אַזוי טראַדיציאָנעל, ווי די ווילדקייט און גייסט פון גוואַלט-טהאַט אין בייראָנ'ס פאַמיליע. דער זיידע, אַ מענש אַנ'אונרוהיגער און עקסצענטרישער, האָט אַוועקגעפיהרט דריי פרויען, און דריי טעכטער זיינע זענען ווידער אַוועקגעפיהרט געוואָרען—שטריכען, אָן וועלכע מען דערמאָהנט זיך אַדאַנק אַ רייהע פאָרפאַלען אין לעבען פון אייניקעל, פונקט ווי פיעל האַנדלונגען פון בייראָן דערמאָהנען אונז, אז אַנ'אוצר פון שטאַרקע און שטורמישע ליידענשאַפטען זענען ביי איהם אָהן ספק געווען אַ ירושה פון זיין פאָטער און מוטער. אָבער די אונאָרדנונג איז נור געווען אַנ'אויסערליכע און ווייניג בעדייטענדע זייט פון שעליס נאַטור און לעבען. זי איז נור געווען דער סימפטאָם פון טיעפער עמפפינדליכקייט און נערוואָזיטעט, וועלכע הויבט-אָן צו בעווייזען זיך אין זיין לעבען נאָך אין די יונגע יאָהרען. אין דער שולע קומט-אויס איהם אַליין צו ליידען קריוודעס און ווערט אויפגעבראַכט פון די עולות, וואָס די שוואַכערע און יונגערע שילער מוזען אויסשטעהן מצד די עלטערע און מצד די לעהרער. קיינער, דאַכט זיך, איז נישט געווען אַזוי צוגעפּאַסט, ווי ער, פאַר אַ קרבן פון אַזעלכע עולות, איבערהויפּט פון יענע עולות, וועלכע האָבען איהם שפּעטער געטראָפען אין לעבען; ווייל אַלץ, וואָס איז געווען געמיין, נאַריש און שמוציג, האָט געהאַט אַ נאַטירליכע אַנטיפּאַטיע צו איהם און ער האָט קיינמאָל נישט געקאָנט האַרמאָנירען מיט עטוואָס אַזעלכעס אָדער מיט איינעם אַזעלכען.

ביי זיינע חברים איז שפּעטער נור געבליבען אין זכרון וועגען איהם, אַז ער האָט פערשוועכט די פּיעטעט און לאָיאַליטעט, אַז „ער האָט שלעכט זיך אָבגערופען וועגען זיין פאָטער און קעניג". די שול-חברים פלעגען איהם רופען „שעלי דער

משוגע׳נער״, אָדער „שעלי דער אַטעאיסט״; און אַזוי האָט צום ערשטען מאָל זיך צוגעקלעבט צו זיין נאָמען דאָס דאָזיגע שאַנד־וואָרט, וואָס האָט בעדאַרפט בלייבען ביי איהם דאָס גאַנצע לעבען, כדי יעדער גאָרנישט און שאַרלאַטאַן זאָל קאָנען דערמיט געגען איהם אַרויסטרעטען.

שעלי איז אויסגעוואַקסען אַ שלאַנקער און אַ שוואַכער, מיט שמאָלע אַקסלען, אונרעגעלמעסיגע געזיכטס־ציגען, אָבער אַ מויל האָט ער געהאַט אַנ׳אונגעוועהנליך שענס, אָנציהענד און קלוג, אויגען—ווייבליכע און כמעט מלאכ׳ישעס אין זייער בליק, דער אויסדרוק—אונגעוועהנליך בעוועגליך און וועקסלענדיג, אַמאָל פון אַ 19־יעהריגען בחור, אַמאָל פון אַ 40־יעהריגען מאַן. אין די לעצטע 10 יאָהר פון זיין לעבען איז זיין אויסדרוק געוואָרען אַ מענליכער, אָבער דאָך האָט ער צייטענווייז געמאַכט אַנ׳איינדרוק פון אַ האַלב־יונגעל, האַלב־פרוי. מען דערמאָהנט זיך די פער־וואונדערונג פון טרעלאַני ביי זיין ערשטען בעגעגעניש מיט שעלי. צי איז עס מעגליך? צי דאָס דאָזיגע יונגעל, מיט אַזאַ מילדען בליק, אָהן אַ באָרד, צי איז עס יענער אויסוואורף, וועלכער האָט צוריסען מיט דער גאַנצער וועלט און וועגען וועלכען זיי־נע קאָנקורענטען האָבען דענונצירט, אַז ער האָט געגרינדעט אַ טייוולאָנישע שולע אין דער ליטעראַטור? אין יענער צייט האָט דער אויסדרוק פון זיין געזיכט, וואָס זיין הויפט־אייגענשאַפט איז געוועזען שנעלקייט און ענטשלאָסענקייט, זיך געוואַקעלט צווי־שען פרעהליכקייט און ערנסט, ריהרענדען טרויער און גלייכגיל־טיגער מיעדקייט. דער דאָזיגער טרויער האָט האַרמאָנירט מיט די ווערטער פון זיין געדיכט צו עדוואַרד וויליאַמס:

דער האַס מאַכט מיך שטאָלץ, פון דעם שפּאָט בין איך צופריעדען;

און זאָגאַר די גלייכגילטיגקייט, וואָס האָט אַמאָל מיך געקרענקט,

איז מיר איצט גלייכגילטיג געוואָרען.

ער האָט אויסגעזעהן, בענוצענדיג דעם אויסדרוק פון

איינעם פון זיינע יוגענד-פריינד, איבערנאַטירליך אינטעליגענט, און מולרעדי, דעמאָלט אַ בעריהמטער פּאָרטרעטען-מאָלער, האָט געהאַלטען פאַר אונמעגליך צו מאָלען שעלי'ן, וויל ער איז גע-ווען „צו-שען".

אָט אַזוי דאַרפען מיר זיך פאָרשטעלען שעלי'ן צווישען זיינע פריינד אין דער יוגענד: עקזאַלטירט ווי אַ דיכטער, מוטיג ווי אַ העלד, מילד ווי אַ פרוי, בעשיידען און רויטלענדיג זיך ווי אַ יונג מיידעל, לייכט און געשיקט ווי אַריעל אין דער שיל-דערונג פון שעקספּיר. וויליאַמס האָט וועגען איהם געזאָגט: „ער קומט און געהט אַוועק ווי אַ גייסט, קיינער ווייסט נישט ווען און וואוהין."

זיין געזונד איז אין פערלויף פון זיין גאַנץ לעבען געווען זעהר שוואַך און ער וואָלט, וואַהרשיינליך, אינגאַנצען נישט אויסגעהאַלטען, ווען ער זאָל נישט געווען היטען די שטרענגסטע דיעטע. ער האָט געהאַט אַ נייגונג צו שווינדזוכט, ער האָט שטענדיג געליטען פון אַזעלכע נערווען-און ספּאַזמען-אַטאַקעס, אַז ער האָט פון וועהטאָג זיך געוואָרפען אויף דער ערד, און אָפט גענומען אָפּיום אויף צו פערלייכטערן די שמערצען; אין די פּעריאָדען, ווען ער האָט אַממעהרסטען געליטען, פלעגט דאָס פלעשעל מיט אָפּיום נישט אַרויסגעהן פון זיינע הענד. ווען ער האָט אין יאָהר 1816 בעזוכט די שפּיטאָלען אין לאָנדאָן און זיך געלערנט מעדיצין, כדי צו קאָנען פּפלעגען די אָרימע, איז ער שווער קראַנק געוואָרען און איינער אַ בעוואוסטער דאָקטאָר האָט איהם פאָראויסגעזאָגט דעם טויט פון אויסגעמאַטערטקייט. דאָך איז זיין ברוסט מיט איניגע יאָהר שפּעטער קרעפטיגער געוואָ-רען. צוליעב זיין בעזוכען די אָרימע אין די דערפער, וואָס זע-נען געווען אָנגעשטעקט מיט די עפּידעמישע קראַנקהייטען, איז ער קראַנק געוואָרען אויף אַ געפעהרליכער אויגען-ענטצינדונג; דיזעלבע קרענק האָט זיך צו איהם אומגעקעהרט אין 1817 און דערנאָך ווידער אַמאָל אין 1821. אַזוי אַז ער האָט אין יענער צייט נישט געקאָנט לייענען.

אַזוי טייער האָט ער בעצאָהלט פאַר זיין עקזאַלטירטער

מענשען-ליעבע, פאַר זיין פילאַנטראָפּיע, וועלכע איז פאַר איהם געוואָרען אַ רעליגיע. די דאָזיגע פילאַנטראָפּיע האָט איהם בעגלייט איבעראַל. ווען ער האָט געוואוינט אין מערלאָוו, אין ענגלאַנד, האָט ער מיט די קליינע הכנסות זיינע פערוואַנדעלט אַלע אָרימע פון דער אומגעגענד אַלס זיינע פענסיאָנערען, וועלכע פלעגען קומען צו איהם יעדע וואָך און אָבנעהמען זייער געהאַלט; ער פלעגט זיך זעצען אויף זייערע בעטען, אויב זיי האָבען צוליעב שוואַכקייט נישט געקאָנט שטעהן אויף די פיס. איינמאָל איז ער געקומען באָרוועס צו איינעם פון זיינע שכנים אין דאָרף, ווייל זיינע שיך האָט ער אַוועקגעשאָנקען אַנ'אָרימער פרוי. לויט זיין אייגענער איניציאַטיוו, האָט ער זיך אָבגעזאָגט כמעט פון דער גאַנצער ירושה לטובת זיינע שוועסטער, און דאָס איז געווען גלייך נאָך דעם פעריאָגען איהם פון אָקספאָרד; און ווען זיינע הכנסות האָבען דערנאָך בעטראָפען אַנ'ערך 1000 פונט יעהרליך, האָט ער דעם גרעסטען טייל אָבגעגעבען פאַר אָרימע, איבערהויפּט אָרימע אויטאָרען, פאַר וועלכע ער האָט געצאָהלט חובות און וועלכע ער האָט אויסגעהאַלטען מיט אַזאַ וואוילטעטיגקייט און איידעלקייט, וואָס האָט איבערגעשטיגען זיינע כחות.

עס איז בעקאַנט די געשיכטע פון זיין ערשטער הייראַט. מיט אַ שלעכט-פערשטאַנענער און איבערטריבענער ריטערליכקייט האָט ער צו 19 יאָהר ארויסגע'גנב'עט אַ 16-יעהריג שול-מיידעל, וואָס האָט זיך אין איהם פערליעבט ליידענשאַפטליך און וואָס האָט זיך געקלאָגט, אַז מען בעהאַנדעלט זי שלעכט אין דער-היים. דער פאָטער האָט זי געוואָלט צווינגען (!) צו בעזוכען ווייטער די שולע און זי געשטערט אין דער ליעבע צו שעלי. נאָך עטליכע וואָכען איז שעלי אַנטלאָפען מיט האַריעט וועסטבראָק קיין שאָטלאַנד און חתונה געהאַט מיט איהר. צוליעב די פיעל שאַרפע אָנפאַלען, וועלכע דער פאָעט איז אויסגעשטאַנען פאַר זיין דאָזיגער טהאַט, וואָלט נישט געשאַדט צו בעמערקען, אַז נישט קיין סך יונגע רייכע קריסטליכע באַראָנען וואָלטען חתונה-געהאַט מיט אַ טאָכטער פון אַ געוועזענעם גאַסט-ווירט, וועלכע ערקלערט אַליין איהר בריטקייט נאָכצוגעהן איהם

אַלס געליעבטע, די הייראַט איז געווען אַ רעזולטאַט פון צו-
אונרייפע סבות, כדי זי זאָל קאָנען זיין אַ גליקליכע. זי איז
איבערגעריסען געוואָרען און אין 1814 האָט שעלי זיך בעקענט
מיט דער 17-יעהריגער מאַרי באָדווין און אין איהם האָט זיך
צופלאַקערט די שטורמדיגסטע און פלוצלונג׳דיגסטע ליידענשאַפט צו
איהר. מאַרי, וואָס איז געווען די טאָכטער פון דער ערשטער בע-
ריהמטער קעמפפערין פאַר דער פרויען-עמאַנציפּאַציע און ראַדי-
קאַלען אויטאָר פון די שריפטען, וועלכע האָבען אין דער ערשטער
יוגענד פון שעלי געמאַכט אויף איהם אַזאַ טיעפען איינדרוק,
האָט מיט דער גאַנצער פרייהייט און היץ בעשאָנקען איהם איהר
ליעבע, און געבענדיג איהם איהר וואָרט, האָט זי עס געטהון
לויט איהר מאָראַלישען פּרינציפּ. זייערביידענ׳ס אַנשויאונג וועגען
גען הייראַט איז געווען צו-אידעאַל, כדי נישט אויסצוזעהן אין
די אויגען פון המון לייכטזיניג און אונמאָראַליש. אָבער אין טעג-
ליכען לעבען איז ער געווען נישט-פּראַקטיש און שוואַך. חאָטש
נור די געגענזייטיגע ליעבע, און נישט קיין רעליגיעזע און גע-
זעלשאַפטליכע פאָרמאַליטעט איז פאַר זיי ביידע געווען דער אמת-
היילינער הייראַטס-בונד, האָט ער דאָך אין אַ יאָהר שפּעטער צו-
ליעב פּראַקטישע מאָטיווען און צוליעב זיינע קינדער בעשלאָסען
חתונה צו האָבען מיט איהר.

מיט רעכט האָט מען איהם גערופען Cor cordium, דאָס
האַרץ פון די הערצער. דאָס הייסט: אַז דאָס, וואָס ער האָט
פערשטאַנען און געשפּירט, איז געווען דער מיטעלפּונקט און דער
תוך פון די זאַכען, זייער גייסט און נשמה, און די געפיהלען,
וועלכע ער האָט אַריינגעגאָסען אין די אויסדריקען, זענען געווען
די טיעפסטע געפיהלען, פאַר וועלכע דאָס וואָרט זעהט אויס צו-
האַרט, און וועלכע קאָנען געפינען דעם אמת׳ן אויסדרוק נור
אין דער מוזיק, אָדער, ווי ביי איהם, אין פערזען, וואָס זענען
אַזוי מוזיקאַליש און אַזוי רייך מיט האַרמאָנישע מעלאָדיעס. די
בעהאַלטענע מעלאַנכאָליע אין שעלי׳ס לידיק דערמאָהנט די לידיק
פון שעקספּיר, ווי, צום ביישפּיעל, דאָס קליינע ליעד פון דער
שפּינערין אין דער טראַגעדיע „Tea:i, דערמאָהנט די ליעדער

פונ'ם לין אין דער קאָמעדיע „וואָס איהר ווילט" אָדער די ליעדער פון דעסדעמאָנאַ און אָטעלאָ. דאָך דאָרט, וואו ער בלייבט אַממעהרסטען מיט זיך אַליין, איז ער לויט דער פיינקייט פון זיין פערז רייכער פון שעקספּיר און ער לאָזט זיך איבערהויפּט נישט פערגלייכען מיט קיין אַנדער דיכטער; ווייל העכערס האָט קיינער נישט דערגרייכט.

אין שטאַרקסטער סתירה צו דער דאָזיגער אויסערגעוועהנליכער אינערליכקייט זעהט אויס צו זיין די אייגענטימליכקייט שעלי'ס, וועלכע עס וועט וואַהרשיינליך בעמערקען יעדער, וואָס קען איהם נור פון אַנטאָלאָגיעס: אַז זיינע בעריהמטע לירישע דיכטונגען האָבען אַלס זייער טעמאַ די געפיהלען, וואָס ליעגען אויסערהאַלב דער ספערע פון געפיהל און זאָגאַר אויסערהאַלב דער ספערע פון מענשליכען לעבען, אַז די דערצעהלען וועגען ווינטען און וואָלקענס, וועגען בעוועגליכען לעבען פון די אויסערליכע עלעמענטען, וועגען דער אונבעגרענצטער פרייהייט און שטורמישען דראַנג פון די וואַסערן און ווינטען. דאָס זענען מעטעאָראָלאָגישע און קאָסמישע דיכטונגען. אָבער עס איז דאָך נישטאָ קיין סתירה דערין, וואָס דער פּאָעט פון דער גרעסטער אינערליכקייט זעהט אויסערליך אויס ווי דער אויסערליכסטער פּאָעט. די סבה דערפון געפינען מיר אויסגעדריקט אין אַ קליינער אָבהאַנדלונג „וועגען דער ליעבע". דאָרט שילדערט ער די ליעבע אַלס אַן'אונבעזיעגבאַרען דראַנג צו סימפּאַטיע: „ווען מיר דענקען, ווילען מיר, אַז מען זאָל אונז פערשטעהן; ווען אונזער פאַנטאַזיע בויט געשטאַלטען, ווילען מיר, אַז די פרעהליכע קינדער פון אונזער מח זאָלען ווידער געבוירען ווערען אין אַנדערע מוחות; ווען מיר פיהלען, ווילען מיר נישט, אַז אַ מויל פון אונבעוועגליכען אייז זאָל ענטפערן די ליפּען, וואָס ציטערן און ברענען מיט דעם בעסטען בלוט פון האַרץ. דאָס איז ליעבע. ענטדעקען אַזאַ גייסט, וואָס זאָל קאָנען אָבשאַצען אונזער גייסט, ענטדעקען אַזאַ פאַנטאַזיע, וואָס זאָל אַריינדרינגען אין די פיינע און סובטילע אייגענטימליכקייטען, וועלכע מיר ענטוויקלען און פּלעגען מיט אַרייד אין דער שפּיל, דאָס איז יענער פערבאָר-

גענער און אונדערגרייכבאַרער פונקט, צו וועלכען עס שטרעבט די ליעבע. דערפון נעהמט זיך, וואָס אין צושטאַנד פון איינזאַם־קייט, אין וועלכער מיר געפינען זיך צווישען מענשען, וואָס סימפּאַטיזירען נישט מיט אונז, ליעבען מיר די בלומען, דאָס פרישע גראָז, דעם הימעל, די שפּראַך פון ווינט און די מעלאָ־דיע פון די חוואַליעס מיט דערזעלבער ענטציקונג, מיט וועלכער מיר הערען די מעלאָדיע פון אַ געליעבטער, וואָס איהר גע־זאַנג איז בעשטימט נור פאַר אונז אַליין."

אין אַנ'אָנמערקונג צו דער „פּעע פון אַטלאַס" זאָגט שעלי דאָסזעלבע: אַז די איבערצייגונג, אַז ער וועט נישט געפינען ביי זיינע לאַנדסלייט נישט קיין סימפּאַטיע און נישט קיין ערפאָלג, ווי אויך די מורא, אַז דורך דעם פערטיעפען זיך אין די ליי־דענשאַפטען זאָל ער נישט אויפרייצען די וואונדען פון זיין האַרץ, האָבען איהם געטריבען דערצו, ער זאָל זוכען צו פער־געסען זיך אין די גרעהליכע וועלטען פון זיין פאַנטאַזיע.

זיין טיעפער דראַנג צו סימפּאַטיע, און וואָס די אַרומיגע סביבה האָט איהם ענטזאָגט, אָט דאָס איז געווען די סבה, וועל־כע האָט פערוואַנדעלט זיין בליק אויף דער נאַטור אין אַנ'אונ־געוועהנליכע גליהענדע בענקשאַפט צו דער נאַטור און צוגעגע־בען איהר אַ טיעפע אָריגינאַליטעט. אין דער ענגלישער פּאָעזיע איז עס געווען עטוואָס אונערהערטעס. אָנשטאָט דער שטייפער געקינסטעלטער שולע פון פּאָפּ איז געקומען די אָזערעס־שולע. פּאָפּ האָט די שולע פערפומירט מיט אַפעקטאַציעס, די אָזערעס־שולע האָט געעפענט בּרייט די פענסטער צו דער פרישער אַטמ[ז]ספערע פון די בערג און אָזערעס. אָבער די ליעבע צו דער נאַ־טור ביי וואָרדסוואָרט'ן איז געווען אָהן ליידענשאַפט. די נאַטור איז פאַר איהם נור געווען אַנ'אָבּפרישונג און שטאָף פאַר פראָ־טעסטאַנטישע מחשבות. דאָס קליינע בלימעל, וואָס האָט איהם נעגעבען געדאַנקען, האָט ער זיך איינגעשטעקט אין לאַץ פון די לאַצען און זיך געבאַצקעט דערמיט, בעטראַכט עס פון אַלע זייטען מיט שטילער ווירדע, צוטראַכטענדיג עפּיס אַ שענעם פער־גלייך. שעלי אָבער וואַרפט זיך אין די אָרעמס פון דער נאַטור.

ווען די מענשליכע וועלט ווערט פאַר איהם מערקווערדיג. און דע־ריבער שפּירט ער נישט די נאַטור, ווי אַנדערע, אַלס עפּיס אַ זאַך, וואָס שטעהט אויסער איהם, קאַלט, גלייכגילטיג, אָדער גרויזאַם. איהר שטיינערנע רוהיגקייט בנוגע צו די ליידען און פריידען פון מענשען, איהר געטליכע גלייכגילטיגקייט צו אונזער לעבען און טויט, צו אונזערע קורצע טריאומפען און לאַנגע ליי־דען, זענען פאַר שעלי מילדקייט און גוטסקייט אין פערגלייך מיט דער נאַרישקייט און ווילדקייט פון דער מענשליכער וועלט. אין זיין „פעטער בעל III“ מאַכט ער אַ פאָרוואורף וואָרדסוואָרט׳ן דערפאַר, וואָס ער ליעבט די נאַטור ווי עפּיס אַ מאָראַלישען עונוך, דערפאַר וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געוואַגט אויפצו־עפענען איהר גאַרטעל; ער אַליין ליעבט זי, ווי מען ליעבט אַ געליעבטע, געהט נאָך ווי אַ שאָטען אין אַלע איהרע פערבאָר־גענסטע וועגען, זיין פולס קלאַפּט אין געהיימניספולער סימפּאַטיע מיט׳ן פולס פון דער נאַטור; פונקט ווי זיין אַלאַסטאָר, זעהט ער דעם גייסט פון דעם ווינט און פון דער לופט מיט שטראַהלענ־דע אויגען, מיט פרישען אָטעם און געהט זיי נאָך מיט לייכטע טריט

ער רופט אָן די חיות און פלאַנצען זיינע געליעבטע ברי־דער און שוועסטער, און מיט זיין טיעפער עמפפינדליכקייט און לייכט אויפציטערנדען געפיהל פערגלייכט ער זיך צווישען די חיות מיט אַ חאַמעלעאָן, און צווישען די בלומען—מיט אַ מימאָזע. אין איינער פון זיינע פּאָעמעס רעדט ער וועגען די חאַמעלעאָ־נען, וואָס לעבען מיט ליכט און לופט, ווי דער פּאָעט מיט ליעבע און רוהם. און וואָס בייטען צו צוואַנציג מאָל אין טאָג זייער קאָליר מיט יעדען שיין פון דער זון, און דאָס לעבען פון פּאָעט אויף דער דאָזיגער קאַלטער ערד פערגלייכט ער מיט דעם לעבען, וועלכעס עס וואָלטען געפיהרט די חאַמע־לעאָנען, ווען זיי זאָלען פון געבוירען אָן לעבען אין אַ הייל אונטער דעם ים. אין אַ צווייטער וועלט-בעריהמטער פּאָעמע דער־צעהלט ער, ווי אַזוי די מימאָזע וואַקסט אין גאָרטען, און דער

הינגט ערנעוערט זי מיט ווילבערנעם טוי און ווי אַזוי זי פערמאַכט זיך ביי די קושען פון דער נאַכט.

און יעדעס בלימעלע אַרום אָטעמט פריי
מיט דער לופט און שיין, וואָס זיין שכן געניסט,
ווי דאָס יונג פערליעבטע פּאָריל ביים צערטליכען קוש
אָטעמט צוזאַמען פון דער געמיינזאַמער לופט.
נאָר די מימאָזע, זי קאָן נור ווענינ געבען
גליהענדע תאוה פאַר דער ליעבע וועגען,
זי נעהמט מעהר פון אַלע און ליעבט מעהר,
ווי די ליעבע קאָן איהר געבען,
וויל, אָ, די מימאָזע פערמאָגט נישט די שמעקענדע
בלימען,
וואָס ענטגליהען אַזוי שען אין די שימערענדע פאַרבען;
זי ליעבט, ווי די ליעבע זעלבסט און בענקט צו דער
שענקייט,
דאָס, וואָס איהר פעהלט, דאָס ליעבט איהר הערץ.

לאָמיר ווייטער לייענען שעלי׳ס בעריהמט געדיכט „דער וואָלקען״. אַלע עלעמענטאַרע נאַטור-קרעפטען שפּיעלען און שטיפען דאָ מיט דער פרייעסטער פרעהליכקייט, מיט טיטאַנישער לעבענס-לוסט, מיט ריעזיגער וואוילטעטיגקייט און מילדקייט צו דער ערד. וואָס פאַר אַ שטורמישע פרישקייט און געזאַנג פון דעם וואָלקען, ווען אויף די דורשטיגע בלומען שיקט ער אַראָב דעם דערקוויקענדען רעגען פון די ימים און טייכען, ווען ער שיקט אַראָב לייכטע שאָטענס אויף די בלעטלעך, וואָס רוהען אין זייערע מיטאָגס-טרוימען. ווילד און בייז איז דער וואָלקען, ווען ער פערשפּרייט זיך מיט זיין קלאַפּענדען האָגעל, אָדער ווען ער שפּריצט מיט שניי אויף די בערג, כדי צו קאָנען אַ גאַנצע נאַכט שלאָפען אין די ווייסע אָרעמס פון שטורם, אָדער ווען ער צולאָזט אַזוי זי שטורם-ווינטען, אַז די וואולקאַנען זאָלען טונקעל ווערען און די שטערען זאָלען פערציטערן; דער וואָלקען איז שטאָלץ, ווען ער פליהט-דורך מיט דעם דונער-גע-

לעכטער; ער איז הערליך, ווען דער בלוטיגער אָבענד-אויפגאַנג
מיט זיינע מעטעאָר-אויגען שפּרינגט אויף דעם רוקען פון דער
זעגעלנדער פינסטערניש, און ער איז שטיל, איינגעשלעפט אין
זיין פרעהליכען נעסט, ווען פון הימעל פאַלט אַראָב דער רויטער
מאַנטעל פון אָווענד, און דאָרט אונטען אָטעמט אין זיך אַריין
דער העלער ים זיין הייסע בענקשאַפט צו רוהה און ליעבע. ער
שפּירט זיין קראַפט, ווען, ווי אַן'אונגעהויערע בריק, געדיכט
און פינסטער, הענגט ער פון איין עק באַרג ביז דעם צוויי-
טען; ער פרעהט זיך מיט'ן נצחון, ווען דער רעגענבויגען,
וואָס איז געוועבט פון מיליאָנען פאַרבען, איז דער טריאומף-
בויגען, דורך וועלכען ער פליהט דורך מיט שטורם, פייער און
שניי. אָבער שטענדיג שפּיעלט ער ווי אַ קינד; אויב די שטראַה-
לען פון דער זון וואַרפען איהם אַראָב פון הימעל, צולאַכט ער
זיך נור און מיט געלעכטער ווערט ער ווידער געבוירען אין
זיין „נישט" און ווידער שטייגט ער אַרויף אויף דעם בלויען
קאַפּעל פון דער לופט.

אין דער דאָזיגער גרויסאַרטיגער קינדליכקייט, מילדקייט
און אַלליעבע פון די וואָלקענס וואַרפט זיך אונז אין די אויגען
נישט בלויז דער גענענזאַץ פון בייראָנ'ס פינסטערער ליידענ-
שאַפט—מיר זעהען דאָ אויך אַ שטריך, וועלכען איך וועל דאָ
נור פאָרלויפיג אָנמערקען, אומקעהרענדיג זיך דערצו שפּעטער:
דאָס איז דער אוראַלטער און פרימיטיווער כאַראַקטער פון יע-
דער פּאָעזיע, וועלכע דערמאָהנט די עלטסטע אַרישע הימנען
פון ווערען און האָמער. אין פערגלייך מיט זיי איז בייראָן מאָ-
דערן. ווען דער וואָלקען רעדט וועגען יענער אין ווייסע פלאַ-
מען געקליידעטער יונגפרוי, וועלכע די שטערבליכע מענשען רו-
פען אָן לבנה, וואָס געהט אַרום בלישטשענדיג איבער דעם ווייס-
סען טעפּיך און וואָס איהרע שטילע טריט פון איהרע נישט-
געזעהענע פיס הערען נור מלאכים, דורכברעכענדיג דאָס געוועב
פון איהר דינעם געצעלט-דאַך, אָדער ווען ער בעזינגט דעם בלו-
טיגען זונען-אויפגאַנג מיט די מעטעאָר-אויגען, דאַן האָט דער
פּאָעט מיט דער פרימיטיווער פרישקייט פון זיין פאַנטאַזיע אי-

בערגעטראָגען דעם לעזער אין יענע צייטן, ווען די ערשיינונגען פון דער נאַטור זענען מיט דער פולער פרישקייט פערוואַנדעלט געוואָרען אין מיטאָלאָגיען.

די דאָזיגע נאַטור-ערשיינונגען זענען אויך פאַר שעלי געווען אייביג ניי. ער האָט געלעבט צווישען זיי גאַנץ אַנדערש, איידער וועלכער-עס-איז פון די פּאָעטען פאַר איהם און נאָך איהם. זיין קורץ, 29-יעהריג לעבען האָט ער פערבראַכט כמעט שטענדיג אויף דער לופט, דער ים איז געווען זיין ליידענשאַפט, ער איז שטענדיג אַרומגעפאָהרען אויפ'ן ים, און ליעגענדיג אין שיף האָט ער געשאַפען זיינע שענסטע פּאָעמען, בשעת די זון האָט געברענט זיין גייסטרייך געזיכט און זיינע דעליקאַטע הענד. די ליידענשאַפט צום ים איז געווען זיין לעבען און די אמת'ע סבה פון זיין טויט. אַלץ, וואָס איז נוגע שיפען און זעגעלען, האָט געוואָסט פאַר איהם אַנ'אינטערעס. ער איז דאָ געווען אַ פּאָלשטענדיג קינד. עס איז געווען זיין אייביג פערגניגען צו מאַכען פון פּאַפּיר קליינע שיפלעך און זעהן, ווי אַזוי זיי שווימען אָב. איינמאָל, ווען ער האָט שוין נישט געהאַט ביי זיך קיין פּאַפּיר, האָט ער גענומען אַנ'אַסיגנאַציע פון 25 פונט און עס געלאָזט אַלס שיף איבער דעם גאָרטען-קאַנאַל. שווימען האָט ער נישט געקענט. ווען ער איז בשעת די אונאויפהערליכע שפּאַצירען מיט בייראָנ'ען איבער דער גענפער אָזערע איינמאָל שיער נישט דערטרונקען געוואָרען, האָט ער זיך אָבגעזאָגט פון יעדער הילף און מיט דער פולער רוה געוואַרט אויפ'ן טויט. „מיינע געפיהלען, שרייבט ער, וואָלטען דאַן געווען ווייניגער שמערצליך, ווען איך וואָלט זיין אַליין, אָבער איך האָב געוואוסט, אַז מיין חבר וועט זיך בעמיהען מיך ראַטעווען, און מיך האָט טיעף געפייניגט דער געדאַנק, אַז זיין לעבען קאָן זיין אין געפאַהר, בשעת ער וועט ראַטעווען מיין לעבען.“ אָבער אין עטליכע יאָהר אַרום האָט ער נישט איינמאָל געטראַכט מיט שמערצליכע געפיהלען וועגען אַזאַ טויט. ווען מיט אַ פּאָר חדשים פאַר זיין טויט איז ער איינמאָל שיער נישט דערטרונקען געוואָרען, האָט ער געזאָגט: „עס איז געווען אַ גרויסע פּראָבע; איב עס איז אמת,

וואָס עס זאָגען אַלטע ווייבער, האָב אין אין דער מינוס געקאָנט זיך געפינען אויף אַנ'אַנדער פּלאַנעט". אָבער שעלי האָט געהאַט אַ נאַטור פון אַ סאַלאַמאַנדראַ, ער האָט געלעבט מיטן פולען לע־בען ערשט אונטער דער גליהענדער זון. ליעגענדיג אין אַ וואַלד ביים טייך אַרנאָ, ביי פלאָרענץ, האָט ער אָנגעשריבען זיין מיי־סטער־ווערק „אַנ'אָדע צום מערב־ווינט". די גאַנצע נשמה פון מערב־ווינט און פון שעלי איז אויסגעדריקט אינ'ם סוף פון דעם ליעד:

אָ, טראָג מיך אַוועק אַלס בלאַט, אַלס חוואַליע בלויז!
איך פאַל דאָ נידעריג, איך בּערבלוטיג זיך!
געבראָכען און פערוואונדעט, זינקט דאָ אין אונמוט
אַזאַ גייסט—ווי דו, שטאָלץ, מילד און פריי.
לאָז מיך זיין, ווי דער וואַלד, דיין האַרפע,
פאַלען דען נישט צו דר'ערד מיינע בלעטער ווי זיינע?
דער הויך פון דיינע מעכטיגע מעלאָדיען
רופט־אַרויס ביי אונז ביידען אַ הערבסט־ליעד,
אַ זיס, אָבער טרויעריגס. זיי דו, שטאָלצער גייסט,
מ יי ן גייסט! זיי א יך, דו שטורמישער העלד!
צוטראָג מיינע גרוב־געדאַנקען איבער דער גאַנצער ווערלט,
גלייך די פערוועלקטע בלעטלעך, וואָס לעבען־אויף צום נייעם פריהלינג.
איך שווער ביים ליעד, וואָס רייסט מיך אין די ווייטענישען,
אַז דו וואָלסט, ווי די פונקען אין אַש פון גליהענדען פייער,
מיינע ווערטער איבער דער וועלט פערשפרייטען!
זיי פאַר דעם ערד־קרייז דורך מיין מויל דער שאַל פון נבואה!
אָ, ווינט! זאָג אַליין, ווען עס קומט דער ווינטער,
צי קאָן דער פריהלינג ווייט זיין?

מיר פערגלייכען די דאָזיגע אָדע מיט דער שענער שטע־לע אין דריטען ליעד פון „טשיילד האַראָלד״, וואו בייראָן שריים-אויס:

וואָלט איך געקאָנט פערקערפערן אַלץ, וואָס לעבט אין מיר,
און וואָלט איך געקאָנט אַן׳אויסדרוק געפינען פאַר אַלע די געדאַנקען,
וואָס פילען-אָן דאָס האַרץ, נשמה, ליידענשאַפט און לוסט און פיין,
אַלץ, וואָס איך האָב געזוכט אין זיך, און מיין גאַנץ וויסען
זאָל אין איין איינציג וואָרט זיך אויסגיסען,
און אויב דאָס וואָרט זאָל אַ בליץ זיין!

אָדער פערגלייכען מיר זי מיט דעם אָרט, וואו אויף דער גענפער אָזערע בשעת אַ ווילדען נאַכט-שטורם רופט ער אויס:

אָ, לאָז מיר טיילען מיט דיר דיין ווילדע לוסט,
אַ טייל פון שטורם און אַ טייל פון דיר!

דאָ האָבען מיר פאַר זיך אַ גלענצענד ביישפיעל פון דעם געגענזאַץ צווישען דער נאַטור פון איין דיכטער, וואָס גיסט זיך צונויף מיט אַלץ אַרום, און פון דעם, וואָס פאָדערט-אַרויס אַלץ. שעלי וויל נישט, ווי בייראָן, אַרויסציהען ביי דער נאַטור איהר דונער-קראַפט. ער ליעבט נישט די נאַטור, ווי זיין וואָפען, נאָר ווי זיין אינסטרומענט; ער ליעבט זי, נישט מורא האָבענדיג פאַר איהרע אונגעהויערע פראָפאָרציעס, גלויבענדיג אין איהר ריעזענהאַפטער גרויס, און ער נעהמט-אויף דעם וועלטאַל אַלס זיין היים. אַם-ליעבסטען לעבט זיין פאַנטאַזיע צווישען די הימעל-קערפער, ער ווערט צוגעצויגען פון זייער שענהייט און זייער לעבען, ווי אַנדערע פון דער שענהייט פון דער רויז און פון „פערגעס מיך נישט״.

וואָס פאַר אַ גוואַלטיגע וועלט-בעהערשענדע פאָעזיע גע-

פינט זיך, למשל, אין דעם געדיכט, וואס ער האט געשריבען צו
דער ידיעה וועגען נאפאלעאנ׳ס טויט:

ווי? לעבסטו נאך און ביזט נאך אזוי שטאלץ, ערד
ווי אמאל, בעדעקסטו נאך דיין אלטע ברוסט מיט
שימערענדען גרינס?
דו, לעצטער גליעד פון דער שטערען-משפחה, שפאצירסט
נאך ווייטער פון יאהר צו יאהר?
איז דיין לייב נאך נישט געשטארבען, ווען דער גייסט
איז שוין אוועק?
דו בעוועגסט זיך נאך, ווען נאפאלעאן איז טויט?

ווי? איז דען דיין הארץ נישט קאלט? לעבט נאך א
פונק אין דיין ערד?
האט דען נישט געשאלט זיין טויט-ליעד און דו לעבסט
נאך, מוטער-ערד?
דו ווארימסט נאך דיין פערוועלקטע האנד ביים
אויסגעלאשענעם פייער,
פון דעם פייערדיגסטען פון אלע גייסטער איז אש
געווארען,
און דו לאכסט נאך אזוי פרעך, ווען ער איז נישטא?..

די ערד יובעלט: „מיין ברוסט איז נאך שטאלצער און
לעבענסלוסטיגער.
צעהנטויזענדפאכיגער ערפילען מיך די טויטע מיט
אימפעט, גלאנץ און לוסט.
פערוואלקענט, קאלט און חמורנע בין איך געוועזן, ווי
דער אייז-קאלטער חאאס.
אין די פלאם, וואס האט איהם פערברענט, האט מיין
הארץ אנגעווארימט.
איך ערנעהר דעם, וואס מיך ערנעהרט”.

פאר שעלי איז די ערד נישט קיין אבערגאס: זי איז א
לעבעדיגער גייסט, וואס אין זיינע אונבעקאנטע אינערליכקייטען

לעבט אַן׳אייביג נישט-געהערטע שטים, נאָר דאָס שווייגן ווערט איבערגעריסען אין דעם מאָמענט, ווען עס ווערען איבערגעריסען די קייטען פון פּראָמעטעאוס.

ווען יופּיטער ווערט געשטירצט אין אַן׳אָבגרונד, הויבען אויף די ערד און די לבנה איינע נאָך דער אַנדערער אַ פרייד-געזאַנג, אַ הימן, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכען נישט. די ערד יובעלט צוליעב דער באַפרייאונג פון דער גייסטער-טיראַניי, די לבנה זינגט דער ערד איהר גליהענדע און ענטוזיאַסטישע ליעבעס-ערקלערונג, דערצעהלט, ווי זי בלייבט שטיל און שטום, ווען דער שאָטען פון דער ערד פאַלט אויף איהר און בעדעקט זי, און ווי פול מיט ליעבע זי איז דאַן צו דער שענער ערד. איהר אונפרוכטבאַרקייט הערט-אויף, לעבעדיגע בלומען וואַקסען אויס אויף איהר איבערפלאַך, זי הערט מוזיק פון ים און פון דער לופט, ביים געקרייזעלטע וואָלקען רינגלען זי אַרום, שוים פון דעם רעגען, פון וועלכען עס טרוימען די יונגע קנאָספען, און זי יובעלט: „דאָס איז ליעבע, אַלץ איז ליעבע!"

שעלי׳ס פאַנטאַזיע מאַכט קלאָר דאָס גאַנצע לעבען פון דער נאַטור, און מיט דער נאַאיוויטעט פון אַ קינד ענטציקט ער זיך מיט יעדען איינציגען עלעמענט. די פּאָעט פרעהט זיך, למשל, מיט דעם פייער:

דער מענש זעהט זעלטען די שענקייט פון פייער.
יעדע פלאַם, ווי אַ בריליאַנט, צוגעהט
אין דעם אייביג פלאַקערנדען ליכט,
און יעדען איינצעלנעם ערקוויקט איהר שיין.

און די פּאָעט ליעבט אויך די שענקייט פון שלאָף:

ווי שען איז דער אויסדרוק פון די שטערבליכע,
ווען זיי זענען אין צויבער-קרייז פון שלאָף פערזונקען!
דאָ זענען צוויי שוועסטער, קינדער, ענג פערבונדען;
דאָרט אַן׳איינזאַם יונגעל, אין חלום וויינענדיג;
דאָ צוויי אונשולדיג פערליעבטע, געשלאָסען

און פעראייניגט דורך די פונאַנדערגעלאָזטע לאָקען,
ווי זיי וואָלטען פון איין שטאַם אַרויסשפּראָצען;
און דאָרט אַ זקן, פון זילבער־האָהר אַרומגערינגעלט.

שעלי לעבט־מיט מיט די טייכען, וואָס זענען געליעבט פון די ימים און פערשווינדען אין זייערע אָרעמס, ער זינגט ווענען סויט און בעגרעבניש פון דער נאַטור אין הערבסט און ווינטער, ער דערמאָהנט די בלומען, וואָס זענען געוואָרפען איבער אַדאָביס, מאָלט די געסין פון זומער און שענהייט, וואָס האַלט די בלומען פון די גערטנער אין אָרדנונג, און שילדערט די ווילדע רייזע פון דער צייט איבער דעם הימעל.

יעדען עלעמענט פון דער נאַטור האָט ער געשטעמפּעלט מיט אַ פּאָעטישען וואָרט: די ווייטע און איינזאַמע געגענדען, וואו עס נעהמט אונז אַרום אַ ליעב געפיהל, אַז דאָס, וואָס מיר זעהען, איז אָהן אַ גרעניץ, ווי מיר ווינשען דאָס אין טיעפען הארצען,—די צייט, די ימים אָהן אַ סוף און אָהן אַ ברעג, וואָס זייערע חוואַליעס זענען יאָהרען און וואָס זייערע וואַסערן האָבען אַ זאַלץ־געשמאַק פון די מענשליכע טרעהרען—דעם שניי און אַלע געשטאַלטען פון שטראַהלענדען פראָסט.

שוין באַלד נאָך זיין ערשטער חתונה איז ער אַרויסגעטרעטען אַלס פּאָליטישער אַגיטאַטאָר. ער איז אַוועק קיין דובלין, כדי צו שטיצען די עמאַנציפּאַציע פון די קאַטויליקען, אָנגעשריבען אַ יוגענדליכען אויפרוף צום אירלענדישען פאָלק, וועלכעס ער האָט בעשוואוירען, צו היטען זיך פון די געוואַלט־טהאַטען, וועלכע האָבען בעפלעקט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע, און ער איז געווען אַזוי נאַאיוו, אַז דעם דאָזיגען אויפרוף האָט ער פון באַלקאָן פון האָטעל אַראָבגעוואָרפען צו די דורכגעהער, וועלכע האָבען איהם אויסגעזעהן, אַז זיי זענען פעהיג צו זיין סאָלידאַריש מיט דעם אויפרוף. ווי קינדיש עס האָבען געקוקט אויף דער זאַך ער און זיין יונגע פרוי, זעהט מען דערפון, וואָס איינמאָל, ווען ער האָט אַרומשפּאַצירט מיט זיין פרוי, האָט ער זיך בישט געקאָנט אָבזאָגען פון דעם פערגניגען אַריינצושטעקען דעם אויפ-

דורך אין קאַפּטור פון מאַנטעל פון אַ פאַרבייגעהענדער דאַמע, פון דאָס זיין יונגע פרוי, ווי זי אַליין האָט דערצעהלט, האָט שיער נישט געפּלאַצט פון געלעכטער. ער איז געווען אויף פיעל מיטינגען און איינמאָל האָט ער גערעדט אַ גאַנצע שעה אין דער אָנוועזענהייט פון אָ' קאָנגעל און אַנדערע בעריהמטע לייט. די מענשען פון זיין צייט רופען זיך אָב וועגען זיין ריידען אַזוי ענטוזיאַסטיש, אַז פון זיי קאָן מען דרינגען, אַז ער איז געווען נאָך גרעסער אַלס רעדנער, ווי אַלס פּאָעט.

ווען שעלי איז אין גיכען אַריינגעפאַלען אין אַ קאָנפליקט מיט דער הערשענדער געזעלשאַפטליכער מיינונג, האָט דער קאָנפליקט געהאַט אַ טראַגישען כאַראַקטער. האַריעט איז געשטאָרבען, און לויט דער פאָדערונג פון איהר פאָטער האָט דאָס קאַנצלער־געריכט פעראָרדענט צו מאַכען אַן'אויספאָרשונג, ווער עס בעזיצט בעסערע מאָראַלישע און אינטעלעקטועלע בעדינגונגען אויף צו ערציהען שעלי'ס קינדער, צי דער געוועזענער אייגענטימער פון אַ האָטעל (זיין שוועהער), אָדער דער אויטאָר פון „קעניגין מאַב" און „עלאַסטאָר", אויף וועלכען, אַלס אַטעאיסט, איז געווען אַ חשד, אַז ער קאָן ערציהען די קינדער אַלס אַטעאיסטען. דאָס געריכט האָט גע'פסק'ענט, אַז די גאַנצע ביז־אַהעריגע אויפפיהרונג פון שעלי איז געווען העכסט אומאָראַליש: נישט בלויז ער האָט זיך נישט געשעמט, נאָר אפילו זיך ענטציקט מיט די פערדאָרבענסטע פּרינציפּען און זיי אַגיטירט צווישען אַנדערע; אַז דעריבער דאַרף מען די קינדער אָבנעהמען ביי איהם אויף אייביג, אָבער דערביי מוז ער אַ פינפטען טייל פון זיינע הכנסות אָבגעבען אויף אויסצוהאַלטען זיי. די קינדער האָט מען אָבגעגעבען אונטער דער השגחה פון אַ געוויסען גלח. שעלי'ס צער איז געווען אַזוי גרויס, אַז אפילו די האַרציגסטע פריינד זיינע האָבען פון דאַן אָן נישט געוואַגט צו דערמאָהנען אין זיין אַנוועזענהייט וועגען די קינדער.

אין זיין געדיכט צום ריכטער לאָרד עלדאָן שרייט שעלי אויס:

פערשאָלטען זאָלסטו ווערען פאַר דעם פאָטער'ס
פערשוועכטע ליעבע,

פאַר די טייערסטע האָפנונגען, וואָס זענען פערשוואונדען,
פאַר אַלע, דיר פרעמדע, איידעלע געפיהלען
פאַר דעם וועהטאָג, וואָס וועט דיין קאַלט האַרץ
קיינמאָל נישט בעריהרען;
פאַר דער צביעות, וואָס, ווי גיפט אויף אַ בלימעל,
מוז בעשמוצען זייערע אונשולדיגע ליפען,
פאַר דעם פינסטערן גלויבען, וואָס וועט איצט אייביג
פער׳חושכ׳ן זייער נשמה,
פאַר דער פערצווייפלונג, וואָס צווינגט מיך צו קלאָגען:
אַך, מיינע קינדער זענען נישט מעהר מיינע!
מעג מיין בלוט אין זייערע אָדערן פליסען, טיראַן,
דאָך זייער האַרץ דאָס בעפלעקטע איז דיין!

איז מורא, אַז מען זאָל ביי איהם אויך נישט צונעהמען זיין לעצט קינד, דעם זוהן זיינעם פון דער צווייטער הייראַט, האָט שעלי פערלאָזט דאָס פאָטערלאַנד, כדי מעהר זיך שוין נישט אומצוקעהרען אַהין. אָבער אין דערזעלבער צייט, ווען דער אורטייל פון לאָרד-קאַנצלער האָט איהם געשטעמפעלט אַלס מענש, וואָס איז ווייניגער ווי יעדען אַנדערן ענגלענדער פעהיג צו פערשטעהן די עלעמענטאַרסטע געזעלשאַפטליכע פליכטען און רעכט, האָט דער פּאָעט זיך גענומען צו אַ זאַך, וואָס האָט געדאַרפט בעווייזען, אַז ער איז איינער פון יענער קליינער צאָהל מענשען, וואָס זענען אויסגעוועהלט אַלס אונשטערבליכע.

געשטעמפעלט אַלס פערברעכער, האָט ער פערלאָזט ענגלאַנד, און אומעטום אין אויסלאַנד, וואו נור ער האָט זיך געטראָפען מיט ענגלענדער, האָט מען פאַר איהם מורא געהאַט און איהם געהאַסט, ווי אַ פערזאָן, וואָס איז פעהיג צו אַלערליי פערברעכענס. ווען ער האָט אין עטליכע יאָהר שפּעטער אין פּאָסט-בירוראָ אין פיזאַ זיך געפרעגט אויף אַ בריעף פּאָסט-רעסטאַנט און אָנגערופען זיין נאָמען, האָט דער ענגלישער אָפיציר, וואָס האָט געדיענט אין פּאָרטוגאַל, אויסגעשריען: „ווי! איז דאָס יענער פערשאָלטענער אַטעאיסט שעלי?“ און איהם אַ שלייער געטהאָן

אויף דער ערד. דער פּאָעט האָט שפּעטער געהאַלטן דעם דראַמאַטישן אָפּיציר, וועלכן ער האָט געוואָלט ארויסרופן אויף אַ דועל, באַר ער האָט אין ערגיץ איהם נישט געקאָנט געפינען.

שעלי האָט נאָך פריהער אָנגעשריבן אַ בראָשור וועגן דער רעפאָרם פון פּאַרלאַמענט, וועלכע איז ערשינען אין 1817 און האָט געהאַט אַזאַ געוואַנטען און אויסגעצייכנטען אינהאַלט, אַז די רעפאָרם, וועלכע די טאָריער האָבען דורכגעפיהרט אין 1867, איז לויט איהר תּוך געווען פּאָלקאָם דיזעלבע, וועלכע עס האָט מיט פופציג יאָהר פריהער אָנגעצייכנט דער „צטעאיסט און רעפּובליקאַנער". ער האָט נישט געוואָלט איינפיהרען מיט אַמאָל דאָס אַלגעמיינע וואַהל-רעכט, נישט אָבשאַפען די מאָנאַר- כיע און אַריסטאָקראַטיע. אָפט זאָגט ער זיך אַרויס געגען צו- שנעלע רעפאָרמען. זיין ראַדיקאַליזם איז בעשטאַנען נור דערין, וואָס ער האָט מיט פופציג יאָהר איבערגעיאָגט זיין דור. ליידענ- דיג פערפאָלגונגען צוליעב דער גייסטיגער בעגרענצטקייט, האָט ער זיינע פריהייטס-פּאָעמען געוואָרפען געגען ענגלאַנד. די פּאָ- ליטישע פּאָעזיע פון שעלי איז געשריבען מיט'ן בלוט פון זיין הארצען.

געשטימט לויט זיין נאַטור פילאָזאָפיש און אונהיסטאָריש, ווי שעלי האָט זיך ארויסגעוויזען אין די יונגע יאָהרען, האָט ער אין דעם איינציגען פעריאָד פון זיין לעבען, וועלכען ער האָט דורכגעלעבט ביז צום סוף—אין דעם פעריאָד איידער ער האָט אָנגעשריבען „סענסי"—פאַר זיינע רעפאָרמאַטאָרישע אידעען נישט געזוכט קיין יסוד אין דער צייט און רוים, ווייל אַ'ס וואונשען האָבען זיי נישט קיין היסטאָרישע רעאַליטעט. און אַזוי ווי זיינע פיגורען בעזיצען נישט קיין רעאַליטעט, פעהלט זיי אויך געוויסע כאַראַקטעריסטישע אייגענשאַפטען, וועלכע עס קאָנען געבען נור די היסטאָרישע און לאָקאַלע בעדינגונגען, און די אייגענשאַפטען, וואָס זיי בעזיצען, זענען מעהרסטענטייל די פּרימיטיווע שטריכען פון דער מענשליכער נאַטור. אויך אין בויען די כאַראַקטערען קעהרט זיך שעלי אַם צו די אורזאַליכע צייטען. די פיגורען זענען

דאָ האַלב-מיטאָלאָגיש, ריעזיג און נישט בעשטימט אין זייערע קאָנטורען, און מען קאָן נישט צובינדען צו זיי קיין אַלגעמיין-מענשליכען אינטערעס, ווייל די „געשיכטע", דער דאָזיגער אין וואולגאַרען זין אינטערעסאַנטער עלעמענט, האָט אין שעלי׳ס פּאָעזיע איינגאַנצען געפעהלט. דערפון שטאַמט זיין פּאָלקאָמע אונפּאָפּולאַריטעט. בשעת וואַלטער סקאָט ווערט אין אַלע צייטען, צווישען די אַלע, וואָס קאָנען לעזען, זיך געפינען לעזער, ווערט שעלי שטענדיג בלייבען ביי דעם בעגרענצטען טיטול, אַז ער האָט געשריבען „פאַר ווענ־ג גליקליכע".

עס האַנדעלט זיך אָבער וועגען דעם, וואָס שעלי האָט אָנגעטראָפען אויף די שטאָפען, וועלכע האָבען גראָד געהאַט די איבענדערמאָהנטע אייגענשאַפטען, כדי צו לייסטען דאָס העכסטע אין דער פּאָעזיע. די דאָזיגע זייט פון זיין טאַלענט איז געווען פּאָלקאָם גריכיש, ווי שעלי איז איבערהויפּט דורך דער אַרט פון זיין רעליגיעזיטעט, דורך זיין גאַנצער פּאָעטישער און פילאָזאָפישער בילדונג געווען דורך און דורך גריכיש. „מיר זענען אַלע גריכען", זאָגט ער אין איין אָרט. יעדענפאַלס גילט עס וועגען איהם.

אָבער העראָאיש, מיטאָלאָגיש און פּרימיטיוו, ווי זיין פּאָעזיע, איז די גריכישע פּאָעזיע בעווען נור אין איהרע ערשטע צייטען. שעלי קאָן און דאַרף דעריבער פערגליכען ווערען נור מיט דער עלטסטער גריכישער פּאָעזיע. פונקט ווי זיין ליריק דערמאָהנט האָמער׳ס הימנען, און פונקט ווי זיין פּאָליטישע פּאָעזיע איז מיט איהר אונ׳ברחמנות׳דיגער סאַטירע און לירישען שוואונג פון דעם כאָר-געזאַנג עהנליך און ווירדיג צו אַריסטאָפאַנעס, אַזוי איז ער אין דראַמע געווען אַנ׳ערנסטער קאָנקורענט פון עסכילאָס. זיין „פּראָמעטעאוס" איז דאָס מאָדערנע געגען-שטיק צו „פּראָמעטעאוס" פון עסכילאָס, זיין „העלאַס", זיין נביאות וועגען דער בעפרייאונג פון גריכענלאַנד, איז דאָס מאָדערנע געגען-שטיק צו די „פּערסער" פון עסכילאָס. מיר וועלען זיך אָבשטעלען נור אויף „פּראָמעטעאוס". די דאָזיגע גלענצענדע פּאָעמע איז די קרוין פון שעלי׳ס גאַנצער פרייהייטס-פּאָעזיע. פיעל טיפען זענען דורכגעגאַנגען דורך זיין מח: איוב, טאַסאָ, דערזעלבער שטאָף

וועלכער האָט אינטערעסירט געטהע און בייראָן, שעלי האָט אויסגעקליבען פּראָמעטעאוס. איבער די ימים און טהאָלען פון דער מאָדערנער ענגלישער פּאָעזיע הויבען זיך אויף די אַלפּען פון בייראָנ'ען אין זיין „מאַנפרעד", און שעלי'ס קאַוקאַז — אין זיין „פּראָמעטעאוס". פון דעם מאָמענט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען די ערנסטע בעפרייאונג פון מענשליכען גייסט, האָט דער דאָזיגער טיפּ אינטערעסירט אַלע גרויסע פּאָעטען. אין אָנהויב פון אונזער יאָהרהונדערט קומט די אויפלעבונג פון דעם טיפּ אין די מוחות פון געטהע, בייראָן און שעלי. די שענע פּאָעמע פון געטהע מאָלט דעם מענשען-גייסט, וואָס איז אָבגעריסען פון גלויבען אין געטער, אין זיין אַרבייט און אַרטיסטישער שאַפונג, שטאָלץ מיט זיין הייזעל, וואָס נישט גאָט האָט עס געבויט, און פאָרמענדיג די מענשען לויט זיין בילד. געטהעס פּראָמעטעאוס איז דער שאַפענדער און פרייער פּראָמעטעאוס. בייראָנ'ס האַרטער, קורצער און הייסער פערז מאָלט אַ מאַרטירער, וועלכער, קריצענדיג מיט די ציינער, ליידט ער שטיל, פון וועלכען קיין קראַפט אין דער וועלט איז נישט אימשטאַנד אַרויסצוציהען אַ וואָרט פון צושטימונג און וועלכער זעהט פאַר זיך די העכסטע עהרע דערין, ער זאָל נישט אַרויסגעבען זיך, אַז ער ליידט; דער דאָזיגער טיטאַן וואָלט קיינמאָל נישט ערלויבט, אַז די טעכטער פון אָקעאַן זאָלען איהם טרייסטען, אָדער אַז ער אַליין זאָל זיך קלאָגען פאַר זיי. בייראָנ'ס פּראָמעטעאוס איז דער, וואָס איז געשמידט אין קייטען און טרעט אַרויס טראָץ דעם געגען דער גאַנצער וועלט.

אָבער שעלי'ס פּראָמעטעאוס איז נישט עהנליך צו קיינעם פון זיי. ער איז דער וואוילטעטיגער מענשליכער גייסט, וואָס קעמפפט געגען פּרינציפּ פון בייז, וועלכער ווערט אין פערלויף פון אַנ'אונענדליך לאַנגער צייט אונטערדריקט פון דעם דאָזיגען פּרינציפּ, און נישט נור פון איהם, נאָר אויך פון אַלע אַנדערע וועזענס, אפילו פון די גוטע, וועלכע האַלטען דאָס שלעכטס פאַר נויטווענדיג און נוצליך; פּראָמעטעאוס איז דער גייסט, וואָס קאָן נור אַ געוויסע צייט, ווי לאַנג עס זאָל נישט דויערן, געהאַלטען ווערען אין קייטען, וועלכער וועט אָבער אַמאָל בעפרייט ווערען. ער איז

דער זיעגרייכער, דער ערלעזטער, דער, וואָס חעט בעגריסט ווע־רען דורך דעם טריאומף-געזאַנג פון אַלע הימלישע קערפער.

אפילו אין זיינע ליידען איז ער גאַנץ רוהיג, ווייל ער ווייסט, אַז יופיטער'ס הערשאַפט איז נישט מעהר ווי אַ פעריאָד אין לעבען פון דער וועלט. און דעריבער וואָלט ער נישט אויס־טוישען דעם שוואַרצען אָבגרונד, אין וועלכען ער איז פערשמאַכט, פאַר דער פרייד און פראַכט אין יופיטער'ס הויף. ווען די פו־ריען לאַכען איהם אין די אייביג שלאָפלאָזע אויגען, ענטפערט ער זיי:

איך וויל נישט רעכענען, וויפיעל ביז איהר טהוט,
נאָר וויפיעל איהר ליידט, ווייל איהר זענט בייזע.

אַסיאַ איז די נאַטור, וואָס ליעבט דעם טיטאַן. זי איז דאָס קינד פון דעם ליכט, זי איז די לעבעדיגע געשטאַלט פון גלי־הענדער ליעבע, וואָס איהרע ליפען זינגען, ווי פאַנטעזיע זינגט, צינדען אָן צווישען זיי דעם גייסט פון דער ליעבע, און וואָס איהר שמייכעל פערוואַנדעלט אין פייער די קאַלטע לופט. ווי נור עס האָט זיך געענדיגט די צייט פון ליידען און אונגערעכ־טיגקייטען, זינקט יופיטער, פחדנ'יש און פעראַכטעט, אין אָב־גרונד אַריין, בעטענדיג ביי פראָמעטעאוס'ן גנאָד. עס הויבט זיך אָן די פראָמעטעאוס-עפּאָכע, און די לופט פערוואַנדעלט זיך אין אַנ'אָקעאַן פון אייביגע און הערליכע ליעבעס-מעלאָדיען. פריהער קומט דער שווערער יובעל פון דער ערד, דערנאָך דאָס פער־שכור'טע פריידענס-ליעד פון דער לבנה, ביז די גאַנצע נאַטור פעראייניגט זיך אין אַ הימן פון פרייד, וואָס שטעהט נישט ני־דעריגער פון בעטהאָווענ'ס הימן אין סוף פון זיין ניינטער סימ־פאָניע.

איך קאָן נור קורץ אָנמערקען, ווי שעלי, נאָכדעם ווי ער האָט געמאָסטען זיינע כחות מיט עסכילאָס, האָט איצט געפּרובט זיך פערמעסטען מיט שעקספיר, און דורך אַ פלוצלונג'דיגען שפּרונג אין דער היסטאָרישער ווירקליכקייט האָט ער, לויט ביי־ראָנ'ס בעשטעטיגונג, געגעבען ענגלאַנד די בעסטע טראַגעדיע. 194

וואָס איז אין ענגלאַנד אָנגעשריבען געוואָרען פון די צייטען פון שעקספּיר. „סענסי” דערמאָהנט אַממעהרסטען אַזעלכע דראַמען פון שעקספּיר, ווי „מאָס פאַר מאָס”, הגם שעקספּיר האָט נישט געברענט מיט אַזאַ הייסער שנאה צו טיראַניי, מיט וועלכער עס איז דורכגעדרונגען שעלי'ס דראַמע.

וועגען דעם דאָזיגען רייכסטען און אַמבעסטען-קאָמביני־טען ווערק פון שעלי שרייבט די „ליטעראַר גאַזעט”: „סענסי” דאָס איז אַנ'אַבשייליכער פּראָדוקט פון דער צייט און זעהט-אויס צו זיין דאָס ווערק פון אַ טייוועל”. דער רעצענזענט האָפט, אַז ער וועט קיינמאָל מעהר נישט זעהן אַ בוך, וואָס „טראָגט אויף זיך אַזאַ פלעק פון טייוולאָנישען גייסט, גאָטלאָזיגקייט און שאַנדע”. דער דאָזיגער ווידערשטאַנד האָט ענדלין געבראָכען שעלי'ס קראַפט. ער איז געווען זיכער, אַז דאָסמאָל האָט ער געשאַפען דאָס בעסטע, וואָס ער האָט געקאָנט. נישט וואָס ער איז אַזוי שטאַרק ערשיטערט געוואָרען, נאָר ער האָט פערלאָרען דעם חשק צו ווייטערדיגער אַרבייט. זיבע לעצטע צוויי יאָהר פון לעבען זענען אָרים אין ברעסערער אַרבייט. אין נאָוועמבער 1820 שרייבט ער: „די אויפנאַהמע, וועלכע דאָס פּובליקום גרייט מיר צו, קאָן אָבקיהלען דעם ענטוזיאַזם פון יעדען מענשען.”

פּונקט ווי מור, אָדער לאַנדאָר, האָט ער נישט געקאָנט אַרויסרופען אין דעם אַלגעמיינעם בעוואוסטזיין די רעוואָלוציע, וועלכע אייראָפּאַ האָט געדאַרפט און אויף וועלכער זי האָט געוואַרט. פאַר יענע צייטען איז נויטיג געווען אַ פּאָעט, וואָס זאָל זיין אויף אַזוי פיעל אינדיווידועל, אויף וויפיעל שעלי איז געווען קאָסמיש, אויף אַזוי פיעל ליידענשאַפטליך, אויף וויפיעל שעלי איז געווען אידעאַל, אויף אַזוי פיעל שאַרף-סאַטיריש, אויף וויפיעל שעלי איז געווען האַרמאָניש און גראַציעז — אַזאַ פּאָעט איז נויטיג געווען אויף דורכצופיהרען די גראָבע און ריעזיגע אַרבייט אויף איבערצוענדערן דאָס פּאָליטישע און רעליגיעזע בעוואוסטזיין פון אייראָפּאַ, וועקען די שלאָפענדיגע און אַראָבוואַרפען די טריאומפירענדע אין אָבגרונד פון געלעכטער. עס איז נויטיג געווען אַ גייסט, וואָס זאָל דורך זיינע חסרונות, ווי דורך

זיינע מעלות געווינען דעם אינטערעס פון דער עפּאָכע. שעלי'ס אינסטרומענט איז געווען די איידעלע פידעל, מען האָט אָבער בעדאַרפט אַ האָרן, כדי אָבצוריינינגען די לופט און געבען אַ סיגנאַל צום קאַמף.

זשאָרזש גאָרדאָן בייראָן איז געבוירען געוואָרען דעם 22-טען יאַנואַר 1788 ביי אַ ליידענשאַפטליכער און אומגליקליכער מוטער, וועלכע האָט נישט לאַנג פאַר דעם פערלאָזט איהר ווילדען און צולאָזענעם מאַן. דער דאָזיגער מענש, אַ קאַפּיטאַן, מיט'ן נאָמען בייראָן, וועלכער האָט אַ געוויסע צייט געדיענט אין אַמע-ריקאַ אַלס גוואַרדיע-אָפיציר, האָט שוין אין דער יוגענד, אַדאַנק זיין ווילד לעבען, אומעטום גע'שמ'ט אַלס דער „משוגע'נער זשאַק בייראָן". ער איז גע'משפט געוואָרען דורכ'ן געריכט, ווען ער האָט אַרויסגע'גנב'עט די פרוי פון מאַרקיז גאַרמאַטען; דער פּראָ-צעס האָט זיך געענדיגט מיט גט. ער האָט חתונה-געהאַט מיט דער מאַרקיזין, פערלוירען איהר פערמעגען און איז זיך בעגאַנגען מיט איהר אַזוי גראָב, אַז אין עטליכע יאָהר אַרום איז זי גע-שטאָרבען פון אומעט, נאָכדעם איז ער מיט זיין קליינער טאָכ-טער אַריבערגעפאָרען קיין ענגלאַנד און חתונה-געהאַט, אויסשליס-ליך צוליעב געלד-חשבונות, מיט דער רייכער שאָטלענדישער ערד-בעזיצערין, מיס קאַטאַרינאַ גאָרדאָן, די מוטער פון יענעם קינד, וואָס זיין נאָמען האָט זיך פערשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. גלייך נאָך דער חתונה האָט ער אָנגעהויבען בעל-הבית'ע-ווען מיט דעם פערמעגען פון דער צווייטער פרוי, פונקט ווי מיט דעם פערמעגען פון דער ערשטער, און אין פערלויף פון אַ יאָהר האָט ער פון 24,000 פונט געבראַכט צו 3000. זי האָט איהם אַוועקגעוואָרפען אין פראַנקרייך און אין לאָנדאָן האָט זי געבוי-רען איהר איינציג קינד. ביי דער געבורט איז דער פוס פון קינד אויסגעהינקט אָדער פערוואונדעט געוואָרען.

מיט צוויי יאָהר שפּעטער איז די מוטער מיט דעם קינד אַוועקגעפאָהרען קיין אַבערדעען אין שאָטלאַנד, וואוהין בייראָן,

איבערריסענדיג אויף אַ ווײַלע זײַן אַרט לעבען, איז זיי נאָכגעפאָהרען, האָפענדיג אַרויסצובעקומען פון זיין פרוי געלד. ביס בייראָן האָט ביז אַ געוויסער צייט איהם אויפגענומען ביי זיך גוטמוטיג; שפּעטער האָט ער זי אָפּט בעזוכט, ביז ער איז, כדי אַרויסצודרעהען זיך פון זיינע קרעדיטאָרען, אַנטלאָפען קיין פראַנקרייך, וואו ער איז אין גיכען געשטאָרבען. ווען די ידיעה פון זיין טויט איז דערגאַנגען צו זיין פרוי, וועלכע האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט איהם צו ליעבען, האָט זי אָנגעהויבען אַזוי ליידענשאַפטליך צו יאָמערן, אַז מען האָט דאָס געוויין געהערט איבער דער גאַנצער גאַס.

אַזוי בעגעגנען מיר אין פערשיעדענע פאָרמען און אין פערשיעדענע שטופען ביי די עלטערן פון בייראָנ׳ען אַלס אַלגעמיינעם האַראַקטער-שטריך שטאַרקע ליידענשאַפט, פעראייניגט מיט אַ גרויסען מאַנגעל אין דער פעהיגקייט צו בעהערשען זיך. אויב מיר זאָלען זיך לאָזען נאָך טיעפער, וועלען מיר געפינען אין ביידע דורות דיזעלבע שטריכען: ביי דער מוטער׳ס עלטערן פראָבען פון זעלבסטמאָרד, ביי די עלטערן פון פאָטער זעהען מיר דעמזעלבען שטריך אַמאָל אין דער פאָרם פון העלדישער דרייסטקייט, אַמאָל אין דער פאָרם פון ווילדער ברוטאַליטעט.

ער האָט אַלזאָ געזאַפּט אין זיינע אָדערן שטורמיש בלוט. אָבער דאָס דאָזיגע אונרוהיגע בלוט איז גלייכצייטיג געווען זעהר אַדעליג בלוט. מצד דער מוטער איז ער געווען פערוואַנדט מיט די סטיואַרטען און זיין יחוס האָט ער געקאָנט דערפיהרען אַזש ביז קעניג יאַקוב II; מצד דעם פאָטער האָט ער געשטאַמט פון אַן אַלטען נאָרמאַנישען אַדעליגען שבט, וואָס זיין עלטסטער, בעקאַנטער עלטער-זיידע, ראַדולפוס דע בורן, האָט אַנטייל גענומען אין דער נאָרמאַנישער עראָבערונג פון ענגלאַנד. אַזוי ווי דער עלטער-זיידע האָט פערלוירען זיין איינציגען זוהן און דערנאָך אויך, אין 1794, זיין איינציגען איניקעל, זענען געווען אַלע אויסזיכטען דערפאַר, אַז זיין גוט ניוסטעד, און צוזאַמען דערמיט זיין טיטול און רעכט פון אַ פער וועלען איבערגעהן אויפ׳ן קינד, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געזעהן און וועלכעס ער פלעגט

רופֿען געוועהנליך „דאָס הינקענדיגע יונגעל, וואָס וואוינט איז אַבערדעען".

דאָס קליינע לאָהמע יונגעל איז אַלזאָ אויסגעוואַקסען ביי די דאָזיגע אויסזיכטען. ער איז פֿון דער נאַטור געווען שטאָלץ און אונבויגזאַם. ווען מען האָט איהם איינמאָל אויסגעזידעלט דערפֿאַר, וואָס ער האָט פֿערפֿלעקט אַ ניי רעקעל, האָט ער נישט געענטפֿערט אַ וואָרט, נאָר בלאַס ווי די וואַנד האָט ער זיך ספּאַזמאַטיש אָנגעהאַפּט מיט ביידע הענד פֿאַר דער ברוסט און אין איינעם פֿון זיינע (שפּעטער נישט זעלטענע) אַטאַקען פֿון גרויסען כּעס האָט ער צוריסען דאָס רעקעל פֿון אויבען ביז אונטען. די ערציהונג פֿון קינד דורך דער מוטער איז געווען אַזעלכע, אַז אָט האָט זי איהם געשאָלטען, אָט בעדעקט מיט די הייסעסטע קושען, אַמאָל אויסגעגאָסען אויף איהם די אונגערעכטיגקייט, וואָס עס איז בעגאַנגען מיט איהר זיין פֿאָטער, אַמאָל איהם פֿאָרגעוואָרפֿען, וואָס ער איז אַ קאַליקע. אַממעהרסטען איז עס איהר שולד, וואָס דער דאָזיגער מום האָט פֿון אָנהויב אָן געוואָרפֿען אַ טיעפֿען שאָטען אויף דער נשמה פֿון קליינעם דזשאָרזש; פֿון מויל פֿון זיין מוטער האָט ער געהערט די שטים, וואָס האָט איהם אָנגערופֿען קאַליקע. מיט די אָרטאָפּעדישע מאַשינען און איינשנירונגען האָט מען נאָך פֿערערגערט די זאַך; דער פֿוס האָט וועה געטהון, און דאָס שטאָלצע יונגעל האָט אָנגעשטרענגט אַלע כּחות, אַז ביים געהן זאָל ער אויסבעהאַלטען דעם דאָזיגען וועהטאָג. עס זענען געווען מאָמענטען, ווען ער האָט נישט געקאָנט איבערטראָגען די קלענסטע ערינערונג וועגען זיין מום, צייטענווייז ווידער פֿלעגט ער אַליין מיט טיעפֿען הומאָר זיך אָברופֿען וועגען זיין „אויסגעקרימטען פֿוס".

נישט אַרויסווייזענדיג קיין בעזונדערע פֿלייסיגקייט אין שולע, האָט דער קליינער דזשאָרזש, ווי נור ער האָט אָנגעהויבען קענען לעזען, זיך גענומען צו היסטאָרישע ווערק, איבערהויפּט צו רייזע-בעשרייבונגען; אויף אַזאַ אופֿן איז שוין אין דער פֿריהסטער יוגענד ביי איהם געבוירען געוואָרען דער קוואַל פֿון זיין בענקשאַפֿט צו מזרח. ער פֿלעגט אַליין דערצעהלען, אַז ווען ער

איז נאך נישט אלט געווען קיין צעהן יאהר, האט ער איבערגע-
לייענט העכער זעקס גרויסע ביכער וועגן טערקיי און אויסערדעם
רייזע-ידיעות און אראבישע לעגענדען. דער ליעבלינגס-ראמאן פון
יונגעל איז געווען „זעלאקא“ פון זשאן מור, וואס זיין העלד,
וועלכער איז שלעכט ערצויגען געווארען דורך דער מוטער, איז
נאכ'ן טויט פון פאטער אוועק אויף אזא וועג, אז ער האט
נאכגעגעבען אלע זיינע קאפריזען און זיין טעמפעראמענט איז ענדליך
געווארען „אזוי פלאמענדיג, ווי פולווער“. אין דעם העלד פון
ראמאן האט דאס קינד געזעהן זיך אליין. צווישען די זאכען,
וואס האבען געדארפט שפיעלען א דעצידירענדע ראליע אינ'ם
לעבען פון פאעט, האט די ליידענשאפטליכע נייגונג צום צוויי-
טען געשלעכט זיך ארויסגעוויזען ביי איהם שוין אלס יונגעל.
ווען ער איז אלט געווען 5 יאהר, האט ער זיך אזוי שטארק
פערליעבט אין א קליין מיידעלע, מארי דוף, אז ווען ער האט
מיט 11 יאהר שפעטער זיך דערוואוסט, אז זי האט חתונה גע-
האט, האט עס אויף איהם געווירקט, ווי געטראפען פון א בליץ.

צו זיין שטאלץ, ליידענשאפט, מעלאנכאליע און פאנטא-
סטישער בענקשאפט צו רייזען איז נאך צוגעקומען, אלס דער
וויכטיגסטער כאראקטער-שטריך, די הייסע ליעבע צום אמת, נא-
איווע אויפריכטיגקייט, וועלכע האט שוין אין דער יוגענד בע-
הערשט יענעם, וועלכען דאס שיקזאל האט בעשטימט אלס דער-
וואקסענעם צו קעמפפען מיט דער צביעות פון איירופא. זיין
עקשנות איז נור געווען איינע פון די פארמען פון זיין ליעבע
צום אמת.

ווען ער איז אלט געווארען 10 יאהר, איז געשטארבען
זיין עלטער-זיידע. דער ערשטער שריט פון דעם יונגעל איז גע-
ווען דאס, וואס ער איז געלאפען צו דער מוטער און זי גע-
פרעגט, צי זעהט זי נישט אין איהם עפיס א נ'ענדערונג, ווייל
איצט איז ער דאך געווארען א לארד. ווען אויף מארגען האט
מען אין שולע איבערגעלייענט די ליסטע פון די שילער, און
צו זיין פאמיליע האט מען ביי די אויסרופען פון די קלאסען צו-
געגעבען דעם טיטול „דאמינוס“, איז דער איינדרוק ביי איהם געווען

אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט זיך בעגאָסען מיט טרעהרען. זיינע העכסטע פערגניגענס פון דער יוגענד אָן און שפּעטער זענען געווען די טריאומפען פון דער פּאָעטקייט. אָבער כדי צו פערשטעהן ווי געהעריג זיין אויפרעגונג, דאַרף מען זיך דערמאָהנען, וואָס הייסט אין ענגלאַנד דער טיטול לאָרד. אמת'ע אַדעליגע אין ריינעם זין פון דעם וואָרט זענען אין ענגלאַנד פאַרהאַן נישט מעהר ווי אַנ'ערך 400, ד. ה. כמעט אַזוי פיעל, וויפיעל אין דייטשלאַנד איז פאַרהאַן פירשטען, און אַ לאָרד, וועלכער האָט אין זיין באַ-ראָניע כמעט אַנ'אונבעגרענצטען פּאָליטישען און געזעלשאַפטליכען איינפלוס, בעדייט נישט וועניגער, ווי אַ רעגירענדער פירשט. געוועהנליך, איז צוזאַמען מיט דעם הויכען ראַנג פערבונדען גרוי-סע עשירות, דאָ אָבער איז עס נישט געווען דער פאַל, ווייל בייראָן האָט קיין פערמעגען נישט געהאַט און ניוסטעד איז געווען פערלאָזט און שטאַרק פערשולדיגט.

אין 1801 האָט מען אָבגעגעבען דאָס יונגעל אין אַ שולע אין האַראָו, איינע פון די גרויסע נאַציאָנאַלע ענגלישע שולען, וועלכע איז געווען הויפּטזעכליך געשטיצט פון דער אַריסטאָקראַ-טיע. די למודים זענען דאָרט געגאַנגען טרוקען און פּעדאַנטיש און האָבען נישט זעהר געווירקט אויף בייראָנ'ען, וועלכער האָט גע-וועהנליך זיך אַרומגעקריעגט מיט די לעהרער, בעת מיט די חברים האָט ער פערבונדען בעציהונגען פון הערצליכער פריינדשאַפט. יוען בייראָן איז געווען אין דער היים בשעת די פעריען, האָט זיין מוטער נישט אויפגעהערט צו בעגעהן זיך מיט איהם זעהר האַרט און שטרענג אָהן אַ גרעניץ; אָבער אָנשטאָט מורא צו האָ-בען פאַר איהר, האָט ער נישט געקאָנט זיך איינהאַלטען נישט אויסצולאַכען די ליידענשאַפטליכקייט פון דער קליינער דיקער פרוי. וועניג, וואָס זי האָט געבראָכען טעלער און גלעזער, האָט זי צייטענווייז אַרויסגעטריבען דעם זוהן פון דער היים מיט אַ שטעקען אָדער אַ מעסער.

די בעציהונגען צווישען מוטער און זוהן זענען געוואָ-רען אַלץ אומנאַטירליכער, וואָס מעהר בייראָן האָט אָנגעהויבען אויפנעהמען די משוגעת'ן פון דער מוטער מיט רוהיגער איראָניע.

עס איז געקומען צו אַזעלכע סצענעס, אַז ביידע האָבן איינ-מאָל געבעטן אין אַן אַפּטייק, מען זאָל געבן אַן אומשעדלי-כע מיקסטור, אויב איינער פֿון זיי וועט בעטן סם. צי האָבן זיי געגענזייטיק זיך געדראָהט מיט זעלבסטמאָרד?

אין 1805 איז בייראָן אַריינגעטראָטן אין אוניווערזיטעט אין קעמברידזש און האָט דאָרט פֿאַרבראַכט די צייט נישט אַזוי אויף שטודירן די וויסענשאַפֿטן, ווי אויף פֿאַרשיידענע קערפּערליכע איבונגען, מיט וועלכע ער האָט זיך פֿאַרנומען פֿלייסיק שוין פֿון די קינדער-יאָהרען, כּדי צו פֿאַרגעסן וועגן זיין מום. פֿאָהרען רייטענדיג, שווימען, שיסען, באָקסען, קראָקעט-שפּיעלען און טרינ-קען זענען געווען די זאַכען, וואָס אין זייער פֿאַרפֿאָלקאָמענהייט האָט ער געזוכט די באַפֿרידיגונג פֿון זיין אייגען-ליעבע. ניו-סטעד איז געווען אָבגעגעבען אין אַרענדע. ווי נור דער אַרענ-דאַטאָר האָט זיך אַרויסגעצויגען, האָט בייראָן זיך אַהין אַריבער-געקליבען. דאָס איז געווען אַ ווירקליכע אַלטע גאָטישע מאָנאַ-סטיר-געגענד מיט אַ רעפֿעקטאָריום און הייהלען, אויסגעבויט נאָך אין 1170, מיט אַ פּאַרק און אַנ'אָזערע, מיט אַ מויער אַרום און אַרום און מיט אַ גאָטישען ברונעם אין הויף. דאָ האָט ער מיט זיינע קאָלעגען געפֿיהרט אַזאַ הולטאַאיש לעבען, וואָס שטאַמט פֿון יוגענדליכען בונטעווען זיך געגען אַלע כּללים, און מיט אַזאַ דורשט צו אָריגינאַליטעט, ווי מען בעגעגענט עס אָפֿט ביי גענ'אַלע יונגע קינדער, וואָס זענען נאָך נישט געקומען צום בעוואוסטזיין וועגען זייערע אויפֿגאַבען און ציעלען. דאָ איז מען אויפֿגעשטאַ-נען צוויי ביי-טאָג, געפֿעכטעוועט, געשפּיעלט אין באַלען, געשאָ-סען פֿון פּיסטאָלעטען, און נאָך מיטאָג, צו דער שרעק פֿון די פֿרומע איינוואוינער פֿון דער געגענד, האָט מען געמאַכט אַ הקפֿה מיט אַ שיידעל, אָנגעפֿילט מיט בורגונדער וויין. ווען דער גערט-נער פֿלעגט צופֿעליג אויסגראָבען אַ שאַרבען פֿון אַ מאָנאַך, פֿלעגט בייראָן מיט וואַהנזיניגען הומאָר הייסען איינפֿאַסען דעם שאַרבען אין זילבער און ער און זיינע קאָלעגען האָבן געהאַט אַ קינ-דיש פֿאַרגניגען, אין מאָנאַכען-קליידער מיט טאָנזורען, קרייצען און רויזען-קרענץ בענוצען דעם שאַרבען אַלס בעכער.

אַ ליטעראַריש פערזענליך איבערלעבניש האָט אַרויסגערופען די ערשטע איבערקעהרעניש אין זיין לעבען. וואוינענדיג פון זומער 1806 ביז זומער 1807 אין קליינעם שטעדטיל סוטחייל, האָט בייראָן אָנגעשריבען זיינע ערשטע פּאָעטישע פּראָבען. אין מערץ 1807 איז ערשיענען אַ זאַמלונג אונטער דעם טיטול „שעה׳ן פון ליידיגקייט”. צווישען די דאָזיגע געדיכטען איז נישט געוועזן איינס קיין רעכטס; די פון זיי, וועלכע ענטהאַלטען שוין אַנ׳ענערגיש געפיהל, געהען פערלוירען אין דער לאַנגער רייהע שול־פּאָעזיע, וואָס איז — אָדער אַ נאָכאַהמונג פון די קלאַסישע, אין שולע געלערנטע געדיכטען, אָדער זענען סענטימענטאַל און נישט רייף לויט׳ן סטיל. אַזוי ווי אויפ׳ן שער־בלעטעל איז אונטער׳ן נאָמען פון אויטאָר נאָך געווען אַ צוגאָב „מינדער־יעהריגער”, האָט די זאַמלונג ענטהאַלטען אין זיך גענוג מאַטעריאַל אויף צו מאַכען חוזק און אָבלאַכען. „עדינבורג רעוויו”, די העכסטע קריטישע אינסטאַנץ פון יענער צייט, האָט אָבגעדרוקט זעהר אַ סאַטירישע רעצענזיע איבער די דאָזיגע ליעדער. פאַר בייראָנ׳ען איז עס געווען דאָס בעסטע, וואָס האָט איהם געקאָנט טרעפען. דער רעצענזענט האָט איהם גערייצט ווי אַ פּרעכע אַרויספאָדערונג, ער האָט שטערבליך פערוואונדעט זיין פוסטקייט און אין איהם געוועקט דאָס, וואָס האָט געדאַרפט איבערלעבען זיין פוסטקייט — דעם שטאָלץ. די פריינד, וועלכע האָבען איהם בעזוכט באַלד ווי דער עדינבורגער זשורנאַל איז איהם אַריינגעפאַלען אין די הענד, פערזיכערן, אַז בייראָן האָט געהאַט אין די אויגען אַזאַ וואונדערבאַר־שענעם אויסדרוק פון דרייסטקייט און שטאָלץ, אַז קיין אַרטיסט, וואָס וואָלט דאַרפען שילדערן די בעליידיגטע געטליכקייט, וואָלט נישט געקאָנט געפינען קיין שענערן מאָדעל. אָט אַזוי איז פון אויסענווייניג געקומען יענע וועקענדע קראַפט, וועלכע האָט די ליידענשאַפטליכע און צושטרייטע נשמה פון יונגען בייראָן קאָנצענטרירט אין איין געפיהל און אין איין שטרעבונג. מיט אַ פעסטען בעשלוס און אויסגעהאַלטענקייט האָט ער אָנגעהויבען אַרבייטען, געשלאָפען ביי־טאָג, אויפגעשטאַנען מיט זונען־אונטערגאַנג, כדי צו האָבען מעהר רוהיגקייט,

און אין פערלויף פון עטליכע חדשים נאָכאַנאַנד געגעבע נעכט ביז פאַרטאָג געשריבען זיין בעריהמטע סאַטירע.

מיט רעכט איז אָט די סאַטירע געוואָרען בעריהמט, נאָר נישט צוליעב איהר שאַרפזין און הומאָר, וועלכע מיר וואָלטען אומזיסט זוכען דאָרט, נישט אויך צוליעב דער טרעפליכקייט פון איהרע אָנפאַלען, ווייל דאָרט פאַלען נור בלינדע קלעפּ אויף רעכטס און לינקס, נאָר בעריהמט צוליעב איהר קראַפט, זעלבסט-זיכערקייט, אונערהערטער דרייסטקייט, וואָס זענען דאָרט דער יסוד. די אָנגריפען האָבען צום ערשטען מאָל ערוועקט אין בייראָנ׳ען דאָס געפיהל, וואָס האָט אין גיכען געדאַרפט ווערען דאָס שטענדיג הערשענדע, דער איינדרוק, אין וועלכען דער פּאָעט האָט צום ערשטען מאָל דערשפּירט זיין גאַנצען אין, נעמליך: איך אַליין געגען איך אַלע! דאָס דאָזיגע געפיהל איז געווען פאַר איהם, ווי פאַר אַנדערע גרויסע קאַמפּפס-נאַטורען אין דער געשיכטע, דער עליקסיר פון לעבען: „מען האָט פון מיר געוואָלט חוזק מאַכען! מען האָט געמיינט, אַז מען קאָן מיך צושמעטערן! מיך, וואָס איך בין איינער אַליין שטאַרקער, ווי אַלע צוזאַמען!" אָט דאָס איז דאָס טעמאַ, וואָס האָט איהם געקלונגען אין די אויערן, ווען ער האָט געשריבען די סאַטירע. לאָמיר דאָ נישט זוכען קיין קריטיק, מעסיגקייט און פערנינפטיגקייט; צי ווייסט אַ פערוואונדעטע חיה פון טאַקט און מעסיגקייט, ווען די קויל, וואָס האָט זי געדאַרפט הרג׳ענען, האָט זי נור אויסערליך פערוואונדעט? ניין, די חיה זעהט דאָס בלוט, וואָס פליסט פון איהר, דאָס אייגענע בלוט קלאַפּט איהר פאַר די אויגען, און אין נקמה וויל זי פערגיסען בלוט. זי זוכט נישט בלויז דעם, וואָס האָט אויסגעשאָסען; אויב איינער פון המון האָט פערוואונדעט דעם יונגען לייב, דאַן איז וועה צום גאַנצען המון! אַלע פּאָעטישע בעריהמטהייטען פון ענגלאַנד, די שטאַרקסטע, די פּאָפּולערסטע, יעדער, וואָס האָט נור געהאַט אַ גוטע רעמאָמע אין „עדינבורג רעוויו", יעדער, וואָס האָט געשריבען פאַר איהם—אַלע ווערען זיי אין דער דאָזיגער סאַטירע טראַקטירט, ווי שילער דורך אַ צוואַנציג-יעהריגען יונגענמאַן, וואָס איז ערשט נישט לאַנג אַליין געווען

אַ שילער. זיי מוזען דאָ דורכגעהן דורך שמיץ איינער נאָכ'ן אַנדערן, די אַלע ענגלישע פּאָעטען און שאָטלענדישע קריטיקער. מיר הערען דאָ נישט איין שאַרף וואָרט, וואָס איז געוואָרפען נישט אויפ'ן ווינד. אָבער דער גרעסטער טייל פון די דאָזיגע אָנפאַלען זענען אַזוי נישט פערנינפטיג און אַזוי נישט בעטראַכט, אַז שפּעטער האָבען זיי געבראַכט מעהר עגמת נפש דעם אויטאָר, איידער די, אין וועלכע זיי זענען געווען געציעלט. בייראָנ'ס אָפּיעקון, לאָרד קאַרליל, וועלכען עס זענען געווען געווידמעט די „שעה'ן פון ליידיגקייט" און וועלכער האָט שפּעטער אָבגעזאָגט בייראָנ'ען אַריינצופיהרען איהם אין פּאַרלאַמענט, אַזעלכע מענשען, ווי סקאָט, מור, לאָרד האָלאַנד, וועלכע האָבען שפּעטער אָנגעהערט צו די בעסטע פריינד פון בייראָן, זענען אָהן אַ סבה, צוליעב גאַנץ אונבעגרינדעטע מאָטיוועון, דאָ בעפאַלען געוואָרען מיט שרעקליכען מאַנגעל פון קריטיק, וועלכע האָט נור שפּעטער זיך אַרויסגעוויזען אין דער וואונדערבאַרער גרייטקייט, מיט וועלכער בייראָן האָט, ווען ער איז געוואָרען סאָלידער, געבעטען פערצייהונג און זיך בעמיהט צו פערגלעטען דעם איינדרוק פון זיינע אַמאָליגע פעהלער. אומזיסט האָט ער מיט עטליכע יאָהר שפּעטער זיך בעמיהט אַרויסצושטופען פון דער וועלט זיין פערעפענטליכטע סאַטירע, פערניכטענדיג אינגאַנצען די פינפטע אויפלאַגע. דערווייל האָט זי אין אָנהויב געמאַכט אַ גרויסען רעש און פערשאַפט דעם מחבר די געווינשטע בעפריעדיגונג.

אין אָנהויב 1809 האָט בייראָן זיך בעזעצט אין לאָנדאָן, כדי אָבצוגעבען אין דרוק זיין סאַטירע און צו פערנעהמען אַ פּלאַץ אין דער לאָרדען-פּאַלאַטע. אַזוי ווי ער האָט נישט געהאַט קיינעם, וועמען ער זאָל בעטען אַריינצופיהרען איהם, האָט ער, געגען דער פאָרם און טראַדיציע, געמוזט אַליין זיך אַריינפיהרען. זיין פריינד דאַלאַס האָט בעשריבען די דאָזיגע סצענע. ווען בייראָן איז אַריינגעקומען, איז ער געווען נאָך בלאַסער ווי געוועהנליך, און זיינע געזיכטס-שטריכען האָבען אָנגענומען אַ קרענקליכען אויסדרוק. דער קאַנצלער, לאָרד עלדאָן, איז איהם אַרויסגעקומען אַנטקעגען, שמייכלענדיג, און איהם מקבל פנים געווען,

מיט עטליכע אַנגעזעהענע פּראַזען. בייראָן האָט געענטפערט מיט אַ האַרטער בעגריסונג און מיט די שפּיץ פינגער אָנגענומען די אויסגעשטרעקטע האַנד פון לאָרד עלדאָן. זעהענדיג, אַז זיין העפליכקייט האָט געטראָפען אויף אַזאַ פעראַכטענדע בעציהונג, האָט דער קאַנצלער זיך אומגעקעהרט אויף זיין אָרט. בייראָן האָט זיך מיט אַ לאַנגווייליגער מינע אַוועקגעזעצט אויף איינעם פון די נישט-פערנומענע פלעצער פון דער אָפּאָזיציע, געבליבען עטליכע מינוט, דערנאָך אויפגעשטאַנען און אַוועקגעגאַנגען. ער האָט נור געוואָלט בעשטימען זיין פּלאַץ און ווייזען, צו וועלכער פּאַרטיי ער געהער-אָן. „איצט, ווען איך האָב פערנומען מיין אָרט, האָט ער געזאָגט צו דאַלאַס, פאָהר איך אַרויס קיין אויסלאַנד.“ אין יוני 1809 האָט ער פערלאָזט ענגלאַנד.

אין פעברואַר 1812 האָט בייראָן געהאַלטען זיין ערשטע רעדע אין פּאַרלאַמענט לטובת דער אָרימער אַרבייטער-בעפעלקערונג אין נאָטינגהאַם, וועלכע האָט צובראָכען די וועב-מאַשינען, וואָס האָבען צוגענומען ביי איהר דאָס ברויט, און געגען וועלכער עס זענען איצט אָנגענומען געוואָרען די שאַרפסטע מיטלען. די דאָזיגע רעדע איז געווען אַ יונגעלשע און אָראַטאָרישע, אָבער אַ הייסע און אַ לעבעדיגע; עס איז געלעגען אין בייראָנ׳ס כאַראַקטער צו ריידען לטובת די הונגעריגע און פערצווייפעלטע, און מיט אַ געזונטען פערשטאַנד האָט ער אויפגעוויזען, אַז אַ צעהנטעל פון דער סומע, וועלכע מען האָט געגעבען די פּאָרטוגיזען, כדי צו שאַפען זיי די מעגליכקייט צו פיהרען קריעג, וואָל׳ט גענוג געווען אויף צו העלפען געגען דער גרויסער נויט, וועלכע מען וויל איצט דערשטיקען דורך געפענגניש און תליות. בייראָנ׳ס לעבעדיגע און הייסע שנאה צו מלחמה איז איינע פון יענע „שטופען פון געזונטען מענשליכען פערשטאַנד“, וועלכע מיר געפינען אָפט אין זיין פּאָעזיע; דערזעלבער גייסט איז אויך דאָ אין די ערשטע ליעדער פון „טשיילד האַראָלד“.—זיין צווייטע רעדע אין פּאַרלאַמענט איז געווען וועגען דער עמאַנציפּאַציע פון די קאַטוילּיקען; זי איז וועניגער געפעלען געוואָרען, זי איז אָבער געווען אַ פּאָרטרעפליכע רעדע. מיר זעהען פון איהר, אַז

די געגנער האָבען צווישען אַנדערן אַרויסגעשטעלט אַזאַ אַרגומענט: ווען מען זאָל געבען די קאַטויליקען רעליגיאָנס-פרייהייט, וואָלט מען אַזאַ פרייהייט געמוזט געבען אויך די יודען. אויף דעם דאָזיגען אַרגומענט האָט בייראָן געענטפערט זעהר לאָגיש.

בייראָנ׳ס ערשטע רעדע האָט געהאַט אַ גרויסען בייפאַל און גלייכצייטיג געקאָנט דיענען אַלס רעקלאַמע צו די צווי ערשטע קאַפּיטלען פון „טשיילד האַראָלד", וועלכע זענען ערשיענען אין צווי טעג אַרום נאָך דער רעדע. דער ערפאָלג פון דער פּאָעמע איז געווען אויסערגעוועהנליך: מיט איין מאָל איז בייראָן געוואָרען אַ בעריהמטהייט, דער נייער לייב פון לאָנדאָן, דער אמת׳ער בעהערשער פון שטאָדט אויף דאָס יאָהר 1812. גאַנץ לאָנדאָן, ד. ה. אַלץ, וואָס איז געווען דאָרט שען, פּאָרנעהם, הויך-געבילדעט, גלענצענד, איז געלעגען ביי די פיס דעם 24-יעהריגען יונגעמאַן. ווען די ערשטע קאַפּיטלען פון „טשיילד האַראָלד" זאָלען געווען האָבען די מעלות פון די לעצטע, ד. ה. די טיעפע אָריגינאַליטעט און הערליכע קראַפט, מיט וועלכע עס זענען דורכגעדרונגען די דאָזיגע מייסטער-ווערק, וואָלטען זיי זיכער נישט געהאַט אַזאַ שטורמישע פּאָפּולאַריטעט. גרויסע שענקייט און גרויסע אָריגינאַליטעט געווינען קיינמאָל נישט מיט איין קלאַפּ די סימפּאַטיע פון פּובליקום. אָבער דוקא דאָס, וואָס איז געווען פערשלייערט און נישט קלאָר אין דער דאָזיגער ערשטער פּראָבע פון דעם זשעני, דאָס האָט געמאַכט אַנ׳איינדרוק אויף דאָס פּובליקום. די פערבאָרגענע ענערגיע האָט געווירקט שטאַרקער נור דערפאַר, ווייל זי איז געווען אויסגעדריקט אַ ביסעל טעאַטראַליש.

דאָס איז געווען די בליה-צייט פון דאַנדיזם, ווען אונטער דער אָנפיהרונג פון בעקאַנטען ברומעל האָט דאָס לאָנדאָנער אַריסטאָקראַטישע לעבען זיך ענטוויקעלט מיט אַזאַ שטורם און מיט אַזאַ לייכטקייט, וועלכע מען האָט נישט געדענקט פון די צייטען פון קאַרל דעם צווייטען. געזעלשאַפטען און בעלער, טעאַטערבעזוך, שפּיעל און חובות, קורצע ראָמאַנען, פערפיהרונגען און, אַלס רעזולטאַט דערפון, דועלען זענען געווען דער אינהאַלט פון

אַריסטאָקראַטישן לעבן. און בייראָן איז געווען דער העלד פון טאָג, יונגער פון יאָהר. וויפיעל ענטציקונג און ליבע האָט ער געדאַרפט אַרויסרופן ביי אַ געזעלשאַפט, וואָס האָט געליטן פון פוסטקייט און זיך געלאַנגווייליגט! אַזאַ יונגער, אַזאַ שענער און אַזוי פול מיט זינד! ווייל קיינער האָט נישט געקאָנט צווייפלען, אַז בייראָן איז פונקט אַזוי זינדיג, ווי זיין העלד. בייראָן האָט נישט געקאָנט בלייבן אַזוי רוהיג און קאַלטבלוטיג, ווי וואַלטער סקאָט, ווען מען האָט איהם גע'הנפ'עט און געריהמט. ער האָט זיך געלאָזט שווימען מיט דעם שטראָם. דער קינסטלער אין איהם האָט געבענקט איבערצולעבן אַלע שטימונגען און ער האָט קיינע פון זיי נישט אָפּגעשטויסען. לייכט איז איהם אָנגעקומען צו דערהאַלטען דעם רוהם פון אַ פּאָעט; נאָך קורצע פויזען זענען געקומען איינע נאָך דער אַנדערער פּאָעטישע ערצעהלונגען—„דער גיאַאור", „די כלה פון אַבידאָס", „דער קאָרסאַר", פון וועלכען מען האָט אין איין טאָג פערקויפט 13.000 עקזעמפּלאַרען. ווייטער האָט ער אין 1815 אָנגעשריבן „פּאַריזינאַ" און „די בעלאַגערונג פון קאָרינט". דאָס נייע, דאָס פרעמדאַרטיגע און די אונגעוועהנליכע ליידענשאַפטליכקייט אין די דאָזיגע ערצעהלונגען האָבען מיטגעריסען מיט זיך די לאָנדאָנער געזעלשאַפט. ער איז געווען אַנ'ערשיינונג, אויף וועלכער עס האָבען זיך אָנגעשטעלט אַלע אויגען. יונגע דאַמען אין דער געזעלשאַפט האָבען געציטערט פאַר פרייד ביי דעם געדאַנק, אַז אפשר וועט ער איינע פון זיי פיהרען צום טיש, און גלייכצייטיג האָבען זיי נישט געוואַגט צו געהמען אַ ביסען אין מויל, ווייל זיי האָבען געוואוסט, אַז בייראָן קאָן נישט ליידען קיין דאַמען בשעת זיי עסען. מיט שרעק און האָפנונג האָט מען גע'חלומ'ט, אַז ער זאָל אַריינשרייבען אַ פּאָר פערזען אין אַלבאָם. בלויז זיין אייגענהענדיגער כתב איז געווען אַנ'אוצר. מען פלעגט זיך פרעגען, וויפיעל טערקישע און גריכישע פרויען האָט געבראַכט צום טויט זייער ליבע צו בייראָנ'ען און וויפיעל מענער ער האָט אומגעבראַכט. זיין שטערן און בליק האָבען אויסגעוויזען אַזוי, גלייך ווי מען קאָן אין זיי לייענען נור פערברעכענס. ער האָט נישט

בענוצט קיין פודער, זיינע האָהר זענען געוועזן אַזוי ווילד, ווי זיינע געדאַנקען. אַנדערש פון אַלע אַנדערע שטערבליכע אין יעדער הינזיכט, איז ער געווען אונגעוועהנליך מעסיג, פונקט ווי זיין קאָרסאַר. אָט האָט ער נישט לאַנג ביים לאָרד א. א. ביים מיטאָג עלף מאָל דורכגעלאָזט פאַר זיך דעם דיענער און נור געבעטען אַ ביסקוויט און סאָדע-וואַסער. וואָס פאַר אַ פערלעגענהייט פאַר אַ בעל-הבית׳טע, וועלכע איז אַזוי שטאָלץ מיט איהרע פאָרבערייטונגען צום טיש! און ווי אונגעוועהנליך דאָס איז אין אַ געזעלשאַפט, אין וועלכער גוטער אַפעטיט ווערט געהאַלטען פאַר אַ נאַציאָנאַלער טוגענד!

מיר זעהען אַלזאָ, ווי אַזוי טשיילד האַראָלד אין זיין אייגענער פערזאָן פערוואַנדעלט זיך אין דאָן זשואַן. דער איינזאַמער וואַנדערער ווערט דער לייב פון די סאַלאָנען. נאַטירליך, בייראָנ׳ס פאָעזיע, ווי אויך זיין הויכער יחוס, זיין יוגענד און זיין אונגעוועהנליכע שעהנהייט האָבען אין די דאַמען-ספערען געמאַכט אַן אונגעהויערן איינדרוק. אין דער ביאָגראַפיע פון וואַלטער סקאָט געפינען מיר פאָלגענדען געדאַנק וועגען דעם אויסערליכען אויסזעהן פון בייראָנ׳ען: „איך מיין, אַז איך האָב שוין געזעהן די בעסטע פאָעטען פון מיין לאַנד און מיין דור, אָבער וואָטש בערנס האָט געהאַט די שענסטע אויגען, האָט דאָך קיינער, ווי בייראָן, נישט פערמאָגט אין אַזאַ שטופע דעם אויסדרוק, וועלכען מיר שטעלען זיך פאָר וועגען אַ פאָעט. זיינע פאָרטרעטען גיבען נישט די ריכטיגע פאָרשטעלונג וועגען איהם; אין זיי איז פאַרהאַן ליכט, אָבער עס ברענט נישט. אין בייראָנ׳ס געזיכט איז פאַרהאַן עטוואָס אַזוינס, וועגען וואָס מען קאָן נור טרוימען”.

עס איז אַ בעקאַנטער פאַקט, אַז איינע פון די בעריהמטעסטע שענהייטען פון ענגלאַנד האָט, דערזעהענדיג איהם צום ערשטען מאָל, אויסגערופען: „דאָס דאָזיגע בלאַסע געזיכט איז מיין שיקזאַל!” די פרויען האָבען שטענדיג פערנומען אַ גרויסען טייל פון בייראָנ׳ס גייסטיג לעבען. די רמזים אין „טשיילד האַראָלד” האָבען געגעבען אַ סבה צו מיינען, אַז אין ניוסטעד האָט ער געהאַט אַ פאָרמעלען האַרעם, הגם אין דער ווירקליכקייט איז

דער דאָזיגער האַרעם, דאַכט זיך, בעשטאַנען בלויז פון איין אָדאַ-ליסקע; וועגען זיינע רייזע-געשעהענישען אין פערקעהר מיט פרויען האָט מען דערצעהלט לעכערליך-איבערטריבענע געשיכטען, און דעריבער האָבען די פרויען פון דאַן אָן פשוט איהם בעלאַ-גערט, דער טיש פון פּאָעט איז געווען טאָג בײַ טאָג בעדעקט מיט בריעף פון בעקאַנטע און אומבעקאַנטע דאַמען. איינע איז געקומען צו איהם איבערגעקליידט אַלס פּאַזש, כדי צו זיין עהנ-ליך צו דער העלדין קאַלעד אין „לאַראַ“, און פיעל אַנדערע זענען געקומען נישט איבערגעקליידעט.

דאָס לייכטזיניגע און ווילדע לעבען פון בײַראָנ'ען אין לאָנדאָן האָט פּאָרלויפיג זיך געהאַט פערענדיגט דורך דאָס פּיינליכסטע געשעהעניש פון זיין לעבען, דורך התונה-האָבען. קיין גרויס אַכטונג פאַר אַ פרוי האָט ער קיינמאָל אין לעבען נישט געהאַט; אָבער די פרוי, וועלכע ער האָט געקאָנט ליעבען, האָט בעדאַרפט זיין אַ נאָכגיביג בעשעפעניש, גרייט צו קרבנות, און אַזאַ פרוי האָט ער מיט בעזונדערער ליעבע געשילדערט אין אַלע זיינע פּאָעזיעס. דער שיקזאַל האָט אָבער געוואָלט, אַז אַלס ווייב זאָל ער בעקו-מען אַ פרוי מיט אַ שטאַרקען און עקשנות'דיגען ענגלישען כאַ-ראַקטער. מיס אַנאַ איזאַבעלאַ מילבאַנק, די איינציגע טאָכטער פון אַ רייכען באַראָנעט, האָט בעצויבערט בײַראָנ'ען מיט איהר איינפאַכקייט און בעשיידענקייט, זי האָט איהם אויך צוגעצויגען דורך איהר אויסזיכט, אַז מיט דער הילף פון איהר געלד וועט ער קאָנען אויפלעבען ניוסטעד. זי האָט איהם גערייצט דורך איהר אָבזאָג, ווען ער האָט געבעטען איהר האַנד, האָט איהם באַלד נאָכדעם פעראינטערעסירט דערמיט, וואָס זי האָט פון איי-גענער איניציאַטיווע פערפיהרט מיט איהם אַ פריינדשאַפטליכע קאָ-רעספּאָנדענץ, און ענדליך געגעבען איהם דאָס וואָרט אַלס ענט-פער אויף זיין ליעבעס-בריעף, וועלכען ער האָט אָנגעשריבען און אָוועקגעשיקט אין דעם אומפערבעטראַכטליכסטען לייכטזין, נור דערפאַר, ווייל אַ פריינד, וועמען ער האָט געוויזען דעם בריעף, האָט איינגעפונען, אַז דער בריעף איז „שען געשריבען“.

 דער פּעגאַס האָט זיך נישט איבעריג גוט געפיהרט אין

יאָך. דאָס יונגע פּאָר איז דערווייל אָבּגעפאָהרען קיין לאָנדאָן, זיך גלענצענד איינגעאָרדענט, געהאַלטען אַנ׳עקיפּאַזש און דיע-נערשאַפט, געמאַכט אויפנאַהמען א. אַ. וו., ביז עס האָבען זיך בעוויזען בייראָנ׳ס קרעדיטאָרען. די צעהן טויזענד פונט נדן זע-נען צושמאָלצען געוואָרען, ווי טוי אונטער דער זון; די 8000 פונט, וועלכע בייראָן האָט נישט לאַנג בעקומען בירושה, זענען אויך אויף דעמזעלבען אופן פערשוואונדען. ער האָט זאָגאַר גע-מוזט פערקויפען זיינע ביכער. מוריי האָט איהם פאָרגעלעגט 1500 פונט האָנאָראַר, אָבער צוליעב פאַלשען שטאָלץ האָט ער אָבּגע-וואָרפען דעם פאָרשלאָג. דאַן האָט מען אַכט מאָל אַרויפגעלעגט אַנ׳אַרעסט אויף זיינע זאַכען, זאָגאַר אויף די בעטען, נאָכדעם ווי מען האָט שוין געהאַט צוגענומען דאָס מעבעל און די קאַרעטעס. ביי אַזעלכע אומשטענדען האָט לעדי בייראָן אין דעצעמבער 1815 געבוירען די טאָכטער אַדאַ. אין אַ מאָנאַט אַרום נאָכ׳ן געבוירען דאָס קינד האָט די יונגע פרוי, לויט אַנ׳אַלגעמיינעם אָבּריידען זיך, פערלאָזט די אונרוהיגע און נישט-ליעבּע וואוינונג, כּדי צו פער-ברייגגען אַ געוויסע צייט ביי די עלטערן. אָבער ווי נור זי איז אַהין אָבּגעפאָהרען, האָט דער פאָטער מודיע געווען בייראָנ׳ען, אַז מעהר וועט זי זיך צו איהם נישט אומקעהרען.

ווי נור די פרוי האָט פערלאָזט בייראָנ׳ען, איז ער אין דער געזעלשאַפטליכער מיינונג גלייך געוואָרען אַנ׳אַנדער מענש. פונקט ווי אַמאָל, אין אַ שענעם פריהמאָרגען נאָכ׳ן אָבּדרוקען „טשיילד האַראָלד" האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און דערזעהן, אַז ער איז געוואָרען בעריהמט, אַזוי האָט ער זיך איצט אין אַ שענעם פריהמאָרגען אויפגעכאַפּט און דערזעהן, אַז מען בעהאַנדעלט איהם ווי אַ מענש, וואָס ליעגט אין חרם און ווערט אומעטום פערשאָלטען.

אויב די סבות פון בייראָנ׳ס פאַלען זענען געווען קאָמ-פּליצירטע, איז דאָס מיטעל דערצו געווען איינפאַך—דאָס איינ-ציגע ווירקזאַמע מיטעל אין אַזעלכע פאַלען: די פּרעסע. שוין צוליעב זיינע פערזען צו פּרינצעסין שאַרלאָטע האָבען די זשור-נאַלען איהם פאָרגעוואָרפען די געמיינסטע בלבולים און פיעל

זיי האָבן געהאַט אַ שטענדיגע רובריק פאַר שמוציגע אָנפאַלען געגען דעם גרויסען דיכטער. איצט האָבן די אָנפאַלען אויף זיין פריוואַט לעבען דורך אַנאָנימען, וואָס הערשען אין דער ענגלישער פרעסע, נישט קוקענדיג אויף דער פערדאָרבענהייט און דעמאָראַליזאַציע, געפונען פאַר זיך אַ ברייט פעלד. די אייגענליכע בעדייטונג פון אַנאָנימען איז די, וואָס דער טאַלענטלאָזסטער פאַרטאַטש, וועלכער קאָן קוים האַלטען די פעדער, מיט וועלכער ער לייגט, קאָן אַריינגעהמען אין זיין מויל דעם טראָמפייטער פון דער עפענטליכער מיינונג און אין טויזענדער עקזעמפלאַרען לאָזען הערען זיין שטים אין נאָמען פון דער בעלייריגטער צניעות. בייראָן האָט שפעטער זיך דערמאָהנט נור איינינגע פון די צונעמענישען, מיט וועלכע די פרעסע האָט איהם בעוואָרפען. מען האָט איהם אָנגערופען: נעראָן, אַפּיציוס, קאַליגולאַ, העליאָגאַבאַל און הייגריך דער VIII-טער, ד. ה. מען האָט איהם בעשולדיגט אין אַלע מעגליכע גרויזאַמקייטען, אונגאַטירליכע תענוגים, וואַהנזיניגער און חיה'שער ווילדקייט; מען האָט איהם בעמאָלט מיט אַלע פאַרבען פון דער נידערטרעכטיגקייט. אָבער פון אַלע בעשולדיגונגען איז די שרעקליכסטע געווען די, וועלכע האָט שוין דעמאָלט אַרומגעשוועבט אין דער פרעסע און בעפלעקט דעם שטערן פון דעם ווענן, וואָס איז פאַר איהם געווען דאָס טייערסטע—די בעשולדיגונג, אַז ער האָט געלעבט מיט זיין שוועסטער. דערביי האָט ער נישט געהאַט די מעגליכקייט אויף דעם אַלעם צו ענטפערן, ווייל ווער קאָן קעמפפען מיט דער גאַסענבלאָטע, מיט וועלכער מען בעוואַרפט עמיצען!

די קלאַגגען זענען געגאַנגען פון מויל צו מויל. ווען די שוישפּיעלערין מאַרדין איז באַלד נאָך דעם גט-פּראָצעס אַרויסגעטראָטען אין דרורילאַן-טעאַטער, האָט מען זי אויסגעפייפט, ווייל צווישען פובליקום האָט זיך פערשפּרייט אַ נידערטרעכטיגע פּליאָטקע, אַז די דאָזיגע דאַמע, מיט וועלכער בייראָן האָט אַ פּאָר מאָל גערעדט, האָט געהאַט מיט איהם בעציהונגען. ער אַליין האָט קיינמאָל נישט געקאָנט אַרויסגעהן פון שטוב אָהן געפאַהר. אויף דער גאַס און אויפ'ן וועג צום פּאַרלאַמענט, וואו

אַלע האָבען אינגאַנצען איהם איגנאָרירט, איז ער געווען פעראַכטעט דורך דעם געבילדעטען המון.

אַזוי ווי קיין פערטיידיגונג איז נישט געווען מעגליך, האָט ער, הגם ער איז געווען שטאָלץ, געמוזט אַראָבבויגען דעם קאָפּ און אָבטרעטען פון פעלד. ער האָט געשפּירט, ווי ער האָט געזאָגט, אַז „ער פּאַסט שוין נישט מעהר פאַר ענגלאַנד, אויב די בלבולים, וועגען וועלכע מען האָט זיך געשושקעט און הויך־גרויסגערעדט, האָבען אַ גרונד; אויב ווידער זיי האָבען נישט קיין גרונד, דאַן פּאַסט שוין ענגלאַנד נישט פאַר איהם". דעם 25-טען אַפּריל 1816 האָט ער פערלאָזט ענגלאַנד, כדי קיינמאָל זיך אַהין נישט צוריקצוקעהרען. פון דעם מאָמענט הויבט זיך אָן בייראָנ'ס אמת'ע גרויסקייט. די עדינבורגער קריטיק האָט צום ערשטען מאָל איהם געוועקט צו גייסטיגער טהאַט. דער דאָזיגער נייער קלאַפּ האָט איהם געמאַכט פאַר אַ ריטער. עס איז גאָר קיין פערגלייך נישט צווישען דעם, וואָס בייראָן האָט געשריבען פאַר און נאָך זיין גרויסען אומגליק. דאָס דאָזיגע אומגליק האָט אויף איהם געשיקט דער געניוס פון דער געשיכטע, כדי איהם אַרויסצורייסען פון דער בעטויבענדער פערגעטערונג, און איהם אינגאַנצען אָברייסען פון איינשלעפערענדען פערבאַנד מיט יענער געזעלשאַפט און יענעם געזעלשאַפטליכען גייסט, געגען וועלכע ער האָט בעדאַרפט אָנהויבען אַן'אָפּאָזיציע מיט דער גרעסטער קראַפט און ערפאָלג.

ווען ער איז צום צווייטען מאָל געבליבען אָהן אַ פאָטערלאַנד און אַן'איינזאַמער וואַנדערער, האָט ער זיך ווידער גענומען צו דער פּאָעמע פון זיין יוגענד. ער האָט צוגעגעבען צו „טשיילד האַראָלד" דעם דריטען און פיערטען טייל. ער האָט זיך ווידער פערטיעפט אין די שטימונגען פון זיין יוגענד; אָבער ווי שטאַרק זענען זיי געוואָרען פאַר דער צייט! דער אַקאָרד, וועלכער האָט פון אָנהויב אָן זיך בעזעצט אין „טשיילד האַראָלד", איז געווען דער דרייקלאַנג פון איינזאַמקייט, מעלאַנכאָליע און דראַנג צו פרייהייט. יעדער פון די איינצעלנע טענער איז איצט געוואָרען אָהן אַן'ערך פיעל קלאָרער און קלינגענדער.

די ערשטע העלפט פון דעם ווערק איז געווען דורכגע-
דרונגען מיט דער שטימונג פון איינזאַמקייט אַלס דער בעדינג
פון ליעבע צו דער נאַטור. שוין דאָרט הערען מיר: זיצען אויף
די פעלזען, טרוימען אויף די חוואַליעס, אַרומגעהן לאַנגזאַם אי-
בער די וועלדער, אין וועלכע עס איז נאָך קיין מענשליכער פוס
נישט געשטאַנען, אַליין בעאָבאַכטען די שטראָמען פון טייך—דאָס
איז נישט קיין איינזאַמקייט, נאָר אינערליכער פערקעהר מיט דער
נאַטור; דאַגעגען אַרומגעהן צווישען מענשליכען ווירוואַר און הע-
רען זיין אונאויפהערליכען טומעל, נישט ליעבענדיג קיינעם און
נישט זעענדיג פון קיינעם געליעבט, דאָס הייסט באמת זיין איינ-
זאַם. אָבער די דאָזיגע געפיהלען זענען געווען ערינערונגען פון
די שענע קינדהייטס-איינדריקען פון די שאָטלענדישע בערג-גע-
גענדען, אָדער דאָס זענען געווען טרוימערייען, וועלכע זענען
אַרויסגערופען געוואָרען דורך דעם זעהן די וואוינונגען פון די
פרושים אויף די בערג פון אַטאָס. אין דער צווייטער העלפט פון
ווערק איז דאָס געפיהל פון איינזאַמקייט שוין געווען גאָר פון
אַנ׳אַנדער מין. עס איז אַ גרויסער אונטערשיעד צווישען דעם
דראַנג צו איינזאַמען פערקעהר מיט דער נאַטור, וועלכען האַ-
ראָלד שפירט אין זיך אַלס אַנ׳אונערפאַהרען יונגעל, און דעם
דראַנג, וועלכער לעבט-אויף אין איהם שוין אַלס רייפער מאַנס-
ביל, נאָכדעם ווי עס האָט זיך שוין געענדיגט זיין ערשטע
רייזע אַרום דער וועלט פון מענשען און ערשיינונגען. נישט די
מורא פאַר מענשען, נאָר די פעראַכטונג צו זיי ציהט איהם איצט
ליעב צו האָבען די שטומע נאַטור. די דאָזיגע גאַנצע גרויסע
געזעלשאַפט, די הערשענדע געזעלשאַפט פון דער גרויסער שטאָדט,
וועלכע האָט פאַר דעם פרעמדען אויג אויסגעזעהן אַזוי הומאַ-
ניסטיש, אַזוי סובטיל אין די געפיהלען, אַזוי אָנשטענדיג און
ריטערליך געזאָנען, האָט צו איהם זיך אויסגעדרעהט מיט דער
פערקעהרטער זייט, און די דאָזיגע זייט האָט געקאָנט זיין בע-
לעהרבאַר, אָבער נישט שען. ער האָט איצט דערזעהן, וועלכע
פריינדשאַפט מען ווייזט אַרויס אַ געפאַלענעם; ער האָט געזעהן,
אַז דער איינציגער פאַקטאָר, אויף וועלכען עס קאָן רעכענען אַ

מענש, וועלכער וויל זיך מאַכען פלענער פאַר זיין צוקונפט, איז דער עגאָאיזום פון אַנדערע און די פאָלגען דערפון. אַזוי איז ער צום צווייטען מאָל געבליבען אַליין מיט זיך, און די פאָעזיע, וועלכע ער האָט געשריבען, איז נישט בעשטימט פאַר געזעלשאַפטליכע נאַטורען. אָבער ווער עס האָט נור חאָטש איין מאָל געלערנט זיך אויסדרעהען צו מענשען מיט׳ן רוקען, ווער עס האָט געהאַט דעם וואונש צו לעבען בשלום אָהן זיי און דערשפירט דעם פערלאַנג צו פערלאָזען די היים אָדער דאָס פאָטערלאַנד, כדי אויסצומיידען די געזיכטער און זוכען דעם בליק פון אַ פרעמדען הימעל און ערד, ווער עס האָט אויף דעם איינזאַמען פאָן דערשפירט אין דער ערשיינונג פון אַ פרעמדען מענשען ווי אַ שמוציגען פלעק אויף זיין ריינעם און פרייען האָריזאָנט—אין האַרצען פון אַזעלכען וועלען בייראָנ׳ס לירישע געפיהלען געפינען אַנ׳אָבקלאַנג. טשיילד האַראָלד איז איינער אַליין. ער האָט זיך איבערצייגט, אַז אַמוועניגסטען איז ער פעהיג צו געהן מיט׳ן שטראָם מיט אַנדערע מענשען, אַז ער איז נישט אימשטאַנד אונטערצוואַרפען זיינע געדאַנקען אונטער דער הערשאַפט פון פרעמדע געדאַנקען, אָדער איבערצוגעבען אַ פרעמדען גייסט, געגען וועלכען ער פראָטעסטירט, די הערשאַפט איבער זיין נשמה. דאָרט, וואו עס הויבען זיך אויף בערג, דאָרט שפירט ער זיך צווישען פריינד, וואו עס שטורמט דער ים, דאָרט איז זיין פאָטערלאַנד; די פאָעמע, וועלכע די נאַטור שרייבט מיט די זונען-שטראַהלען אויף דעם שפיגעל פון ים, איז איהם ליעבער איידער אַ בוך אין דער שפראַך פון זיין געבורטסלאַנד, צווישען מענשען פיהלט ער זיך ווי אַ ווילדער סאָקאָל, וועלכען מען האָט אָבגעשניטען די פליגעל. אָבער חאָטש ער איז אַנטלאָפען פון דער וועלט, האַסט ער זי נישט; נישט צוליעב שלעכטען הומאָר אָדער להכעיס-געפיהלען שטרעבט זיין נשמה טיעף צו איהר אייגענעם קוואַל; זי האָט מורא צו לעבען אין דעם מענשליכען טומעל, ווייל איין מאָמענט קאָן אומבריינגען אונזער גאַנץ גליק, אַזוי אַז „דאָס גאַנצע בלוט אונזערס ווערט פערוואַנדעלט אין טרעהרען".

צי איז נישט בעסער, פרעגט ער, צו זיין איינזאַם און הערען אַ טייל פון דער וועלט אַרום, ווען דאָס בילד פון הויכע בערג איז פאַר דעם מענשען אַן׳איידעל געפיהל, בעת דער ליאַרים פון שטאָדט איז פאַר איהם סם, און ווען די בערג, הי־מעל און ים זענען אַ טייל פון זיין נשמה, פונקט ווי ער איז אַ טייל פון זיי, און ליעבען זיי איז זיין ריינסטעס גליק? זיין נשמה, וועלכע איז אַמוועניגסטען אַליין אין דער איינזאַמקייט, זעהט פאַר זיך אין דער איינזאַמקייט אַן׳אונענדליך לעבען, אַן׳אמת, וועלכער רייניגט זי אָב פון „איך". האַראָלד האָט נישט ליעב די וועלט און די וועלט האָט איהם נישט ליעב. ער איז שטאָלץ דערמיט, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט אַריינגענומען אין זיך איהר ליידענשאַפטליכען אָטעם, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געבויגען די קניה פאַר איהרע אָבגעטער, קיינמאָל נישט אויס־געצויגען די ליפען צו אַ פאַלשען שמייכעל און איז קיינמאָל נישט געווען קיין עכאָ דערפון, וועגען וואָס דער המון שרייט; ער איז געווען צווישען זיי, אָבער קיינמאָל נישט איינער פון זיי. ער וויל זיך צושיידען אָלס אָפענער פיינד פון דער וועלט, וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט געליעבט און וואָס האָט איהם דאָס אָבגעצאָהלט מיט צינזען. איהם דאַכט זיך, זאָגט ער, אַז די ערפאַהרונג האָט איהם געלערנט, אַז עס זענען פאַרהאַן ווערטער, וואָס האָבען נישט קיין קלענערע בעדייטונג, איידער מעשים, האָפנונגען, וועלכע געהען נישט פערלוירען, אמת׳ע באַרימהאַרציג־קייט, און צוויי אָדער דריי, וואָס זענען דאָס, וואָס זיי זעהען אויס צו זיין.

אָט אַזוי פערוואַנדעלט זיך די שטימונג פון איינזאַמקייט אין שטימונג פון מעלאַנכאָליע. אויך די דאָזיגע זייט איז שוין געווען אין די ערשטע צוויי קאַפּיטלען; אָבער דאָרט איז די מעלאַנכאָליע געווען אַ ריין־יונגעלשע אונצופריעדענהייט. טשיילד האַראָלד האָט געהאַט היבטער זיך אַ פערלוירענע יוגענד און, פונקט ווי דער פלעגמאַטיש־מעלאַנכאָלישער האַמלעט צווישען די קברנים, איז ער געשטאַנען איפ׳ן קבר פון אַכילעס און מיט דעם שטערבען פון טויטען אין די הענד האָט ער געטראַכט וואָס

עס איז ווערטה דאָס לעבען און זיין העכסטער רוהם, בשעת ער אַ״ין, וועלכער האָט נאָך דעמאָלט נישט פערזוכט די זיסקייט פון רוהם, האָט אין דער ווירקליכקייט צו קיין זאַך נישט געשטרעבט אַזוי ליידענשאַפטליך, ווי צו איהם, צו דעם רוהם, וועלכען ער האָט לפנים און דורך אַ געקינסטעלטער פילאָזאָפיע פעראַכטעט. איצט האָט ער דעם רוהם שוין פערזוכט און זיך איבערצייגט, וואָס פאַר אַ ווייניג נאַרהאַפטע שפייז דאָס איז. זיין האַרץ איז עהנליך צו אַ צובראָכענעם שפּיגעל, וואָס אַנשטאָט איין בּילד שפּיגעלט ער אָב דאָס בּילד טויזענדפאַכיג און וואָס מעהר ער איז צובראָכען, אַלץ ווייניגער קאָן מען עס פערגעסען. אַליין שוין אַ צובראָכענער, זוכט ער דעריבער אין דער נאַטור דאָס, וואָס קאָן מיט זיין קאָנטראַסט פערקלענערן זיינע ליידען: דעם פרייען, אָפּענעם ים, וואָס זיינע שוים-לאָקען האָט ער נאָך געגלאַשטשעט אין דער קינדהייט, וועלכע קענען איהם, ווי דאָס פערד זיין רייטער; ער ליעבּט דעם ים דערפאַר, וואָס זיין שפּיגעל-אויבערפלאַך איז דאָס איינציגע, וואָס קאָן נישט צובראָכען ווערען, און פערליערט נישט זיין געשטאַלט אפילו פון קנייטשען און שראַמען, דאָס איינציגע, וואָס זעהט נאָך אויס איצט, ווי אין ערשטען טאָג פון געבּוירען. אָבער אַלץ אין דער נאַטור דערמאָהנט איהם וועגען ליידען און קאַמפף. דער ווייטער דונער איז פאַר איהם ווי דער שטורמישער גלאָקען-קלאַנג, וועלכער וועקט אַלץ, וואָס האָט זיך שוין אין איהם רוהיג איינגעלעבּט. אפילו די קליינע ליעבּע נעמי-אָזערע מאַכט אויף איהם נישט קיין איינדרוק פון שטילקייט און מילדקייט, נאָר זעהט איהם אויס „שטיל, ווי אַן׳איינגעהאַלטענע שנאה״. זיין מעלאַנכאָליע איז אַ כאָלערישע. ווען ער זאָל קאָנען זיין גאַנצע ליידענשאַפט איינפאַסען אין איין וואָרט, און ווען דאָס דאָזיגע אַרויסגעזאָגטע וואָרט זאָל פאַלען שרעקליך און צושמעטערענד ווי אַ בּליץ, וואָלט ער זיך נישט געוואַקעלט, זאָגט ער, אַרויסצוזאָגען דאָס וואָרט. אַלץ בּעסער, איידער רוה! דאָס איז זיין לאָזונג. רוה איז פאַר אַ שטאַרק האַרץ אַ גיהנם; עס איז פאַרהאַן אַ געוויסע נשמה-פלאַם, וואָס קוים פלאַקערט זי אויף, ווערט זי שוין קיינמאָל

יך נישט אויסלעשען, נאָר וועט אַלע מאָל אויסברעכען אַלץ
שטאַרקער און שטאַרקער. דאָס איז אַ פּאַטאַלער פיבער פאַר
יעדען, וועמען עס חאַפּט אָן—

דאָס פייער שאַפט די וואַהנזיניגע מענשען-קינדער,
וועלט-עראָבערער, מעכטיגע הערשער,
נביאים, סעקטען-אַנפיהרער, ווי אויך סאָפּיסטען און טרוימער.
זען טיעף ווערט ערשיטערט זייער נשמה,
זענען זיי אַליין די קרבנות פון די,
וואָס זענען דורך זיי וואַהנזיניג געוואָרען,—
זיי שפּיעלען מיט'ן גליק און זענען פון גליק אַזוי ווייט..
זייער אָטעם איז שטורם, זייער לעבען—קאַמפּף,
אַ שטורם, וואָס טראָגט זיי אַהין צום טויט,
און דאָך אייביג ברענען זיי און אייביג ציהט זיי צום קאַמפּף,
און ווען איינמאָל געהט זייער טאָג פאַריבער
שטיל אין זונען-אונטערגאַנג, אָהן קאַמפּף,
דאַן לעכצען זיי שטערבליך און ליידען פון בענקשאַפט,
ווי פייער, וואָס ווערט קיינמאָל נישט זאַט.

אַך, רופט העראַלד אויס,

מיר וועלקען פריה און געהען דורך דאָס לעבען
קראַנק און מיעד, אונזער דאָרשט נישט געלעשט,
און ווען צולעצט, ביים ברעג פון אונזער לעבען,
ווינקט אונז דאָס לאַנג-געזוכטע האָפנונגס-בילד,
צו-שפּעט!—און מיר זענען דאָפּעלט שוין פערשאָלטען,
ליעבע, עהרפורכט, קאַרגשאַפט—אַלץ איינס,
אַלץ איז גלייך פוסט און בלויז מעטעאָרען, בלויז נאַררײַ,
מיט דער שוואַרצער פלאָם פון טויט נצהט אַלץ פאַרביי.

אָ, מענשען-לעבען, אין אַקאָרד פון דער נאַטור
ביזטו אַ פאַלשער טאָן, אַ שווערע לאַסט,
דאָס אייביגע דענקמאָל פון דער ערשטער זינד,
ווי אַ ריעזיגער אופּאַס-בוים, וואָס זיינע וואָרצלען
זענען די ערד, און די צווייגען—דער הימעל,
וואָס שיקט אַ טוי פון אומגליקען אַלערליי,
מגפות, קנעכטשאַפט און טויט,
אַלץ, וואָס די אויגען זעהען, און נאָך אַ גרעסער אומגליק
וואָס אונזערע אויגען זעהען נישט,
וואָס פרעסט אונזער האַרץ מיט אייביגען וועהטאָג.

די דאָזיגע שטימונג, וועלכע בעהערשט אונפערמיידליך אונזער נשמה ביים בעדאַנק וועגען דער אַלגעמיינער נויט („וועלט-שמערץ" רופען דאָס די דייטשען מיט אַן׳אייגענאַרטיגען אויס-דרוק), האָט שוין אין די ערשטע געזאַנגען פון „טשיילד האַ-ראָלד" ענטהאַלטען אין זיך דעם מאָטיוו פון ליעבע צו דער פרייהייט, אַלס די דריטע גרונד-שטימונג פון דער פּאָעמע, די איינציגע בעפרייענדע מאַכט, די איינציגע, וועלכע בעשטימט דעם לעבען אַ פּראַקטישע אויפגאַבע. שוין אין פּאָרטוגאַל האָט האַ-ראָלד אויסגערופען:

אַח, זאָל דאָס פרייע פאָלק זיין אַרומגערינגעלט דורך אַן׳אייזערנעם וואַל.

און די שפּאַניער האָט ער אין די אויערן איינגערוימט:

פאָרוועַרטס, זיהן פון שפּאַניען! אייער געטין רופט צו אייער ריטער-עהרע!

שוין דעמאָלט האָט ער זיך געווענדט צו דעם אונטער-דריקטען גריכישען פאָלק, וואָס האָט שטענדיג גערופען צו הילף, מיט אַ וואָרנונג:

„צי ווייסט איהר נישט, אייביגע פערשקלאַפּטע: ווער עס וויל פריי זיין, דער מוז אַליין דעם זיעג בעקומען. צי האָפט איהר אויף דער הילף פון גאַליען אָדער מאָסקווע? זיי וועלע

אפשר בויגען די מאַכט פון אייערע בעדריקער, אָבער זיי וועלען נישט אָנצינדען קיין פייער פון אָפּפער אויף דעם אַלטאַר פון דער פרייהייט... אַזוי לאַנג ווי עס וועלען נישט אויפשטעהן לאַקעדעמאָנ׳ס העלדען, ביז טהעבען וועט נישט אַרויסטרעטען צום דיעג, ביז אין אַטהען וועלען נישט ווידער קלאַפּען די הערצער, ביז גריכישע מוטערס וועלען נישט געבוירען העלדישע מענער, אַזוי לאַנג וועט דויערן די קנעכטשאַפט.״

אָבער זיין ליעבע צו פרייהייט איז דאַן געווען אַ ריין־פּאָליטישע, עס איז געווען דער צאָרן פון אַ פריי־געבוירענעם ענגלענדער, זעהענדיג, ווי פרעמדע פעלקער זענען נישט אים־שטאַנד אַראָבצוּוואַרפען דעם יאָך פון פרעמדער הערשאַפט, וועלכע זיין אייגען פאָלק האָט קיינמאָל נישט געטראָגען און וואָלט נישט קאָנען אַריבערטראָגען. איצט פערשטעהט ער שוין די פרייהייט אין ברייטסטען און פולסטען, אַלגעמיין־מענשליכען זין פון דעם וואָרט. איצט שפּירט ער, אַז דער פרייער געדאַנק איז דער אויסגאַנגס־פּונקט פון יעדען גייסטיגען לעבען. אַזוי זאָגט ער:

„יאָ, לאָזט אונז דרייסט און אָהן שרעק זיך פערטיעפען און גריבלען! עס וואָלט זיין פּחדנ׳יש און אַ חרפּה צו אָפּפערן מיט דעם לעצטען בית מקלט—מיט דער פרייהייט פון געדאַנק. דאָס דאָזיגע רעכט איז מיינס. זאָל מען די געטליכע קראַפט, וואָס רעדט פון אונז, שמיעדען אין קייטען, בויגען, בינדען, ברעכען און בעהאַלטען אין דער פינסטערניש, כדי אַז אונזער גייסט זאָל נישט פלוצלונג אויפוואַכען—דער שטראַהל וועט דורכברעכען! ווייל די צייט און די קונסט היילען זאַגאַר בלינדע.״

און נישט בלויז גריבלען זיך און טרוימען וויל ער, ער וויל אויך מעשים. ער רופט צו דער צייט, די גרויסע נקמה־נעהמערין. ער דערמאָהנט איהר, אַז ער האָט רוהיג און שטאָלץ איבערגעטראָגען דעם האַס פון דער וועלט, אַז ער האָט שוין געהאַט איבערגעלעבט פערשיעדענע אַרטען שנאה—און ער ענדיגט מיט אַ געבעט:

„אָ, איך זאָל האָטש נישט האָבען אומזיסט געטראָגען דאָס דאָזיגע אייזען אין מיין האַרצען!״

ווען ער וואַנדערט דעריבער איצט פון לאַנד צו לאַנד, ווערט זיין פערזענליכער וועה פערשוואונדען, זעהענדיג די דאָזיגע חורבות פון רוים, און, ווי סולפיציוס, וואָס זיינע געפיהלען האָט שאַטאָבריאַן איבערגעגעבען דעם העלד פון זיינע „מערטירער״, שפירט ער די נישטיגקייט פון זיינע ליידען און פערגלייך מיט דעם שיקזאַל, וואָס האָט פערטיליגט פון דער וועלט די שטעדט פון גריכענלאַנד. און ווען ער בעפריעדיגט זיך שוין נישט מעהר בלויז מיט דעם געדאַנק וועגען פרייהייט און ווענדט זיין בליק צו אויסען און פערנעהמט זיך מיט די גרויסע פּאָליטישע קאַמפּפען, בענוגענט ער זיך שוין נישט מיט די אַלטע אַפּאָסטראָפען צו די געפאַלענע, ווי למשל, ווען ער רופט צו ווענעדיג, אַז זי האָט פערטרונקען אין דער שאַנדע פון קנעכטשאַפט די דורות פון רוהם און אַז עס וואָלט געווען בעסער, אַז זי זאָל אַליין פערטרונקען ווערען אין ים, איידער צו דערלעבען צו אַזאַ שאַנדע; ניין, ער שטעלט זיך דרייסט געגען מלוכות, געגען די זיעגער ביי וואַטערלאָאָ, וועלכע ער רופט אָן מיט שפּאָט נאַפּאָלעאָנ׳ס מאַלפּעס, און פון דער אויסערליכער זייט פון די פּאָליטישע קאַמפּפען הויבט ער אָן אַריינקוקען אין זייער סאָציאַלען שורש. אמת, זאָגט ער, פראַנקרייך האָט אָוועקגעלעגט אין שטורם גאַנצע חורבות אויף חורבות פון אוראַלטע פּאַראורטיילען, וואָס האָבען עקזיסטירט פון אָנהויב פון דער מענשהייט, און פון די אַלע חורבות זעהען מיר איצט אויפשטעהן תפיסות און טראָהנען —

אָבער אייביג דויערט נישט דער דעספּאָטיזם,
מענשען האָבען ענדליך זייער קראַפט דערקענט!

און הגם פראַנקרייך האָט זיך געטרונקען אין בלוט, ביז זי האָט פון די שרעקליכע מעשים זיך בעפרייט —

דאָך, פרייהייט! דיין צוריסענע פאָהן פלאַטערט,
ווי אַ וואָלקען-דונער געגען ווינטען,
און דיין טראָמפּייטען-רוף שטורמיש שאַלט
גלייך ווי זיין עכאָ זאָל קיינמאָל נישט פערשווינדען.

דיין בוים האָט פערלוירען די בליטען, און די קאָרע,
פון אַ האַק צוהאַקט, זעהט-אויס צופוילט און רויה.
אָבער דער זאַפט לעבט, און איך זעה די זוימען,
זיי זענען אפילו אין די מדבריות פערשפרייט,
און דער נייער פריהלינג ברייננט דיר זיסערע פרוכטען.

איך האָב דאָך געלעבט! און נישט אומזיסט!
זאָל ווערען מיין גייסט אונטערדריקט און מיין הערץ
פערשטומט,
זאָל מיין קערפער צובראָכען ווערען אין לעבענס-קאַמפף,
איינס איז אין מיר, וואָס בעזיעגט די צייט און די
ליידען,
וואָס וועט נאָך אָטעמען אויך, ווען איך וועל שוין
נישט זיין.

אַט אַזוי האָבען אין דער דאָזיגער וואונדערבאַרער פאָעמע
זיך פעראייניגט די גרונד-שטימונגען פון איינזאַמקייט, מעלאַנ-
כאָליע און פריהייטס-ליעבע, און אַזוי האָט דאָס אינערליכע
לעבען פון דיכטער זיך פערטיעפט און פערגרעסערט אַלץ מעהר
און מעהר, וואָס ווייטער דאָס ווערק איז איבערגעגאַנגען פון
איין קאַפּיטעל צום צווייטען. וואָרדסוואָרט האָט געמאַכט זיין „איך”
פאַר דעם אָרגאַן פון ענגלאַנד, סקאָט און מור האָבען אין
זייערע ליעדער אויסגעדריקט די געפיהלען פון שאָטלאַנד און
אירלאַנד; אָבער בייראָנ׳ס „איך” איז דאָס אַלגעמיין-מענשליכע,
זיינע זאָרגען און האָפנונגען זענען די זאָרגען און האָפנונגען
פון דער גאַנצער מענשהייט. נאָכדעם ווי דער דאָזיגער „איך” האָט
מיט מענליכער קראַפט זיך צוריקגעצויגען אין זיך אַליין און איז
פערזונקען געוואָרען אין זיין איינזאַמען טרויער, האָט זיין
שמערץ זיך פערגרעסערט ביז דער מדרגה פון טרויער וועגען
עלענד פון גאַנצען מענשליכען לעבען, די האַרטע, עגאָאיסטישע
קאָרע האָט געפלאַצט און ער האָט זיך געמאַכט אַ וועג צו
טיעפער פריהייטס-בעגייסטערונג, וועלכע נעהמט אַרום און ווארבט-
איך מיט זיך די גאַנצע אינערליכע וועלט פון דיכטער. דעאָלטמ

ריכט אָב דער דיכטער זיין גאָטעס-דיענסט און רעליגיעז זאַמעלט ער אויף זיינע אינערליכע כחות. ער פערוואַרפט מיט פעראַכטונג אַלע „געצען-הייזער", די גאָטישע קירכען צוזאַמען מיט דעם גריכישען טעמפעל, און פונקט ווי די אַלטע פערסען האָבען אויפגעשטעלט זייער אַלטאַר אויף די העכסטע בערג, אַזוי האָט ער געבויגען זיין קאָפּ פאַר דער גרויסער קירך פון דער נאַטור, וואָס בעשטעהט פון ערד און לופט.

נאָכדעם ווי בייראָן האָט בעזוכט דאָס שלאַכט-פעלד פון וואַטערלאָאָ, איז ער מיט דעם רהיין אָבגעפאָהרען קיין שווייץ, וואו ער האָט זיך בעזעצט אויף דער גענפער אָזערע. אין איינעם פון די דאָרטיגע פענסיאָנאַטען האָט ער זיך צוזאַמענגעטראָפען מיט שעלי, וועלכער איז געוועזען יונגער פון איהם אויף פיער יאָהר.

בשעת זיין צוזאַמענלעבען זיך מיט שעלי האָט בייראָנ'ס גייסט בעקומען אייניגע פון די שטאַרקסטע און טיעפסטע איינדריקען, צו וועלכע ער איז געוועזען עמפפינדליך. דעם ערשטען גרויסען איינדרוק האָט ער בעקומען פון שעלי'ס פערזענליכקייט און זיינע לעבענס-אַנשויאונגען. צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען האָט בייראָן דערזעהן פאַר זיך אַ גאַנץ מאָדערנעם און עמאַנציפירטען גייסט. ביי זיין גאַנצער געניאַלער פעהיגקייט אויפצונעהמען און צו מאַכען פאַר אייגענס דאָס, וואָס האָט האַרמאָנירט מיט זיין נאַטור, האָט ער דאָך געהאַט נור אַ האַלבע בילדונג, אַ ליטעראַרישע און פילאָזאָפישע, און ער האָט שטענדיג מעהר געלעבט מיט סימפּאַטיעס איידער מיט איבערצייגונגען. איצט איז פאַר איהם געשטאַנען שעלי, מיט דער בעגייסטערונג פון אַנ'אַפּאָסטאָל, שוין לאַנג בעקעמפפט אַלע ספקות, ווי אַנ'אמת'ער כהן פון הומאַניזם. נישט דאָס אונרוהיגע לעבען אין די לאָנדאָנער סאַלאָנען, נישט דער שווערער דרוק פון שיקזאַל האָבען געקאָנט געבען בייראָנ'ען די געמיטליכע שטימונג, כדי זיך אַריינצוטראַכטען אין מעטאַפיזישע פּראָבלעמען אָדער וועגען דער רעפאָרם פון דער מענשהייט; צו-פיעל איז ער געווען בעשעפטיגט מיט זיך אַליין. איצט האָט ער גראָד אויף דעם

פונקט פון זיין פּאָעטישער קאַריערע, ווען זיין „איך" האָט אָנגעהויבען אין איהם אָבשטאַרבען, בּעגעגענט דעם גייסט, וועלכער האָט איהם געגעבען דעם פייער-קרייץ. זיין נשמה האָט בּרייט זיך געעפענט פאַר דעם נייעם איינפלוס און אין אַ רייה פון דיכטונגען, וועלכע ער האָט איצט געשאַפען, זעהט מען קלאָר דעם דאָזיגען איינפלוס.

אָבער די געמיינזאַמע אויספלוגען פון בּייראָן און שעלי, וואָס זענען געווען רייך אין איינדריקען, האָט מען זיי אויף פערשיעדענע אופנים פערבּיטערט. די רייזענדע לאַנדסלייט האָבען זיי איבּעראַל געפייניגט מיט זייער נייגיריגקייט און אפילו מיט אונגלויבּליכער חוצפה אַריינגעריסען זיך אין בּייראָנ'ס הויז. אויב מען האָט זיי נישט אַריינגעלאָזט, האָבען זיי זיך אַוועקגעזעצט מיט לאַנגע לאָרנעטעס אויף די בּרעגעס און וועגען, כּדי פון דאָרט צו מאַכען זייערע בּעאָבּאַכטונגען, פלעגען אַריינקוקען דורך דעם פלויט פון גאָרטען און איבּערקויפען די קעלנער פון די האָטעלען, פונקט ווי זיי האָבען שפּעטער איבּערגעקויפט די גאָנדעלפיהרער אין ווענעדיג, כּדי צו דערוויסען זיך פון זיי וועגען סקאַנדאַליעזע געשיכטען. אַז בּייראָן און שעלי האָבען געמיינזאַם געלעבט מיט צוויי שוועסטער, דאָס איז געווען דער ערשטער קלאַנג, וועלכען מען האָט אַרויסגעלאָזט, און וואָס מעהר די פלוידעריי פון המון האָט פאָרגעשטעלט די בּיידע פּאָעטען אַלס שרעקליכע טייוולאָנים, אַלץ אַנ'עקעלהאַפטערן כאַראַקטער האָבען די דאָזיגע קלאַנגען אָנגענומען. מען דאַרף זיך דעריבּער נישט וואונדערן, וואָס ווען בּייראָן איז איינמאָל אין קאָפּעט אַריינגעגאַנגען אין דער וואוינונג פון מאַדאַם סטעל, איז אַ געוויסע ענגלישע פרוי, מיס הערווי, — אַנ'אַלטע פרומע אויטאָרין פון ראָמאַנען, געפאַלען אין חלשות, דערזעהענדיג בּייראָנ'ען, ווי זי וואָלט, ריידענדיג מיט בּייראָנ'ס לשון, דערזעהן „זיין טייוולאָנישע מאַיעסטעט אין אייגענער פּערזאָן".

ווי אַ פּראָדוקט פון די אַלע אָנגעוויזענע פּסיכאָלאָגישע אומשטענדען זענען געשאַפען געוואָרען די דראַמען „מאַנפרעד" און „קין". „מאַנפרעד" האָט אַ קלענערן ווערטה און קאָן אָהן שום

ספק נישט אויסהאַלטען דעם פערגלייך מיט געטהעס „פויסט", ווי מען האָט עס אָפט געטהון. נאָר אין איין איינציגען פונקט איז „מאַנפרעד" העכער פון „פויסט". פאַר אַ קריטיקער איז נישטאָ קיין בעסער קריטעריום צו מעסטען פערשיעדענע טיילען פון אַ ווערק, איידער דער אומשטאַנד, וואָס עס איז איהם נאָך פיעל יאָהרען פערבליבען אין זכרון פון דעם ווערק, און איך ווייס בעשטימט, אַז דאָס איינציגע, וואָס איז מיר פערבליבען אין זכרון, נאָכדעם ווי איך האָב שוין צעהנדליגער יאָהרען נישט געלייענט „מאַנפרעד", איז די סצענע, ווען ער, וועלכער איז געווען אַזאַ שטרענגער שופט איבער זיך אַליין, אינ׳ם מאָמענט פון זיין טויט, ווען ער פערטרייבט פון זיך דעם גייסטליכען מיט זיין טרייסט, שיקט ער אויך אַוועק פון זיך מיט טיעפען שטאָלץ און פעראַכטונג די בייזע גייסטער, מיט וועלכע ער האָט נישט קיין געמיינזאַמעס און פאַר וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט אָנערקענט קיין שום מאַכט איבער זיך. דאָ וואַרפט זיך שטאַרק אין די אויגען דער קאָנטראַסט צו „פויסט", וועלכער פערקויפט זיך מעפיסטאָפעל׳ן און שטעלט זיך אויף די קניה פאַר דעם ערד-גייסט. דער ענגלישער פאָעט האָט געהאַט פאַר די אויגען דעם אידעאַל פון זעלבסטשטענדיגער מענליכקייט, צו וועלכען דער דייטשער פאָעט האָט זיך נישט דערהויבען; זיין העלד איז פונקט אַזוי אַ טיפישער מאַן, ווי דער העלד פון געטהע איז אַ טיפישער מענש. אַליין און איינזאַם סיי ביים לעבען, סיי ביים טויט, האָט ער קיין געמיינזאַמעס נישט—נישט מיט׳ן גיהנם, נישט מיט׳ן הימעל. ער איז אַליין זיין בעשולדיגער, אַליין דער ריכטער איבער זיך. דאָ איז אויסגעדריקט די גאַנצע מענליכע מאָראַל פון בייראָנ׳ען. אויף די איינזאַמע הויכקייטען פון יענער זייט שניי-ליניע, וואו מענשליכע שוואַכקייט און וויכקייט עקזיסטירט שוין מעהר נישט, דאָרט ערשט אָטעמט לייכט אָב זיין נשמה, און די אַלפען-לאַנדשאַפט איז די נאַטירליכע ראַהם פאַר דעם הויפט-העלד, וועלכער האַרמאָנירט מיט איהר ווילדקייט.

אָבער אין „מאַנפרעד" ווייזט זיך נור אַרויס די עגאָאיסטישע זייט פון בייראָנ׳ס פאָעטישער נשמה. זיין טיעפע, אַל-

מענשליכע סימפּאַטיע האָט זיך אינגאַנצן אויסגעדריקט צום ערשטען מאָל אין „קין“, וואָס איז אַ דראַמאַטיש געגען-שטיק צו „מאַנפרעד“. „קין“—דאָס איז בייראָנ׳ס גלויבענס-בעקענטניש, ד. ה. דער אני-מאמין זיינער געגען אַלע זיינע ספקות און זיין גאַנצער קריטיק.

אַלס אַ פּריוואַטע פּערזאָן איז בייראָן אָהן ספק נישט געווען אויסגעהאַלטען אין זיין פריידענקעריי, פּונקט ווי ער איז געווען דילעטאַנט אין פּאָליטיק. זיין קלאָרער שכל האָט פּראָטעסטירט געגען גלויבען אין אַבסורדען, אָבער ווי דער גרעסטער טייל גרויסע מענשען אין אָנהויב פון יאָהרהונדערט, ד. ה. פאַר דער ענטוויקלונג פון דער רעליגיאָנס-און נאַטור-וויסענשאַפט, איז ער געווען גלייכצייטיג סקעפּטיקער און אַבערגלויבער. נאָך אַלס קינד האָט ער אַרויסגעוויזען אַ נייגונג געגען רעליגיע; די מוטער פלעגט איהם רעגולער טרייבען אין קירך, און ער האָט זיך נוקם געווען דערמיט, וואָס ער פלעגט זי שטעכען מיט אַ שפּילקע, ווען ער האָט זיך צו-פיעל געלאַנגווייליגט. אַלס יונגעל האָט איהם אויפגערעגט די בלינדע, טרוקענע אמונה פון דער ענגלישער קירך מיט איהרע 39 אַרטיקלען, און אין זיין „מעמאָראַנדום“ האָט ער אָנגעשריבען, אַז צו פערבאָטען די פערגונפט-פאָרשונגען איז פּונקט אַזוי נונלאָז, ווי צו רופען צו אַ וואַכענדען: „זיי נישט וואַך, נאָר שלאָף!“ ער האָט שטענדיג זיך געווינצלט וועגען דעם גלויבען אין אַן׳אייביגען גיהנם. ער האָט אין 1822 געשריבען צו מור׳ן: „דערמאָהנט זיך דעם ענטפער פון פרידריך דעם גרויסען אויף דעם בעקלאָגען-זיך פון אַ פויערים-געמיינדע, וואָס איהר פּאַסטאָר האָט געפּרעדיגט געגען די אייביגע יסורים פון גיהנם. דער ענטפער איז געווען: „אויב מיינע ליעבע, טרייע אונטערטאַנען ווילען דוקא אייביג געשמיסען ווערען, איז עס זיי פּאָלקאָם ערלויבט.“ אָבער נישט קוקענדיג אויף די אַלע וויצען און געדאַנקען, האָט ער דאָך זיך נישט געשפּירט זיכער. ער האָט נישט פערמאָגט אין זיך אַזוי פיעל דרייסטקייט, כדי צו קומען צו די אויספיהרונגען, צו וועלכע דער זעלבער

דער זעלבער האָט געבראַכט שעלי׳ן, און זיין קליינע טאָכטער

האָט ער אָבגעגעבען אויף ערציהונג אין קלויסטער, כדי זיין קינד זאָל נישט בלייבען אונטער'ן איינפלוס פון די פויידענקע-רישע געשפּרעכען פון שעלי און זיין פרוי.

מיר זעהען אַלזאָ, אַז בייראָן אַלס פּריוואַט-מענש האָט אויף קיין פאַל זיך נישט אויסגעאַרבייט קיין פּרינציפּיעל טיעפע לע-בענס-אַנשויאונג. דעריבער איז עס נאָך מעהר מערקווירדיג צו זעהן, ווי אַזוי אין זיין פּאָעטישער שאַפונג האָט זיין געניוס איהם מיטגעריסען מיט זיך, געמאַכט איהם גרויס און זיעגרייך אין זיין אַרגומענטאַציע און מיט אַנ'אונפערגלייכליכער זיכערהייט איהם צוגעפיהרט צו די ענטשיידענדע פּונקטען. און וואָס פאַר אַ רעוואָלוציע איז געוואָרען אין דער אייראָפּעאישער פּאָעזיע, וועל-כע איז אין 1821 געזונקען אַזש ביז דעם האַלז אין ביבעל-גלויבען און רעליגיעזען פינסטערניש, בשעת עס איז ערשיענען „קין“, ווי אַ רעוואָלוציאָנערער מאַניפעסט! די ווירקונג קאָן מען נור פערגלייכען מיט דעם איינדרוק, וועלכען עס האָט געמאַכט מיט 14 יאָהר שפּעטער אין דער וויסענשאַפטס-וועלט די ערשיי-נונג פון שטרויס'עס „דאָס לעבען פון יעזוס“. די דייטשע פּאָעטען האָבען אין זייער פרייען העלעניזם שוין פריהער אָבגע-רוקט פון זיך די ביבעל. דאָ האָט זיך אויפגעהויבען אַנ'אַנדער פּאָעט, וועניגער דורכגעדרונגען מיט פרייהייט, וואָס איז געווען איינגעשפּאַרט אין אַ דאָגמען-שטייג, איז אָבער אַרומגעלאָפען אין איהר ווי אַ געפאַנגענע חיה און געקלאַפּט אָן די שטאַנגען פון דער שטייג.

דער טייל פון דער דראַמע, אין וועלכען עס ווערען פון איין זייט אויפגעדעקט די אַלע אינערליכע געגענזאַצען פון דער יודיש-קריסטליכער טראַדיציע, און פון דער אַנדער זייט איהר געגענזאַץ צו דעם פערנונפט, דער דאָזיגער קריטיש-פּאָלעמישער טייל האָט איצט פאַר אונז אַ גאַנץ קנאַפּען אינטערעס; די מענש-הייט האָט זינט 1821 געמאַכט אַזוי פיעל שריט פאָרווערטס, אַז די גאַנצע שאַרפזיניגקייט, וועלכע איז אָנגעווענדט געוואָרען דערויף, כדי צו דערפיהרען ad absurdum די טעאָלאָגיע פון ערשטען טייל פון דער ביבעל, זעהט אונז איצט אויס, ווי די פּאָלע-מיק געגען גלויבען אין שדים. אָבער אין דער ווירקליכקייט

דאַרף מען די דאָזיגע פּאָלעמיק נור אויסערליך אָננעהמען אין בוכשטעבליכען זין פון דעם וואָרט; זעלבסטפערשטענדליך, אַז בייראָן האָט נישט געמיינט צו שרייבען קיין גאָטסלעסטערונגען; עס וואָלט זיין אַנ׳אומזין צו וואַגען זיך אויף קריטיק פון דעם העכסטען, אַלהערשענדען וועזען. „קַיִן” בעקעמפפט נור דעם גלויבען, אַז די אָרדנונג פון דער נאַטור האָט אַנ׳עטישען כאַראַקטער, אַז דאָס גוטע, אָנשטאָט צו זיין דאָס ציעל פון מענשליכען לעבען, איז גאָר זיין פּאָראויסזעצונג. מען דאַרף אָבער געדענקען, אַז די מענשליכע שפּראַך פערמאָגט פיעל אויסדריקען, וועלכע די פערגאַנגענהייט האָט געשאַפען און וועלכע די שפּעטערדיגע דורות מוזען בענוצען, ווייל קיין אַנדערע אויסדריקען זענען נישטאָ, הגם מען פערשטעהט זיי שוין אין גאָר אַנ׳אַנדער זין. אַזעלכע אויסדריקען זענען, למשל, נשמה און קערפּער, אייביגקייט, בעפרייאונג, גן עדן, ערשטער חטא, ערשטע קללה א. אַ. וו. און בייראָן האָט אין זיין דראַמע זיך געהאַלטען אָן די אַלע אַלטע טעאָלאָגישע אויסדריקען.

אָבער דעם פאָרשטעלען די פלאַכקייט פון דער געוועהנליכער אפּיקורסות ענטשפּרעכט דאָ אין דער דראַמע דער ליידענשאַפטליכער אויסדרוק פון דעם אונענדליכען עלענד פון מענשליכען דאַזיין. דער יסוד איז דאָ נישט פּעסימיזם, ווי מען האָט עס אָנגערופען מיט אַ פּוסטען און אינהאַלטסלאָזען וואָרט, נאָר דאָס טיעפע געפיהל פון אונפערמיידליכען מענשליכען עלענד. פיעל טיעפער, ווי די פערביטערטקייט געגען דער וועלט-מאַכט, וועלכע שאַפט נור, כדי צו צושטערען, ליעגט אין בייראָנ׳ס נשמה דאָס געפיהל פון נויטווענדיגקייט פון אונענדליכען מיטליידען פון אַלע מיט אַלע, דאָס טיעפע מיטגעפיהל צו אַלע ליידען, וועלכע מען קאָן נישט אויסמיידען, אָבער צו וועלכע מען טאָר נישט בלייבען גלייכגילטיג. „קַיִן” איז די טראַגעדיע פון דעם גרונד-טראַגישען, וואָס דער מענש ווערט געבוירען, ליידט, זינדיגט און שטאַרבט. בייראָן מאָטיווירט די ביבלישע לעגענדע: אדם איז אונטערדריקט, חוה איז געבונדען, הבל איז אַ ליעב און געהאָרזאַם יונגעל; קין איז די יונגע מענשהייט,

וועלכע טרוימט, פאָרשט, בעגעהרט און פערלאַנגט. ער דאַרף זיך בעטייליגען אין דער דאַנק-תפילה. פאַרוואָס ליבען און דאַנקען פאַר דאָס לעבען? אָבער צי מוז איך דען נישט שטאַרבען? פאַר דאָס לעבען? אָבער צי האָב איך דען געוואָלט לעבען? פאַר דאָס לעבען? אָבער צי בין איך דען נאָך אין גן-עדן? פאַרוואָס לייד איך? פאַר אדם'ס זינד? פאַרוואָס האָט מען איהם אָנגערעדט צו זינד? נאָך וואָס האָט מען דעם בוים געפלאַנצט, אויב נישט פאַר איהם? פאַרוואָס האָט מען איהם אַלס דעם שענסטען אין מיטען גאָרטען געבען איהם פערפלאַנצט? צו וואָס ברייננגט מען די אונשולד צו אַ נסיון, רייצענדיג איהר נייגיריגקייט? צי איז דאָס גוט, נור ווייל גאָט וויל עס? איז דאָס אַנ׳ענטפער? צי קאָן גוטס דען שאַפען שלעכטס? און וואָס דען אַנדערש שאַפט עס? און אויב דאָס שלעכטע פיהרט צום גוטען, פאַרוואָס זאָל מען גלייך נישט טהון דאָס גוטע? אין טויזענדפאַכיגען עלענד האָט גאָט זיך פערקערפערט, און דאָך איז ער גליקליך. ווי קאָן מען גליקליך זיין, ווען מען איז אַליין? ווי קאָן מען זיין געבענשט, ווען מען איז דער איינציגער, וואָס געניסט דערפון? און דער דאָזיגער אונענדליכער, אונערשיטערליכער טיראַן איז איינזאַם. מיר זענען גאָרנישט אין פערגלייך מיט איהם? גוט! אָבער דאַן וויל איך וועניגסטענס נישט זיין צביעות׳דיג צופריעדען מיט מיין נישטיגקייט און נישט אויסזעהן צופריעדען מיט מיינע ליידען. אַ קאַמפף פון אַלע געגען אַלע און געגען אַלץ, און טויט פאַר אַלע, און קראַנקהייט פאַר דעם גרעסטען טייל, און פיין און ליידען, אָט דאָס זענען די פרוכטען פון עץ הדעת. איז דען אַלזאָ דער שיקזאַל פון מענשען נישט טראַגיש? נור איין גוטע זאַך האָט אונז געגעבען דער שיקזאַל: פערנונפט. אָבער ווער קאָן שטאָלץ זיין מיט זיין פערנונפט, וואָס איז צוגעשמידט צו אַ קערפערליכער מאַסע און צו די עלענדע בעדערפנישען פון אַ וועזען, וואָס זיין העכסטע תאוה איז זיסע זעלבסט-ערנידערונג און שמוציגע, דערנערווירענדע איליזיע? נישט קיין גן-עדן, נאָר טויט האָבען מיר בעקומען בירושה אויף דער יאָמערליכער קליינער ערד, דאָס וואוינאָרט

פון די בעשעפעניש, וואָס דייער העכסט גליק האָט בעדאַרפט בעשטעהן דערין, אַז זיי זאָלען לעבען בלינד אין גן-עדן פון אונוויסענהייט, פון וועלכען דאָס ערקענטניש איז פערטריבען גע-וואָרען ווי אַ גיפט. און איצט בערעכענט נאָך, אַז דאָס דאָזיגע גאַנצע עלענד דאַרף ווייטער דויערן און איבערגעהן פון דור צו דור! צו זעהן די ערשטע טרעהרען און טראַכטען דערביי מיט שוידער, וואָס פאַר אַ ים מיט טרעהרען עס וועט נאָך פליסען! צי וואָלט נישט בעסער געווען, צו שליידערן דאָס צאַרטע קינד אויף די פעלזען און גלייך עס צו טויטען, כדי באַלד אין אָנ-הויב צו פערניכטען דעם קוואַל פון עלענד? פון וואַנען געהמט איינער מוטה צו געבוירען קינדער אין אַזאַ וועלט? און פאַר אַזאַ עקזיסטענץ זאָל איך נאָך אַ דאַנק-געבעט צום הימעל געבען?

אָט דאָס איז די שטימונג אין קין'ס נשמה, ווען ער איז געצוואונגען צו זיין אַ קרבן, און די שטימונג האָט אין איהם ענטוויקעלט לוציפער מיט זיינע רעדעס. דער דאָזיגער לוציפער איז נישט קיין טייוועל. ער אַליין זאָגט וועגען זיך:

ווער זוכט דען די ביטערקייט פון בייזען צוליעב איהר אַליין?
קיינער! עס איז נור דער זויער-טייג פאַר דעם גאַנצען זיין און נישט-זיין.

ער איז אויך נישט קיין מעפיסטאָפעל; צוליב לייכטען שפּאַס ביי אַ געלעגענהייט איז ער דורכאויס ערנסט. ניין, דער דאָזיגער לוציפער איז אין דער ווירקליכקייט דער פערשפרייטער פון ליכט, ער איז דער געניוס פון דער וויסענשאַפט, דער שטאָלצער און דרייסטער גייסט פון דער קריטיק, דער בעסטער מענשען-גייסט, אַ געפאַלענער, ווייל ער האָט נישט געוואָלט ליגען און בויגען זיך. ער איז דער גייסט פון פרייהייט. אָבער דערביי גאַנץ אייגענטימליך! ער איז נישט דער קלאָרער און אָפענער קאַמפ פאַר דער פרייהייט, נאָר די פרייהייט, וועלכע בעגייסטערט

 פערשווערער און רעוואָלוציאָנערען, פינסטער און אונהיימליך,

וואַנדערנדיג שטיל איבער די פערבאָטענע וועגען, יענער פריי־הייטס־דראַנג, וועלכער האָט אין 1821 פערהאַפט אַלע פערצווייפעלטע יונגע פרייהייטס־קעמפפער פון אייראָפּאַ.

מיט דער הילף פון לוציפר ווערט „קין" אַ גייסטער־דראַמע: דען לוציפר פיהרט זיין שילער איבער דעם רוים פון דער נאַטור, ווייזט איהם אַלע וועלטען מיט זייערע בעוואוינער, די מלוכה פון טויט און די צוקינפטיגע, נאָך נישט געבוירענע גע־שלעכטער. פון קין פאָדערט ער נישט קיין בלינדען גלויבען און נישט קיין בלינדע הכנעה, ער זאָגט נישט: „ווערסטו אין מיר צווייפלען, זינקסטו באַלד אין אַנ'אָבגרונד, ווערסטו גלויבען — ווער־סטו דערהויבען!" ער מאַכט נישט דעם גלויבען אין איהם אַלס בעדינג פון קין'ס רעטונג, און פאָדערט פון איהם נישט קיין אונטערטעניגקייט, נישט קיין דאַנק. ער עפענט נור קין'ען די אויגען. דאַן קעהרט זיך קין אום צו דער ערד, און דער ער־שטער רעוואָלוציאָנער לאָזט דעם ערשטען מערדער מיט זיך אַליין אַלס טראָפּעע פון פיינגליכען צווייפעל. עס דאַרף געבראַכט ווערען אַ קרבן, און ער דאַרף אויסוועהלען אַ מזבח. וואָס זענען פאַר איהם מזבחות? נור שטיינער און ברעטער. ער, וועלכער בעציהט זיך מיט אָבשיי צו ליידען, וויל נישט מקריב זיין קיין אונשולדיגע חיה אויפ'ן מזבח פון בלוטדורשטיגען גאָט. ער לעגט פרוכטען אויפ'ן מזבח. הבל זאָגט אָב זיין פרום געבעט לויט די כללים. קין דאַרף אויך מתפלל זיין. וואָס זאָל ער זאָגען?

אויב דו מוזט בערוהיגט ווערען דורך אַ קרבן,
אַזוי נעהם מיין אָפּפער, גאָט! אויב דו ליעבסט דאָס בלוט,
אַזוי נעהם הבל'ס אָפּפער— —
ער, וועלכער האָט דעם אַלטאַר אויפגעשטעלט,
ער איז אַזוי, ווי דו האָסט איהם בעשאַפען.
ער בעגעהרט נישט קיין זאַך, וואָס ווערי דורך תפלות דערגרייכט.

דאָ צינדט אָן אַ בליץ הבל׳ס קרבן, און דאָס פייער פון הימעל לעקט ליעבליך דאָס בלוט פון אָט דעם מזבח, בעת אַ שטורם-ווינט וואַרפט-אום מיט האַס קין׳ס מזבח. האָט גאָט זיך געפרעהט מיט די ליידען פון די ברומענדיגע מוטערס, ווען מען האָט פון זיי אָבגעריסען זייערע שעפעלעך און זיי געפיהרט צו דער שחיטה? האָט ער געהאַט פערגניגען, זעהענדיג די יסורים פון די אָרי-מע חיות אונטער דעם פרומען מעסער? קין׳ס בלוט קאָכט-אויף אין איהם, ער וויל אומוואַרפען יענעם מזבח, אָבער הבל שטערט איהם דערין און האַלט איהם איין. „היט זיך! דיין גאָט ליעבט בלוט!”—און, וואַהנזיניג פון זיין צאָרן, פון זיינע ליידען, פון זיין שיקזאַל, פאַלט קין אַריין אין דער נעץ, וועלכע גאָט האָט איהם פערלעגט, און בעגעהט דעם ערשטען מאָרד. נישט וויסענדיג, וואָס אַ מאָרד בעדייט, און אַזוי ברייננגט ער אַליין אין דער מענשליכער וועלט דעם טויט, וואָס בלויז זיין נאָמען, בשעת ער איז איבערגעגעבען געוואָרען דער מענשהייט, האָט איהם אַריינ-געבראַכט אין אַ צושטאַנד פון שוידער. נאָך איידער די טהאַט איז אויסגעפיהרט געוואָרען, האָט ער שוין הרטה אויף איהר. דען קין, וועלכער ליעבט אַלע מענשען, ליעבט הבל׳ן האַרציג. דערנאָך קומט די קללה, די שטראָף, די פערטרייבונג און קין׳ס צייכען.

דער דאָזיגער קין-צייכען איז דער צייכען פון דער מענש-הייט: דער צאָרן פון ליידען און אונשטערבליכקייט. בייראָנ׳ס דראַמע שילדערט דעם קאַמפף צווישען דער ליידענדער און פאַרשענדער מענשהייט פון איין זייט און פון יענעם גאָט פון בליץ, פון שטורם און פון די הימלישע כחות פון דער אַנדער זייט, וואָס זיינע שוואַכע אָרעמס זענען געצוואונגען אַרויסצולאָזען די וועלט, וועלכע רייסט זיך אַרויס פון זיינע קופערנע הענד. כדי צו פערמיליגען די וועלט, וועלכע פערלייקענט איהם, קאָן ער לאָזען פליסען שטראָמען בלוט און הייסען זיינע כהנים אָנצינדען הונדערטער שייטערהויפענס; אָבער קין געהט אַרויס אונבעשעדיגט פון אונטער דעם אַש און שטראָפט די דאָזיגע

כהנים מיט אונשטערבליכער פערראַכטונג. קין, דאָס איז די דענקענדע מענשהייט, וועלכע שפּאַלט אין איין שטעם פריהמאָרגען דעם הימעל און זעהט, ווי מיליאָנען פון וועלט-קערפער הויבען זיך אויף הויך אין זייער פרייהייט איבער גאָט'ס דונער-וואָגען. קין, דאָס איז די אַרבייטענדע מענשהייט, וועלכע שטרעבט מיט דעם שווייס פון געזיכט צו שאַפען אַ בעסערן גן-עדן, נישט קיין גן-עדן פון אונוויסענהייט, נאָר פון וויסען און האַרמאָניע, דער גן עדן, וועלכער וועט נאָך לעבען נאָכדעם ווי יהוה וועט שוין לאַנג זיין פערגייהט אין זיין טויטען-קלייד און וועט צודריקען צו זיין האַרץ דעם ווידער-געפונענעם הבל.

*
* *

דער נאַטוראַליזם אין גייסטיגען לעבען פון ענגלאַנד הויבט זיך אָן פון וואָרדסוואָרט אַלס דאָרפישע ליעבע צו דער אויסערליכער נאַטור, אַלס אויפנאַהמע פון די נאַטור-איינדריקען און אַלס פיעטעט צו דער חיה, צום קינד, צום פויער און צום איינפאַכען מענש. צייטענווייז נעהמט דאָס ביי איהם אָן אַ פאָרם פון איינגעשלאָסענער נאַטור-נאָכאַהמונג. ביי קאָלרידזש און נאָכמעהר ביי סואיטי ווערט דער נאַטוראַליזם עהנליך צו דער דייטשער ראָמאַנטיק פון יענער צייט, געהט נאָך דער דאָזיגער ראָמאַנטיק אין דער וועלט פון לעגענדע און אַבערגלויבען, אָבער האַלט זיך ווייט פון איהם דורך זיין נאַטוראַליסטישער בעהאַנדלונג פון ראָמאַנטישען שטאָף, דורך זיין אָפענעם זין פאַר יבשה און ים און פאַר אַלע עלעמענטען פון דער ווירקליכקייט. דער נאַטוראַליזם נעהמט-אָן אַנ'עטנאָפּסיכאָלאָגישען און היסטאָרישען האַראַקטער ביי סקאָט און שילדערט מיט העלע פאַרבען דעם מענש אַלס קינד פון אַ בעשטימטער ראַסע און בעשטימטען דור; ביי קעטס נעהמט דער נאַטוראַליזם אַרום די גאַנצע וועלט פון ליידענשאַפטען און פערהאַלט זיך דאָ אויף אַ ווילדע גייטוראַל צווישער דער

רוהיגער נאַטור-בעאָבאַכטונג און דעם פרעדיגען יראת-הכבוד פאַר דער נאַטור און נאַטירליכע רעכט. ער ווערט עקזאָטיש און פאָ-ליטיש ביי מור׳ן, וועלכען דער עלענד און די ליידען פון זיין פאָטערלאַנד האָבען געטריבען אין לאָגער פון די פרייזיניגע אידעען. ער ווערט ביי קאַמפבעל אַ לויב-געזאַנג צו ענגלאַנד אַלס קעניגין פון די ימים און ווערט אויך דער אויסדרוק פון ענגלישען פרייזין. ער טרעט אַרויס ביי לאַנדאָר אַלס פרייער, היידנישער הומאַניזם, אָבער צו-אָבשרעקענד און שטאָלץ, כדי צו געווינען פאַר זיך אייראָפאַ. ער פערוואַנדעלט זיך ביי שעלי אין אַ פאַנטעאיסטישע נאַטור-טרוימעריי און אין אַ פּאָעטישען ראַדיקאַליזם, וועלכער פערמאָגט די שענסטע פאָעטישע מיטלען; אָבער דער קאָסמישער און אַבסטראַקטער תאַראַקטער זיינער צו-זאַמען מיט דעם צו-גרויסען אָבשפּרינגען פון דיכטער פון דער אַרומיגער וועלט, ווי אויך זיין פריהצייטיגער טויט האָבען גע-בראַכט דערצו, אַז דאָס ליעד איז נישט געהערט געוואָרען און אייראָפאַ האָט גאָר קיין אַהנונג נישט געהאַט, וואָס פאַר אַ פּאָעט זי האָט פערמאָגט און פערלוירען. אָבער פונקט ווי אַכילעס הויבט זיך אויף, נאָכדעם ווי ער פערברענט דעם קערפּער פון פּאַטראָ-קלאָס, מיט דערזעלבער גוואַלטיגער קראַפט לאָזט זיך הערען נאָך שעלי׳ס טויט בייראָנ׳ס שטים. די אייראָפּעאישע פּאָעזיע איז געגאַנגען אין אַ שלעפּערדיגען און שטילען שטראָם, און ווער עס איז געגאַנגען אין דער לענג פון ברעג פון דעם שטראָם, האָט געקאָנט געפינען וועניג, אויף וואָס דאָס אויג אָבצושטעלען. ביי בייראָנ׳ען האָט מען געזעהן, ווי דער שטראָם זידט און שטורמט, מען האָט געהערט איהם רוישען ווי אַ מוזיק, מען האָט געהערט די קלאַנגען פון זיין ליעד, וואָס זעבען געגאַנגען צום הימעל. דאָ האָט דאָס וואַסער—וואונדערבאַר-שען—געשפּריצט מיט ווייסען שוים פון ליידענשאַפט, געבושעוועט אַרום מיט אַ וואַסער-שטורם, צושמעטערט זיך אַליין און אַלץ, וואָס איז איהם געשטאַנען אויפ׳ן וועג, און זאָגאַר שפּעטער פעלזען געבראָכען. און אין מיטען וואַסערפאַל איז געשטאַנען, ווי בייראָן האָט גע-שילדערט אין „טשיילד האַראָלד", דער שענער גאָט איריס, אַ

ג ע א ר ג ב ר א נ ד ע ס.

פרעכטיג שטראהלענדער רעגענבויגען, דער צייכען פון הארמא-ניע, פון שלום און פרייהייטס-גליק, אונבעמערקבאר פאר פיעל, אבער קלאר פאר יעדען, וואס האט געהאט די זון איבער זיך, און געהאט אויגען צו זעהן.

דער דאזיגער רעגענבויגען האט אנגעזאגט בעסערע צייטען פאר איירא פא.